STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07022

FUN ALTN KVAL

M. J. Dujowich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ח. דוכאוויטש

פון אַלטן קוואַל

(עסייען)

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן לויט דער איניציאַטיוו פון
פרוי סאָפיאַ דוכאָוויטש, — אלמנה פון
מחבר — און דערמעגלעכט פינאַנסיעל אַרויסצוגעבן
דאָס בוך האָבן די קולטור־קאָמיסיע ביים
יידישן צ. ק. אין מעקסיקע און דער קולטור־טוער און
נדבן ה' נחמן זיידענוועבער.

גערדרוקט דורך „די שטימע״
מעקסיקע ד. פ. 1954

M. J. DUJOWICH

DEL VIEJO MANANTIAL

(Ensayos)

Impreso en "LA VOZ ISRAELITA"
Pedro Moreno 129 México, D. F.
— 1954 —

מ. ח. דובאָוויטש

1951 — 1873

פאָרוואָרט

משה חיים דובאָוויטש ע"ה האָט איבערגעלאָזן אַ סך כתבים, יאָ און נישט געדרוקטע, פון וועלכע ער האָט זיך ביי זיין לעבן נאָך געקליבן אַרויסצוגעבן עטלעכע ביכער. עס איז געווען זיין ווילן — און זיין לעבנסבאַגלייטערין האָט עס געהאַלטן ווי אַ צוואה — אַז אויב ער וועט עס ביים לעבן נישט באַווייזן, זאָלן זיינע שריפטן דערזען די ליכטיקע שיין נאָך זיין פּטירה, און זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן.

ווי אַ פאַרערער פון מ. דובאָוויטש און זיינער אַ נאָענטער פריינט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, שעץ איך זייער הויך די באַמיאונג פון פרוי סאָפי דובאָוויטש, וועלכע האָט געזאָרגט, אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל דערשיינען ווי אַ לעבעדיקע מצבה נאָך איר גאָטזעליקן מאַן; אַלע וועלכע וועלן דאָס בוך לייענען, וועלן דאָס געוויס אויך אָפּשאַצן.

מ. ח. דובאָוויטש איז געווען אַ ייד אַ משכיל און אַ זאַפטיקער שריפטשטעלער; זיינע חיבורים האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זייער באַלערנדן און פיינעם טאָן; פון זיינע עסייען, אין אַלטן לומדישן סטיל געשריבן, ווייעט מיט לעבנס־חכמה און געזונטן פאַרשטאַנד.

אַ פאַרליבטער אין דער נאַטור, אַ קענער פון לעבן און גריבלער אין זין פון דער יצירה, האָט מ. ח. דובאָוויטש אַלע זיינע יאָרן גע־זוכט צו שעפּן וויסן פון אַלע מקורים; עס האָט אים געצויגן צו וואַלד און פעלד, צו אַ דאָרפיש לעבן (ער איז געווען פון די איינציקע יידי־שע עמיגראַנטן אין מעקסיקע איינצואָרדנען זיך אויף אַ פאַרם); ער האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיט דער וועלט פון פלאַנעטן און איז געווען אפשר דער איינציקער יידישער פּובליציסט, וואָס האָט

אַמט געשריבן, און פּאָפּולער געשריבן, וועגן אַסטראָנאָמיע. אָבער גאָר באַזונדערס האָט ער געשעפּט פון אַ ל ט ן ק ו ו א ל און זייער אָפט זענען די טעמעס פון זיינע אַרבעטן געווען גענומען פון רייכן אוצר פון דער יידישער געשיכטע; מיט זיין לומדישן, אָבער וועלטלעכן צוגאַנג, האָט ער אָט די טעמעס צוגעפּאַסט צו דער צייט און מיט שאַרפזין, מיט געדאַנקען־רייכקייט זיך און אַנדערע אָפּגע־פרישט מיט די מים־חיים פון אייביקן קוואַל.

* * *

דאָס פאָרליגנדע בוך איז אַן אויסוואַל בלויז פון אַ טייל פון די איבערגעבליבענע עסייען פון מחבר; אפשר, און עס וועלן אויך זוכה זיין אַריינגענומען ווערן צווישן טאָוולען די אַנדערע כתבים פון מ. ח. דוכאָוויטש ע״ה. אָבער שוין דער באַנד, (וואָס דערשיינט צום דריטן יאָרצייט), איז אַ ווירדיקע באַערונג פאַרן נפטר־שריפט־שטעלער — און דער שרייבער פון די שורות איז צופרידן צו זיין צווישן די, וואָס האָבן מיט עפּעס־וואָס מיטגעווירקט אַרויסצוגעבן דאָס בוך. עס קומט געוויס אַ ישר־כח דער קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און דעם חשובן קולטור־טוער ה׳ נחמן זיידענוועבער, פאַר זייער פינאַנסיעלן ביישטייער; אָן דעם וואָלט די אויסגאַבע נישט מעגלעך געווען. עס איז געווען דער אויסדריקלעכער ווילן פון פרוי סאָפי דוכאָוויטש, אויסצודריקן זיי דאָ עפנטלעך אַ דאַנק.

* * *

אַ קורצע צייט פאַר זיין פּטירה, (ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 78 יאָר נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט שבת דעם 15־טן סעפּ־טעמבער 1951), האָט מ. דוכאָוויטש געזאָגט צום אונטן געחתמטן, אַז ער איז באַוווסטזיניק וועגן דעם „אייביקן לעבנס־גאַנג״ און דעם אומפאַרמיידלעכן סוף; ער באַדויערט נאָר, וואָס מיט אים רייסט זיך איבער די גזע פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען (נישט אין פּי־זישן זין, האָט ער עס געמיינט) און וואָס דאָס האָט אויף אים גע־הויערט אויף די עלטערע יאָרן. מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך „פון אַלטן קוואַל״ ווערט מ. דוכאָוויטש׳עס שטאַמיקייט געבראַכט צום ווייטערן גייסטיקן לעבן; עס ווערט מיט דעם אויך באַערט אַ מענטש אַ דענקנדער, אַ ייד אַ באַוווסטזיניקער, אַ גייסטרייכער שיינשרייבער.

זאָל זיין אָנדענק ניט פאַרגעסן ווערן.

משה רובינשטיין

בראשית

בראשית ברא אלוהים את השמים ואת הראץ — אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד...

זאָל מיר דערלויבט זיין אָפּליינגן אַן אַ זייט אויף אַ קליין ווייַלע אַלע ביכער פון קאָסמאָגראַפיע, אַסטראָנאָמיע, פיזיקע און כעמיע, אין וועלכע געלערנטע שאַפן טעאָריעס פון וועלט־באַשאַף אויפן גרונט פון פיזישע, כעמישע און גראַוויטאַציע געזעצן. אייגנטלעך איז עס דער זעלבער בורא פון אַלע וועלטן, נאָר אונטער אַנדערע נעמען. —

איצט, ווען אויף מיין טיש ליגט אַ צוּעפּנטער חומש, וויל איך ניט וויסן פון קיינע נעמען, — ברא אלוהים — גאָט האָט באַשאַפן. ער איז דער מקור פון אַלע כוחות, די סיבה פון אַלע געזעצן. ער איז דער אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון לעבן — סיי פון דעם ווערימל אונטערן שטיין און סיי פון די מיליאַרדן־מיליאַנען זונען מיט זייערע ערדן, וואָס באַקומען פון זיי ליכט און לעבן. — פון אים און צו אים ציען זיך אַלע פעדים, וואָס פירן דעם אוניווערס... לאָמיר מער ניט רעדן וועגן דעם, דאָס איז אַן אַקסיאָמע — ברא אלוהים!...

לאָמיר זיך בעסער אַריינטראַכטן אין דעם באַשאַף: אַ הימל — פול מיט שטערן־זונען צעוואָרפן אין דער אומענדלעכקייט פון שטח, גייען זייער באַשטימטן וועג אין דעם אין־סוף פון דער אייביקייט.

אַן ערד, איינע פון די קלענסטע פון דעם וועלט־אַל, פול מיט פלאַנצן, מיט בלומען, מיט ביימער — ברוויזט מיט לעבן. די מאַיעסטעטישע זון־אויפגאַנגען, די שטילע, פאַרחלומטע פאַרנאַכטן, די רוישנדע ימים, די מעכטיקע שטורעמס, דער מיסטעריעזער דונער און דער פלאַמיקער בליץ — דאָס אַלעס איז אַזוי שיין, אַזוי וואונדערבאַר! — וירא כי טוב...

אַזוי גייט עס אַלץ בעסער און שענער ביז וואַנען עס קומט דער מענטש. די ערד איז אַ גן־עדן פאַר אים. זי גיט אַרוים — כל עץ נחמד

מ. דוכאָוויטש

למראה וטוב למאכל — אַלערליי ביימער גלוסטיק אָנצוקוקן און גוט צום עסן. אָבער באַלד הייבט זיך אָן „טראָבל", און דער גן־עדן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּלאַץ, וווּ מען דאַרף מיט שווייס אַרויסבאַקומען דאָס ברויט פאַר זיך...

בראשית — גלייך פון אָנהייב הייבן זיך אָן רייסערייען, שנאה, קנאה און בלוט — ברודער־בלוט־פאַרגיסונג. די געשיכטע פון קין מיט הבלן.

קין איז געווען אַן ערד־אַרבעטער און הבל — אַ פּאַסטוך פון שאָף. צוויי באַשעפטיקונגען, וואָס זענען כמעט איינס און דאָס זעלבע; ביידע האָבן צו טאָן מיט דער נאַטור, מיט לאַנקע, פעלד און וואַלד. עס איז נאַטירלעך, אַז קין האָט געדאַרפט ברענגען זיין מנחה צו גאָט פון די פרוכטן וואָס די ערד גיט אַרויס, און הבל — אַ פעטע יונגע שאָף. די ערשטע מענטשן אויף דער ערד אַקוראַט ווי די איצטיקע, האָבן געמיינט, אַז מען קען מיט אַ מנחה גאָט פאַרגיטיקן, — יענע — מיט אַ פעט־געשטאָפּטן שעפּס, אָדער מיט אַ קאָרב פרוכטן, און די — מיט אַ תפילה און אַ לויב־געזאַנג צו אים, און מיט גלאָצן די אויגן צום הימל.

פאַרוואָס האָט זיך קין'ען געדאַכט, אַז גאָט האָט הבלס מתנה בעסער אָנגענומען, איז ניט אינגאַנצן קלאָר. אפשר דערפאַר וואָס הבלס פעטע שאָף האָט זיך געפּרעגלט אויפן פייער מיט אַ געפּילדער, געשפּריצט פון זיך שמאַלץ־טראָפּנס, און פאַרשמעקט אַ וועלט. און קין'ס באַשיידענע פרוכטן זענען שטיל געלעגן אויפן מזבח און מען האָט פון זיי קיין פּיפּס ניט געהערט. די פּרימיטיווע מענטשן, ווי די מאָדערנע, האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז לא ברעש ד".

ווי די זאַך איז — האָט זיך די קנאה, אָט די שלאַנג מיט גרינע אויגן, צוברענט אין קין'ס נשמה, און ער האָט זיין ברודער דערהרגעט, פּונקט ווי די הייַנטיקע מיליאָנען קין'ס פלאַקערן מיט קנאה און האַס און מאָרדן־אויס זייערע ברידער. די נפקא־מינה צווישן זיי איז נאָר די, וואָס דער ערשטער קין האָט פאַרשטאַנען זיין גרויסע זינד און האָט אויסגערופן: גדול עוני מנשוא! — מיין זינד איז אומדערטרעגלעך, און די קין'ס פון אונזערע טעג פאַרגיסן די ערד מיט ברידער־בלוט און גרויסן זיך נאָך מיט דעם...

פון אלטן קוואל

בראשית — מיר האלטן נאָך ביים אָנהייב. דער מענטש אויף דער ערד איז נאָך אַ חיה, זייער אַ געפערלעכע חיה, ווייל מיט פאַר־שטאַנד, זי פאַרצוקט ניט מיט אירע ציין און נעגל, נאָר מיט געמאַכ־טע ציינער און נעגל, וואָס בייסן און רייסן און פאַרניכטן אַלץ אויף זייער וועג.

אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס, וואָס די מענטשהייט מאַכט איצט דורך, איז אַ נייער מבול, וואָס וועט אָפּוואַשן און אויסרייניקן דאָס שמוץ פון דער ערד. מענטשן געלייטערטע אין העלישן פייער פון דעם וועלט־בראַנד און געבאָדענע אין דעם בלוט־מבול וועלן סוף כּל סוף פאַרשטיין, אַז — גדול עונינו מנשוא — עס איז אומדערטרעגלעך ווייטער אַזוי צו לעבן. דאָס צוזאַמענלעבן פון מענטשן מוז באַקומען אַן אַנדער פאָרם. עס מוזן געשאַפן ווערן אַזעלכע לעבנס־באַדינגונ־גען, ביי וועלכע קנאה און שנאה, אַט די צוויי מאָנסטערס, וואָס הערשן אין מענטשלעכע הערצער, זאָלן אויסגעראָטן ווערן מיטן וואָרצל, און דאַן וועלן מיר טאַקע האַלטן ביי בראשית — ביים אָנהייב פון אַ מענטשלעכן לעבן.

ניי-יאָר בײַ די ביימער

פון צייט צו צייט ווענד איך זיך צום קוואַל, פון וואַנען איך שעפּ אָן אַביסעלע מים חיים, מיט וועלכע איך דערפריש מיין באַטריבטן געמיט.

די פינסטערע צייטן, אין וועלכע מיר לעבן, פאַרפלייצן אונז מיט מוטנע כוואַליעס און עס איז פשוט אַ לעבנס-נויטווענדיקייט אָפּוואַשן זיך פון זיי מיט דיין וואַסער פון פרישן קוואַל.

אין אויב מיר קענען עס נישט טאָן שטענדיק, ווייל די מוטנע וואַסערן רינגלען אונז אַרום פון אַלע זייטן, און אָפט מוזן מיר מיט די לעצטע כוחות האַלטן זיך אויף זייער אויבערפלאַך, כדי אינגאַנצן נישט גיין צום גרונט, איז אָבער, גלויב איך, אַ גרויסע פאַרלייכטערונג פאַר אונז — ווען נישט ווען — אַרויסצושווימען אין די שטילע וואַסערן פון דעם גרינעם, בליענדיקן ווינקל, וואָס הייסט: קינדהייט...

אַ בייזער, קאַלטער ווינטער. דאָס שטעטעלע איז פאַרשאָטן מיט שניי. אַ פראָסטיקער ווינט, וואָס שניידט ווי מיט מעסערס, בלאָזט פון מזרח ביי אונז — קינדער, איז אָבער וואַרעם אויף דער נשמה — אונזערע קליינע הערצלעך שפּרינגען אין דערוואַרטונג פון עפּעס פריידיקעס: היינט איז חמשה עשר בשבט, מיר לערנען אין חדר נאָר אַ האַלבן טאָג און ווען מיר וועלן קומען פון דאַרטן, וועלן שוין וואַרטן אויף אונז אַלערליי טרוקענע פרוכטן, ווי באָקסער, וואָס וואַקסט אין ארץ-ישראל, פייגן, ראָזשינקעס, שאַפּטאַלן, מאַנדלען...

די אַלע אויסטערלישע פרוכטן, וואָס וואַקסן ערגעץ אויף יענער זייט פון די הרי חושך, זעען מיר נישט אָן אַ גאַנץ יאָר אין די אויגן. מיר פילן אין זיי דעם טעם פון גן-עדן און בייסן דעם האַרטן באָקסער קליינע שטיקעלעך, זשאַלעווענדיק מיט אַמאָל צו שיידן זיך מיט אים.

פון אלטן קוואל

חמשה עשר בשבט — ראש השנה לאילנות — עס איז נײ־יאָר בײ די בײמער.

מיר באַטראַכטן די בעלי־שמחות, װאָ רינגלען אַרום דאָס שטע־טעלע פון אַלע זײטן. זײ שטײען אײנגעהילט אין װײסן, װי אין תכריכים, מיט װײסע צעשפּרײטע הענט. אַלע מאָל — װינטער־צײט — שרעקן זײ אונז אַביסל, אַט די װײסע מתים. אונז דאַכט זיך, אַז דאָס זענען די טױטע אַרױסגעקראָכן פון זײערע קברים אין דעם דערבײאיקן בית־עולם, און דערזעענדיק אַ װײסע טױטע װעלט, זענען זײ שטײן געבליבן טױט, פאַרגליװערטע...

אָבער הײנט איז גאָר אַנדערש. הײנט קוקן מיר אַרױף צו זײ מיט יראת הכבוד, עס איז ראש השנה בײ די בײמער.

אָט שטײט אַ הונדערט־יאָריקע, פאַרצװײגטע כװאָיע. זי טײלט זיך אױס פון אירע שװעסטער מיט איר הױך, מיט אירע אַלטע צעקרימטע צװײגן־הענט.

מיר זענען זיכער, אַז דאָס איז דער שליח־ציבור פון װאַלד: עס איז דאָך עפּעס ראש השנה און די בײמער מוזן געװיס זײער נײ־יאָר פאַרברענגען אין תפילות ותחנונים, כדי אױסצובעטן בײם בורא אַ יאָר פון גוטע שפּרײ־רעגנס, פון װאַרימע, מחיהדיקע טױען...

דער גאַנצער װאַלד שטײט אַ פאַרכישופטער און הערט זיך צו צום געבעט פון דעם מעכטיקן בױם. זײ שאָקלען זיך נישט די גרױסע, שטאַרקע בײמער, זײ זענען נישט מרעיש־עולם. שטיל, מיט קעפּ און הענט צום הימל געהױבן, שיקן זײ זײער געבעט אין דעם גרױסן, פראָסטיקן רױם.

גאָר גיך װעלן די פרעסט נאָכלאָזן. עס װעט קומען דער פרילינג און װעט ברענגען מיט זיך זוניקע טעג און דופּטיקע סודותדיקע נעכט. דער װאַלד װעט זיך אָנטאָן אין שמעקעדיקע גרינע קלײדער, באַפּוצטע מיט פּרעכטיקע בלומען. געפליגלטע זינגער װעלן פאַרהילכן די לופט מיט זײערע לידער.

אין זײן װינטער־שלאָף זעט דער װאַלד דעם נאָענטן תחית־המתים פון דער נאַטור און ער זיפצט אָפּ לײכט, מיט אַ רואיקן גע־מיט...

אַך, װען מענטשן װאָלטן פאַרשטײן די נאַטור און װאָלטן לער־נען פון איר, װי צו לעבן אױף דער װעלט.

איך װיל שוין אָבער, דאַכט זיך, אַביסעלע צופיל...

פסח - זכר ליציאת מצרים

איך וויל אייך דערציילן א געשיכטע, וואס איז כדאי אויסצו־הערן אפילו דאן, ווען איר האט זי שוין געהערט אדער אליין דער־ציילט, ווייל כל המרבה לספר ביציאת מצרים — הרי זה משובח — וואס מער גערעדט און דערציילט וועגן יציאת מצרים — אלץ א גרעסערן „גלעט אין בעקל” וועט איר באקומען, און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס ברוב דברים לא יחדל פשע — ביי א פולע רעדן און דערציילן כאפט זיך אריין א פאנטאזיעלע, א גוזמאלע, און די געשיכטע, וואס מען דערציילט קריגט א בארד מיט פאות, אדער גאר א הויקער, רחמנא־לצלן, ווערט איר דאך געלויבט און גערימט דערפאר. היינט ווער וויל עס נישט אזא זיסע זאך, ווי געלויבט און גערימט ווערן?...

איך טראכט אפט, אז ווען יעקב וואלט אין דעם באגינען פון אונזער געשיכטע נישט ארויסגעוויזן זיינע „האנדלס־פעאיקייטן” צו קויפן אזא נישט גאנגבארע סחורה, ווי בכורה, וואלט געלאזן עשון בלייבן מיט זיין בכורה און אליין טאקע האלטן זיך פארן טאפ לינדזן, וואלט אונזער גורל צווישן די פעלקער געווען גאר אן אנ־דערער.

אך, ווען עשו בלייבט מיט זיין בכורה און מיט די רדיפות. הריגות, בלוט־בלבולים, פאגראמען און מיט נאך א סך „גוטע זאכן”, וואס די בכורה האט אונז געבראכט, און יעקב בלייבט זיצן איבערן טאפ לינדזן; און עסט אריין, ווי גאט האט געבאטן!...

איך פארזיכער אייך, אז וואס־וואס, אבער קיין היטלערן מיט זיין באנדע נאציס וואלטן מיר אויף אונזער קאפ נישט געהאט.

די טייערע קניה, וואס יעקב האט געמאכט, האט גאר גיך גע־לייגט איר שטעמפל אויף זיין לעבן.

עשו — א זאטער איז געווארן א נאטור־מענטש — איש ציד,

פון אלטן קוואל

און יעקב אַנגעלאָדן מיט דער בכורה, א גאַנצער אתה בחרתניק, איז געוואָרן א יושב אוהל, א ישיבה־בחור, אינגאַנצן אָפּגעריסן פון לעבן.

און ווען אין לאַנד ברעכט אויס א הונגער, גיט עשו זיך אן עצה און בלייבט זיצן אויפן אָרט, און יעקב כאַפּט זיך גלייך פאַרן טראַדיציאָנעלן יידישן מיטל — עמיגרירן. א זונדל האָט ער געהאַט אין דעם פעטן מצרים גאָר אין די גרויסע פעדערן, און — ווי עס פירט זיך ביי יידן — נעמט ער אַריבער צו זיך די גאַנצע משפחה, קרוב צו זיבעציק נפשות.

יידן קינדלען, אָן עין הרע, און פון דעם הייפעלע יעקבס קינדער און אייניקלעך אַנטוויקלט זיך א גאַנץ פאָלק פון ששים רבוא — זעקס מאָל הונדערט טויזנט, לויט דעמאָלטיקע באַגריפן — א גאַנץ גרויס פאָלק.

פרעמדע זענען פרעמדע, און די מצרים האָבן טאַקע אזוי געקוקט אויף דעם יידישן אימיגראַנט, וואָס איז זיי פרעמד געווען מיט זיין לעבנס־שטייגער, מיט זיין גלויבן, מיט זיין גייסט.

און דאָ הייבן זיך אָן די אונז שוין אזוי גוט באַקאַנטע צרות: א יידישע געטאָ, פאַרשידענע אויסנאַם־געזעצן און פאַרשקלאַפונג פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן.

די יידישע גוט־באַזיצער, צווישן זיי נישט ווינציק גאָר גרויסע און מעכטיקע, די יידישע הענדלער, וואָס האָבן געירשנט פון זיידן יעקבן די פעאיקייט צו קויפן און פאַרקויפן, אָבער שוין נישט קיין בכורה, נאָר עגיפּטישן ווייץ און בוימל — זיי האָט זיך געלעבט גאָר נישט שלעכט.

געליטן האָט דאָס אָרימע פאָלק, וואָס האָט קיין זאַך נישט פאַרמאָגט, נאָר זיינע הענט צו אַרבעטן. אָט די הענט זענען עקספּלואַטירט געוואָרן אויפן גרויזאַמסטן אופן.

— און ווען דער געניאַלער, גרויסער משה, וועלכער פלעגט גאַנץ אָפט זיך צוקוקן, ווי זיינע אומגליקלעכע ברידער פאַלן אונטערן לאַסט פון שווערער אַרבעט, פון אוממענטשלעכער באַהאַנדלונג, פון הונגער־לוין, האָט גענומען וועקן די פינסטערע מאַסן און צינדן אין זייערע הערצער דעם פייער פון צאָרן, האָט די יידישע בורזשואזיע געקוקט זייער קרום אויף דעם. זי האָט דערשמעקט

מ. דובאָוויטש

מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן, און האָט נישט געוואָלט זיך שיידן מיט דעם פולן און פעטן טאָפּ פלייש.

א מסירהלע האָט מען דערלאַנגט אויף משהן, אַז ער האָט גע־הרגעט אַ מענטשן, און ער האָט געמוזט אין דער מדבר אַנטלויפן.

אין דעם משך פון לאַנגע זיבן יאָר, אַליין מיט זיך און מיט זיין ווייטיק פאַרן ליידנדיקן פאָלק, האָט משה גוט דורכגעטראַכט דאָס פּראָבלעם.

פריער פון אַלץ מוז מען באַפרייען דעם פאַרשקלאַפטן פאָלק, אַרויספירן אים פון דעם לאַנד, וווּ ער איז נישט נאָר אַ שקלאַף, נאָר אויך אַ פרעמדער דערצו, — זאָל זיין אַפילו אין דער מדבר דערוויילע. דאָרט אויף דער פרייהייט וועט דאָס פאָלק — זיין יונגער דור, וואָס וועט אויסוואַקסן אונטער פרייע הימלען, דערצויגן ווערן אין דעם פרייען גייסט, שטרעבן צו דערווערבן זיך אַן אָרט אונטער דער זון.

משה קערט זיך צוריק צו זיינע אויסגעמאַטערטע ברידער און נעמט זיך פאַר זיין באַפרייאונגס־אַרבעט. א סברה — אומלעגאַל.

און דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער געלינגט עס אויפהייבן: די מאַסן, און נאָך פאַרשידענע מאַניפּולאַציעס און קונץ־שטיק, וואָס יענע צייטן האָבן געפאָדערט, אַרויסגיין מיט זיי אין דעם פרייען מדבר.

געגאַנגען זענען נאָר די אָרימע, די הונגעריקע. די רייכע, די זאַטע, האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זייער פּלאַץ איז ביים טאָפּ פלייש און דאָרט וועלן זיי בלייבן.

אין דער מדבר פאַנגט זיך ערשט אָן משהס גרויסע אַרבעט. פון אַ רעוואָלוציאָנער ווערט ער געזעצגעבער, אַ דערציער.

זיין גרוים הארץ, וואָס איז פול געווען מיט ליבע צו מענטשן, זיין טיפער, געניאַלער מוח, האָבן געשאַפן אַ תורה, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן גייסט.

גאָר נישט קיין לייכטן „דזשאָב" האָט משה געהאַט מיט דעם עם קשה עורף. די קנעכטשאַפט, וואָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין די נשמות פון די יוצאי מצרים, האָט גאַנץ אָפט זיך אַרויסגע־

פון אלטן קוואל

זויזן, און נישט ווינציק לײדן און אפילו יאוש פאַרשאַפט דעם גרויסן מחוקק.

און באשלאָסן האָט ער, אַז דער אַלטער דור, וואָס האָט געפילט אויף זײַנע פּלײצעס די מצרישע בײטש, מוז אויסשטאַרבן אין דער מדבר. מיט אַזאַ מענטשן־מאַטעריאַל קאָן מען נישט דעראָבערן די פרייהייט...

הײַנט איז פּסח — דער אַלטער גרויער פּסח, דער יום־טוב פון פרייהייט.

א יום־טוב פון פרייהייט און... השתא עבדי — דערווײַל זענען מיר קנעכט, און פון קנעכט האָט נאָך אַ משה געקאָנט מאַכן פרייע מענטשן און אויך נאָך דאַן, ווען זיי זענען אַלע אויסגעשטאָרבן אין דער מדבר...

הײַנט איז פּסח, מיר אַלע זיצן בײַ רײַך געדעקטע טישן אָנגעלאָדענע מכל טוב און וועלן פּײַערלעך אויסרופן: „כל דכפין — יתא ויאכל"! — ווער עס איז הונגעריק — זאָל קומען און עסן, נעמט עס נישט ערנסט, כל המרבה לספּר — הרי זה משובח, און אַז מען דערציילט אַ פּולע, כאַפּן זיך אַרויס ווערטער, וואָס מען מיינט גאָר נישט.

די הונגעריקע ווייסן עס זייער גוט און וועלן נישט קומען.
קומען וועלן זיי גראָד דאַן, ווען מען וועט זיי נ י ש ט רופן...

* * *

דער ייִד, וואָס האָט אַ פליכט צו דאַווענען דריי מאָל אין טאָג, קען זיך ניט אַ ריר מאָן ניט אָנשטויסנדיק זיך אויפן אויסדרוק — זכר ליציאת מצרים — צום אָנדענק פון יציאת מצרים, וואָס האָט פּאַסירט מיט קנאַפּע פיר טויזנט יאָר צוריק.

די גאַנצע געשיכטע פון אונזער „אַראָפּגידערן" קיין מצרים „במתי מעט", ווי דער בעל הגדה דריקט זיך אויס, מיט ווינציק מענטשן, אינגאַנצן ווע‍לכע זיבעציק נפשות, שוין אַריינגערעכנט פרויען און קינדער, איז זייער אַ טשיקאַווע.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון זייער אַן אומווירדיקן און בייזן געפיל — פון שנאת אחים, וואָס מיר געפינען נאָך לײדער, ביז הײַנט צווישן אַ סך זייער אָנשטענדיקע ייִדישע משפּחות.

מ. דוכאָוויטש

יוסף, דער הויפּט־העלד פון דער געשיכטע, אַ שיין, ראָמאַנטיש בחורל, וואָס האָט זיך כסדר אַרומגעטראָגן מיט זיינע חלומות, איז געווען דער ערשטלינג פון יעקבס געליבטע ווייב רחל, וועלכע איז ביים קינפּעט פון צווייטן קינד געשטאָרבן און איבערגעלאָזן צוויי יתומימלעך, אויף וועלכע יעקב האָט אַריבערגעטראָגן זיין גאַנצע ליבע, וואָס ער האָט געפילט צו דער יונג־פאַרשטאָרבענער רחל. יוסף איז אויסגעוואַקסן אַ ליב, שיין קינד, און פאַרשטייט זיך, אַז דער פאָטער האָט זיך געשפּיגלט אין אים מער ווי אין אַלע זיינע קינדער.

דאָס ערשטע שפּראָצונג פון פיינטשאַפט צו יוספן מצד זיינע ברידער איז געקומען פון אַ קליניקייט, פון אַ זיידן העמדל, וואָס דער פאָטער האָט אים געלאָזט מאַכן. דאָס יונג קינד האָט זיך שטאַרק גע־פרייט מיט דעם און איז, מסתמא, געגאַנגען באַרימען זיך פאַר זיינע ברידער מיטן געשאַנק וואָס דער פאָטער האָט איב געמאַכט. דאָס האָט דערוועקט קנאה אין זיינע ברודערס הערצער, און דער וואָרים פון איפּערזוכט האָט צופרעסן זייער ברידער־ליבע און פאַרוואַנדלט זי אין אַ באַהאַלטענער שנאה.

און דאַן זענען געקומען יוספס חלומות, וועלכע ער האָט אַזוי נאַאיוו דערציילט די ברידער. יענע — אונטער דרוק פון דעם שנאה־געפיל צום טאַטנס ליבלינג — האָבן עס אויסגעטיימשט שלעכט, און דער פאַרבאָרגענער געפיל האָט זיך צעפלאַקערט אין אַן אָפענער פיינטשאַפט און געטריבן די ברידער צו קרימינעלע מעשים, אפילו צו מאָרד פון דעם אומשולדיקן קינד, צו וועלכן זיי זענען גרייט געווען; און נאָר באַוויקטע פון די קלוגע רייד פון זייער עלטסטן ברודער האָבן זיי אים ניט דערהרגעט, און פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צו אַ קאַראַוואַן פון ישמעאלים, וואָס איז גראָד פאַרביי־געגאַנגען; אַ טאַט, וואָס איז ניט אָפּגעשטאַנען זייער ווייט פון מאָרד.

די חיה אין מענטשן האָט געוואָרצלט פון דעם סאַמע באַגינען פון זיין געשיכטע און האָט אים ניט אָפּגעלאָזט ביזן היינטיקן טאָג.

און אָט אַזוי, צוליב אַ זיידן העמד, האָט די געשיכטע פאַרקי־רעוועט דעם וועג פון די בני־ישראל, פון זייער געבורטס־לאַנד כנען קיין מצרים, אויף גאַנצע פיר הונדערט יאָר. זיי האָבן זיך דאָרט שטאַרק געפרוכפּערט און געמערט, „און די ערד איז פול געוואָרן

פון אלטן קוואל

מיט זיי", ווי עס דערציילט אונז דער חומש; אָבער וואָס מער זיי זענען געוואָרן, אַלץ מער קנעכט האָט דאָס לאַנד באַקומען; און טרויעריק און מיאוס איז געווען די לאַגע פון שקלאַפן אין יענע ווייטע, פינצטערע צייטן.

„און די קינדער פון ישראל האָבן זיך געפרוכפּערט, זיך געווימעלט און געמערט, און זיי זענען געוואָרן זייער, זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי". — „ובני ישראל פרו וישרצו, וירבו, ויעצמו במאד מאד, ותמלא הארץ אותם" און וואָס שטאַרקער זיי זענען געוואָרן אַלץ מער האָט מען זיי פאַרשקלאַפט — א דערציילונג וואס גיט ניט צו קיין כבוד די בני־ישראל פון יענער צייט, און באַווייזט, אַז דער „ויאנחו בני ישראל מן העבודה" איז געזאָגט געוואָרן נאָר אויף דעם אַרבעטער־פאָלק, וואָס האָט געבויט פּתום מיט רעמסס, אָבער די פּאַדריאַדטשיקעס פון די בני־ישראל, וואָס האָבן ביי דערביי געמאַכט גוטע פאַרדינסטלעך, האָבן שוין גאָרנישט „געזיפצט פון דער אַרבעט"... עס איז כמעט ווי זיכער, אַז צווישן די בני־ישראל אין מצרים איז געווען גאָר אַ גרויסער בורזשואַזער און אַסימילאַטאָרישער קלאַס, וואָס האָט ניט געאַרבעט „בפרך" ווי דאָס פּראָסטע אַרבעטער־פאָלק, און האָט אין אַלגעמיין ניט דערלייגט צום עסק... און זיי זענען עס געווען די, וואָס דערנאָך, ווען משה האָט זיי מיט געוואַלד אַרויסגעשלעפּט פון מצרים, האָבן זיי כסדר געהאַלטן אין אויפרייצן דעם המון און שלעפּן אים צוריק אַהין, אַ סברא, אַז גאָר אַ היפּשער טייל פון זיי האָט זיך מאַקע אָפּגעריסן פון פאָלק, וואָס משה האָט זיין גאַנצן לעבן אַוועקגעגעבן צונויפצוגיסן אים אין איין פעסטן מאַנאָליט, און זענען אַוועק צוריק מהרה לעבדות. און ווען ניט דער גרויסער גייסט פון משהן, און דערנאָך — דער העלד, וואָס האָט געלעבט אין יהושע בן נון, ווער ווייסט וואָס פון דער גאַנצער יציאת מצרים וואָלט זיך אויסגעלאָזט...

און אויב אַזוי — איז וואָס און מיט וואָס איז דאָ פאַראַן צו באַרימען זיך, דער ציילן פון דער זאַך און ווידער דערציילן, און — וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח?!

זעט איר, ווען דאָס גאַנצע פאָלק, אָדער לכל הפּחות דאָס גרעס־

מ. דוכאָוויטש

טע טייל פון אים, וואָלט אין אַ רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין דראַנג נאָך פרייהייט אויפגעשטאַנען קעגן זיינע באַצווינגער און וואָלט זיך העלדיש באַפרייט פון זיי, וואָלט טאַקע געווען מיט וואָס צו גרויסן זיך און דערמאָנען אויף יעדן טריט און שריט: זכר ליציאת מצרים. אָבער דאָ, ווען מען האָט די מענטשן גערדאַרפט פאַר די טשופּרינעס אַרויסשלעפּן פון שקלאַפעריי, וועלכע האָבן גאַנץ אָפּט — שוין אויף דער פריי — באַוויזן, אַז זיי זענען ניט ווערט דאָס פרייהייט, איז אומפאַרשטענדלעך דער גאַנצער ענין פון — זכר ליציאת מצרים.

דאָס איינציקע, וואָס אונז פאַרבלייבט צו דענקען, איז, אַז דער בעל־הגדה און דערנאָך די אנשי כנסת הגדולה, וועלכע האָבן אין אַלע תפילות צוגעטשעפּעט דעם — זכר ליציאת מצרים, זענען אויסן געווען צו באַשטעטיקן אַלס זכר לדורות דעם באַוווסטן פאַקט, אַז נאָר גרויסע היסטאָרישע געשעענישן ווערן געשאַפן פון גאוניאַלע יחידים, און דאָס פאָלק איז אַלעמאָל געווען, איז איצט און וועט נאָך — איך האָב מורא — נאָר אַ לאַנגע צייט זיין אַ טשערעדע, וואָס ווערט געטריבן פון פאַסטוך און גייט אים נאָך סיי צום גוטן, סיי צום בייזן.

אַ באַווייז צו דעם געדאַנק זענען משהס ספקות: „והן לא יאמינו לי, ולא ישמעו בקולי" — זיי וועלן דאָך מיר ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו מיין קול, און אַ פירער, וועמען מען גלויבט ניט און מען הערט זיך ניט צו צו זיין קול, איז אַ טראַגישע פיגור, און געוויס ניט קיין פירער. דערפאַר האָט משה זיך אַזוי לאַנג געראַנגלט, ביז וואַנען ער האָט באַשלאָסן אויסצופאָלגן די שליחות, וואָס זיין גרויסער גאָט האָט אים געטריבן, ביים אַרויפלייגן אויף זיינע שולטערן דאָס שווערע משא פון אַ פאַרשקלאַפט פאָלק, וואָס וויל זיך ניט באַפרייען, און אויף וועלכן מען מוז מיט געוואַלד צורייסן זיינע קייטן...

שבועות-שטימונגען

אמאָל איז געווען... אוודאי איז אמאָל געווען, אָבער היינט איז עס שוין ניטאָ און וועט זיך קיינמאָל ניט אומקערן צוריק. און געווען איז עפּעס, וואָס האָט באַלויכטן דאָס פינצטער יידיש לעבן, וואָס האָט אַריינגעבראַכט גליק און פרייד אין יעדן יידיש האַרץ, געגעבן בוח מוטיק דורכשפּאַנען דאָס ביסל יאָרן און קוקן מיט האָפנונג אויף די פאַרנעפּלטע ווייטן...

אמאָל איז אין די טעג געווען אַ שיינער יום־טוב שבועות ביי יידן, חג הבכורים — דער יום־טוב פון צייטיקן, פון צייטיקע פרוכטן און תבואות, פון צעבליטע בלומען און צעגרינטע לאָנקעס.

די פרוכטן און תבואות האָבן יידן נאָר אין חלום געזען און אויך אין סידור און מחזור, אָבער די זיידענע לאָנקעס באַשפּריצט און באַשאָטן מיט לעבעדיקע, תמימותדיקע פיל־קאָלירטע בלימעלעך, האָבן זיי טאַקע אויף אַן אמת געזען, והא ראיה — מיר, קינדער, האָבן ווי יונגע לאַשעקלעך, געקייקלט זיך אויף די גראָזן, געריסן! ערב שבועות דעם פּליושניק, דעם צעבליטן בעזש, געבראָכן די צאַרטע צווייגעלעך פון די „ווייגענדע" ווערבעס און באַצירט דערמיט אונ־זערע אָרימע הייזקעס, וואָס זענען מיט אמאָל, ווי דורך אַ כּישוף, אין בליענדע פּאַלאַצן פאַרוואַנדלט געוואָרן.

אמאָל זענען געווען ערב־שבועותדיקע גן־עדן ריחות פון די פּר־מער־קיכלעך און פעטע בלינטשיקעס, וואָס די מאַמע האָט געבאַקט און געפּרעגלט לכבוד יום־טוב. אַך, זענען דאָס געווען מאכלים, נאָך איצט ליגט זייער טעם אין מויל!...

און געדענקט איר דעם באַזונדערן געשמאַק און דאָס פייערלעכע שטימונג, וואָס דער ספּעציעלער ניגון און מאָדנע פרעמדע ווערטער פון די „אקדמות" האָבן געהאַט און געשאַפן? — מען האָט דאָך די יום־טובדיקייט ממש מיטן האַנט אָנגעטאַפּט.

מ. דוכאָוויטש

היינט די געשיכטע פון מתן תורה, מיט וועלכער דער פיוט פון מחזור איז פול געווען. יידן האָבן אויסגעזונגען דעם לא תגנוב, לא תחמוד, לא תרצח — און געפילט מיט דער גאַנצער נשמה, אַז זיי זענען אויך געווען דאָרטן ביים באַרג סיני און האָבן גענומען אויף זיך דאָס שטרענגע פליכט פון — לאַ! — מען טאָר ניט.

געקומען פון שול צעשטראַלטע פון דעם ערלעכן בילד: — אַ מחנה יידן אונטער אַ באַרג, וואָס ברענט אין פייער. עס בליצט, עס דונערט. און דאָס געטלעכע שטימע צעטראָגט זיך איבער די אַרומי־קע בערג און טאָלן און באַגרינדעט, אין קורצע, פון שטיין־אויסגע־האַקטע, זאַצן, די אייביקע געזעצן פון אמת און יושר... פון אַלע, אַלע פעלקער זענען מיר אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם גרויסן אַקט — מקבל־זיין די איינציקע, אומפאַרגלייכלעכע... ווי בני־מלך האָבן מיר זיך געפילט. און ווען אונזערע בת־מלכות האָבן אונז צוגעטראָגן דאָס שמעקעדיקע גלעזל ציקאָריע מיטן פּוטער־קוכן, האָבן מיר גע־טרונקען און געגעסן די מעדני מלך און געטראַכט מיט פרייד: מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ...

אַמאָל איז געווען! — געווען און פאַרשוווּנדן, ניטאָ עס שוין היינט.

היינט איז ניט נאָר די יאָדרע, נאָר אויך די שאָלאַכץ אַפילו פון אונזערע ימים־טובים צוקרישלט געוואָרן אויף ברעקלעך און אין שטויב פון טאָג־טעגלעכע האָוועניש צוריבן געוואָרן. היינט האָט מען פאַרגעסן דעם „לאַ", היינט מעג מען אַלץ. אין דעם בלוטיקן געווירבל פון דער וועלט־שחיטה דרייען זיך מענטשן אין שדים־טאַנץ און ווייסן ניט פון קיין יום־טוב. די גאַנצע וועלט ברענט אין העלישע פלאַמען, וואָס פאַרצערן דאָך מענטשלעכע אין דעם מענטשן. גאָטס שטימע איז פאַרשטומט געוואָרן און מען הערט זי ניט מער!...

אַמאָל איז געווען אַן אָרים געמאַטערט יידיש לעבן אין די אַלטע היימען, אָבער די גייסטיקע התרוממות וואָס דער יידישער ייד האָט באַקומען אין די יום־טוב טעג, דאָס השארת הנפש, וואָס האָט זיך צובליצט אין זיין גאַנצן וועזן, האָט אים פאַר אַלץ פאַרגיטיקט. ער האָט געוווסט פאַרוואָס ער ליידט.

און היינט — אַך, היינט לעבן מיר דאָ טאַקע אָן נויט, אַ סך

פון אלטן קוואל

פון אונז אפילו אין לוקסוס, אָבער איך בין זיכער, אַז מיר פאַרמאָגן נישט קיין קליינעם טייל אפילו פון יענע עליות הנשמה, וואָס אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבן געהאַט. מיר זענען אויסגעלייזקט פון גייסט און גייסטיקע געניסן, וואָס פילנדע נשמות טראָגן אין זיך, און געבליבן איז ביי אונז נאָר דער מגושמדיקער חמר מיט אַלע זיינע גראָבע תאוות...

איר וועט זאָגן וואָס איז דאָס, א רוף צוריק אין געטאָ, אין שול? — ניין, ניט דאָס. עס איז גלאַט א פאַרטראַכטע בענקעניש נאָך דעם, וואָס איז געווען און וועט שוין ניט קומען מער. א שטימונג, וואָס דער יום־טוב האָט אַרויסגערופן, און געטראָגן מיך צום אַלטן קוואַל, פון וועלכן איך האָב אין מיין קינדהייט געשעפּט מיט פולע הויפנס.

* * *

אַז אַלטער גוטער פריינט, האָט צו מיר תרעומות:

— איך קאָן אייך, זאָגט ער, מכמה וכמה יאָרן און ווייס אַז איר דאַווענט נישט אין צוויי פּאָר תפילין, לויפט נישט טובלען זיך פאַרן דאַווענען און טראָגט נישט קיין טלית קטן, היינט ווי קומט עס וואָס די טעמעס פון אייערע עסייען זענען אָפט אויף א רעליגיעזן אונטערשלאַק?...

אויך היינט, בין איך זיכער אַז ער וועט ווידער באַנייען זיינע טענות צו מיר און איך וועל זיך שוין נישט קענען אַרויסדרייען מיט א ווערטל אָדער מיט א מאַך מיט דער האַנט, און מוז עפּעס ענטפערן אויף דעם.

רעליגיעזע אונטערשלאַקן, מיין ליבער פריינט, זענען דאָ צוויי־ערליי: ריפּסענע, וואָס שרייען ווען מען טראָגט זיי, נאָר וואָס צו־שיטן זיך אָפט און דורך די לעכער סטאַרטשען אַרויס פערדישע און אַמאָל גאָר חזירישע האָר; און סאַטינענע וואָס זענען ווייך, עלאַסטיש, שאַפן וואַרימע, אַמאָל גאָר דערהויבענע שטימונגען, און טראָגן זיך, ווי לאַנג דער בגד דינט...

מיין אונטערשלאַק איז פון דעם צווייטן סאָרט. א יידישער יום־טוב, וועלכער איז פול מיט גייסטיקע אוצרות פון דעם גרויסן אַמאָל, רעדט שטיל צו אונזער נשמה, וויקלט זי איין אין איין „אונטער־

מ. דוכאָוויטש

שלאַק״, וואָס איז כלו תכלת, און דערוואַרימט זי אין דעם פּראָסטיקן אַרום... און דערפאַר קאָן איך נישט פאַרבייגיין אַט דעם שפרודלדיקן קוואַל, נישט נעמענדיק כאָטש אַ קליין זופּעלע פון זיינע דערפרישנדע וואַסערן...

— שבועות — אַ יום־טוב פון פייער — וההר בוער באש, דערפאַר אַזאַ לוסטיקער, דערפאַר אַזאַ ליכטיקער.

דער באַרג ברענט און באַלויכט אַ פאָלק פון נאָמאַדן, פון מדבר־וואַנדערער. זיי כאַפּן אויף דאָס געטלעכע ליכט און טראָגן עס, ווי אַ ברענענדיקן פאַקל, שוין יאָרטויזנטער. דאָס ווערט זייער ציל, זייער אינהאַלט אין לעבן, אָבער אויך זייער טראַגעדיע, זייער אומענדלעכע קייט פון צרות און פּיין.

וההר בוער באש — נישט נאָר דער באַרג, די גאַנצע וועלט ברענט אין אַ העלישן גיהנום־פייער, און ווייל איז דעם, ווער עס קען פון דעם וועלט־בראַנד אויסטיילן דעם ברענענדן באַרג, דעם סנה בער באש...

איך געדענק, אין איינע פון די שרפות אין מיין געבורט־שטעטעלע האָט זיך אָנגעצונדן די קאַלטע שול, אַ משונהדיקע הויכע, האַלב פאַרענדיקטע געביידע, ווו מען האָט געדאַוונט נאָר זומער, ווייל קיין אויוונס האָט זי נישט געהאַט און ווינטער איז דאָרט געוועזן דערפרוירן צו ווערן. דערפאַר איר נאָמען — די קאַלטע שול.

זי האָט געברענט, ווי אַ ליכט, און געפונען איר תיקון אין פייער.

איך בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער פול מיט התלהבות. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט פונקען פליען דאָס צום הימל, נאָר אַז מלאָכי־השרת הייבן זיך מחנותווייז. זיי טוליען זיך צום כסא־הכבוד, וואָס איז כלו אש, און קלאָגן זיך שטיל אויף דעם ביטערן גורל פון דעם פאָלק ישראל.

וואָס פאַר אַן אומגליקלעכער גורל פון דלות, טרערן, באַליידיקונג!...

יאָ, דלות, קוקט נישט, וואָס מען שפּילט אַ גבירישע ראָל: אַ דירה אין פּאָלאַנקאַ, אַ קאָטש די לעצטע מאַרקע, און דווקא אַ בואיק אָדער אַ קאַדילאַק, נישט דאָרטן עפּעס אַ קבצנישן פאָרדל אָדער

פון אלטן קוואל

שעוראַלעטל. מען היילט זיך אין ראַטשעסטער, מען באָדט זיך אין קוואוטלא, און פּאַקער שפּילט מען ווו איר ווילט נאָר אַליין.

איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָס אַלץ איז דער גרעסטער סימן דלות. מען צעטרענצלט די פּאָר סענט — אייגענע צי פרעמדע — און מען בלייבט ביי דער צעבראָכענער קאָרעטע...

מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה, אָט טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן קיין שכל נישט, דוכט זיך זיי, אַז מען דאַרף אַ סך, אַז מען קאָן אָן דעם גאָרנישט לעבן...

די וועלט ברענט מיט אַ פייער פון האַס צו דעם פאָלק, וואָס האָט אויסגעשמידט זיין גייסט, זיין תורה אין פייער. איך וויל אָבער אין דעם אָנזיכט פון דעם „בארג וואָס ברענט אין פייער" פאַרגעסן אָן דעם, ווייל איך גלויב, אַז דער „באַרג־פייער" איז „אש אוכלה אש" — אַ פייער, וואָס פאַרטיליקט דעם ווילדן, חיהשן פייער, וואָס האָט זיך צעפלאַמט איבער דער ערד און וויל אַלץ פאַרניכטן.

און ווי באַלד אַזוי, בין איך היינט מלא שמחה. איך כאַפּ דעם שטעקן, מיט וועלכן דער משחית וויל אונזער גייסט שלאָגן, און וואַרף אים אין דעם „באַרג־פייער" ווו עס בלייבט פון אים קיין זכר נישט...

די זיגער וועלן מיר בלייבן, ווייל אונזער פייער, דער סנה, וואָס ברענט, ווערט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן, און דאָס איז אונזער פרייד, אונזער תיקון־שבועות!...

דער שטענדיק לויטערער קוואַל

איך וויל פירן צו אַ קוואַל, וואָס איז שטענדיק פריש, וואָס איז שטענדיק קלאָר און לויטער. לאַנג־לאַנג צוריק, ווען מיר זענען נאָך קינדער געווען, האָבן מיר פון אים געטרונקען. און ווען מיר זענען אויסגעוואקסן און אַוועק אויף פאַרשידענע וועגן, האָבן מיר אינ־גאַנצן פאַרגעסן אָן דער דערפרישונג, וואָס די וואַסערן פון דעם צויבער־קוואַל קאָנען אונז געבן. פון קוואַלן שמוציקע, פון קוואַלן פאַרפעסטעטע טרינקען מיר אָפט. דאָס לעבן טרייבט אונז מיט זיין אייזערנעם בייטש, טרייבט און יאָגט. מיר לויפן, פאַלן פאַרהלשטע, שטייען אויף און לויפן ווידער. אויסגעמאַטערטע, מיט פאַרשמאַכ־טע ליפן פאַלן מיר צו צום ערשטן וואַסער, וואָס קומט אונז צום האַנט, מעג עס ווי פאַרבלאָטיקט, ווי אומריין זיין, ווייל דורשטיק זענען מיר. אָבער אין די טיפענישן פון אונזער נשמה, אין די פאַר־באָרגנסטע ווינקלען פון אונזערע הערצער לעבט אַ בענקשאַפט נאָך יענעם פרישן קוואַל, נאָך יענע יונג־מאַכנדיקע וואַסערן. קומט, לאָמיר כאַפּן אַ זופּ פון זיי, לאָמיר אָננעמען פולע הויפנס און אָפּפרישן אונזער אויסגעמאַטערטן קאָפּ. לאָמיר כאָטש אויף אַ קליינער ווײַלע ווידער יונג ווערן.

און יעדעס מאָל, ווען איר וועט פון די פאַרשטיינערטע וועגן פון לעבן אַראָפּקירעווען אויף דער שמאָלער, גרינער סטעזשקעלע, וואָס פירט צוריק צו אייערע קינדערשע יאָרן, אָט צו יענעם פרישן קוואַל, וואָס בלייבט פאַר אייך אויף שטענדיק פריש, וועט איר מיט באַנייטע כוחות קענען ווייטער טרעטן אייער לעבנס־וועג, און אפשר — ווער ווייסט — אַנטדעקן אויף אים פאַרבאַהאַלטענע לעבעדיקע קוואַלן, וואָס וועלן שלאָגן מיט זייערע לויטערע וואַסערן און וועלן פאַרוואַנדלען ווילסטע מדבריות אין בליענדע סעדער...

פון אלטן קוואל

אָט איז דאָס קליינע טל־ומטר שטעטעלע. די איין און איינציקע גאַס פון דעם שטעטל האָט זיך צעליגט ביים ברעג טייך.

דער טייך — דאָס איז נישט די פיל וואַסערדיקע וואָלגאַ, אויך נישט דער רייבער דאָן און אפילו נישט דער דניעפּר — דער האַלב־יידישער טייך — עס איז אַ קליין, שמאָל טייכל, וואָס רינט שטיל, באַשיידן, קוים וואָס מען הערט עס.

ווינטער דעקט זיך עס צו מיט אַ דיקן שיכט אייז, ווו מיר קינדער כאַפּן אַמאָל אַ גליטש. אָבער ווען עס קומט דער ליבער זומער און די ברעגן פון דעם טייך ציען אָרויף אויף זיך אַ גרין גרינעם קלייד באַפּוצט מיט שמעקעדיקע בלימלעך, איז צו אונזער פרייד גאָר קיין גרענעץ נישטאָ.

די גאָלדענע גליקלעכע צייט הייבט זיך אָן פאַר אונז נאָך פון דעם פרייען פרילינג.

עס איז בין הזמנים. עס קומט באַלד דער ליבער יום־טוב פּסח. מיר זענען פריי, אָט ווי די פייגל, וואָס טראָגן זיך מיט אַ פריילעכן געשריי איבער די שוואַרצע, פריש־אויפגעאַקערטע פעלדער און פאַר־שווינדן העטט־ווייט איבער די פייכטע, שטיל־פאַרטראַכטע וועלדער.

דער טייך האָט ערשט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קאַלטן ווינ־טער־דעק. שטיקער אייז טראָגן זיך געשווינד מיטן וואַסער־פלוס. זיי יאָגן איינע די אַנדערע, דעריאָגן און ווילן איבעריאָגן. מיט רעש און געפילדער שטויסן זיי זיך צוזאַמען, פאַרהאַלטן זיך אַ שטיקל צייט אין פראָסטיקע אומאַרמונגען און איילן זיך ווייטער צום זיכערן טויט — קיינער פון זיי וועט זיך נישט ראַטעווען.

דער טייך — מיר דערקענען אים נישט. אָט דער שמאָלער, באַשיידענער פאַס וואַסער, וואָס פליסט שטענדיק אַזוי פאַרחלומט, כמעט אומבאַמערקבאַר, איז איצט אַ ברויזנדיקער ים. זיינע וואַסערן האָבן פאַרפלייצט דעם גאַנצן פרייען שטח פון דעם צווייטן נידעריקן ברעג, האָבן פאַרטרונקען דעם געדיכטן קאַליניק און סמאָראָדעניק, וואָס ציט זיך אויף אַ גרויסער שטרעקע, און דערגרייכן אַזש ביז דעם ווייט־ווייטן סאָסנע־וואַלד, וואָס שפּיגלט זיך אין זיי מיט זיין פרישער ווי אויסגעוואַשענער, גרינקייט.

פון אַלע זייטן, מיט אַ פריילעכן ברומען, טראָגן זיך קליינע און

מ. דובאָוויטש

גרעסערע ריטשקעלעך און פאַלן אַריין אין דעם איבער־נאַכט געוואָרענעם ים.

די זון, וואָס איז דורכן לאַנגן ווינטער אַליין פאַרפרוירן געוואָרן — זי האָט געלויכטן, נאָר נישט געוואַרימט — קומט ווידער צו זיך. זי צעשמעלצט דאָס לעצט ביסל שניי, וואָס איז נאָך ווו נישט ווו פאַרלעגן געוואָרן, און וואַרימט אונז קוגדסים די פּליי־צעלעך, ווען זי פּאַקט אונז טאַנצנדיק מיט די באָרוועסע פיסלעך אין די אומצייליקע לוזשעס.

אויף די העכערע אביסל אונטערגעטריקנטע ערטער האָט זי, די בישוף־מאַכערין, שוין אַרויסגעצויגן פון דער טראָגעדיקער ערד סאַמעט־גרינע, יונגינקע גרעזעלעך, וועלכע שמייכלען איר אַנטקעגן און זאָגן אָן דעם אויפבלי פון אַ נייעם לעבן.

מיר, קליינוואַרג, שפּרינגען ווי די האָזן; מיר לאַכן און זינגען און פאַרגעסן אינגאַנצן, אַז עס איז דאָ אַ חדר מיט אַ רבין, אַ טאַטע־מאַמע, וואָס הייסן גיין אין חדר און לערנען מיט התמדה, ווייל זיי ווילן האָבן אַ זון אַ בן־תורה, אַ ירא שמים.

ווי אַ זיכער חלום לויפט דורך דער ליבער פּסח און אָט זענען מיר שוין ווידער איינגעשפּאַנט אין דעם עול התורה, אין דעם יאָך פון דער תורה. דער יאָך האַלט אונז, קליינע מענטשעלעך, פאַרשפּאַרט פון פרי ביז נאַכט אין אַן ענגן צימער, צוזאַמענגעדריקט, ווי שאָף, ביי אַ נישט גאָר ריינעם טיש, און שאָקלענדיק זיך איבער אַלטע, פאַרשטויבטע ספרים. גאַנצענע טעג זעען מיר נישט די ליכטיקע שיין.

און טעג שטייען אַזעלכע, אַז מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן נישט אונטערצוגעבן זיך זייער צויבער.

דער פרילינג האָט זיך צעבליט און צעוואַקסן אין אַ צייטיקן זומער, אָנגעלאָדן מיט פרוכט פון די לעבנס־זאָמען, וואָס די מאַמע־ערד האָט אַריינגענומען אין איר שעפערישן טראַכט. און דער טייך — אַך, דער ליבער טייך! — ער איז ווידער אין זיינע ברעגן — שטיל און שלעפעריק. די גאָלדענע זונען־שטראַלן שלאָגן־אָפּ פון זיין שפּיגל גלאַטן אויבערפלאַך און בליצן מיט בריליאַנטן און טייערע

פון אלטן קוואל

שטיינער. ער חנדלט זיך, דער סיבארים, און לאָזט זיך קושן פון די שטיבערישע שטראַלן.

מיר, חדר־ייִנגלעך, זעען דאָס אַלץ־צו פון פענסטער, און עס רופט, און עס ציט אונז אַרויס, צו אים, צו דעם צויבערער. דערצו איז אין חדר נאָך שטאַרק דושנע און מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן מיר וואָלטן זיך עס איצט אַריינגעוואָרפן אין זיינע קילע אָרעמס.

אָבער דער רבי צעשאָקלט זיך און לערנט מיט אונז: זו היא דרכה של תורה — דאָס זענען די וועגן, מיטוועלכע מען קומט־צו צו דער תורה — פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה — עס ברויט מיט זאַלץ און אפילו וואַסער טרינק מיט אַ מאָס, פאַרגין זיך, הייסט עס, קיין זאַך נישט, וואָס גיט אַביסעלע פאַרגעניגן דעם גוף. נו, היינט ווי קען מען שוין דאַן טראַכטן וועגן דעם פאַרפירערישן טייך?

מיר לערנען, מיר זאָגן נאָך דעם רבין די קלוגע ווערטער, פון וועלכע אַ סך זענען פאַר אונז נישט איינגאַנצן פאַרשטענדלעך. ער, דער רבי, מאַטערט זיך מיט אַלע כוחות אָפּצונעמען אונזערע יונגע נשמות אין די טיפע וואַסערן פון דעם אַלטן שטענדיק שלאַנגדיקן יידישן קוואַל, אָבער אונז ציט עס, ווי מיט שטריק, צו די קילע וואַסערן פון טייך.

ווי אַ שאָטן פלים פאַרביי דער גרינער שבועות. מיר האָבן נאָך נישט צייט געהאַט יוי געדעריק דערפילן דעם זיסן טעם פון די פראַכטפולע צוויי יום־טובדיקע טעג, און מיר זענען שוין ווידער איינגעשפּאַנט און שלעפן דעם שווערן וואָגן.

אַ וואָך יאָגט אַ וואָך און אָט זענען שוין דאָ די טרויעריקע „ניין טעג".

אָן אומעט האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע שטעטעלע. מיר קינדער, פילן אויך שטאַרק די עצבות פון די טרויער־טעג. מיר קוקן אויף אונזער ליבלינג — דעם טייך, און עס פאַרקוועטשט אונז ביים האַרצן צוזעענדיק, ווי איינגעהילט אין אַ מרה שחורה, פאַרלאָזן און פאַר־יתומט ליגט ער סודותדיק אין זיינע ברעגן: נישטאָ מער די יונג־וואַרג, וואָס פלעגט זיך אַזוי פריילעך פּאַליוסקען אין זיינע וואַסערן — דאָס פרומע שטעטל באָדט זיך נישט אין די „ניין טעג".

פריימיק — ערב שבת נחמו — האָט זיך דער עולם צוגעכאַפּט

מ. דוכאָוויטש

צום טייך, מען האָט געזוכט זיך פאַרגיטיקן פאַר דעם לאַנגן באַד־תענית.

אָבער קומט אָן דער חודש אלול, ווען „עס ציטערט אַ פיש אין וואסער", און מיט אים קומט אויך דער אָנהייב פון סוף צו דאָס בי־סעלע זומער־פרייד וואָס פאַלט אוים אויף אונזער חלק.

עס רוקן זיך אָן די ימים־נוראים, וואָס שאַפן אין שטעטל אַ שטימונג זייער ווייט פון פרייד.

יום-כפור שטימונגען

צוויי טויזנט יאָר, אַז יידן זענען זיך מתוודה אין גאָר אַ גרויסן צעטל זינד, וואָס אַסור אויב זיי האָבן אַפילו אַ הונדערט חלק פון דעם אָפּגעטאָן, שלאָגן זיך מיטן פויסט אין הארצן אויף יעדן זינד באַזונדער און בעטן פאַרגעבונג: סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו!...

צוויי טויזנט יאָר, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ גייער־פאָלק; עס גייט מיט שטילע טריט איבער ערד, וואָס ברענט אונטער זיינע פיס, ער גייט אין פלאָטערט, אַז זיינע טריט זאָלן נישט אויפוועקן די ווילדע בעסטיעס, וואָס לויערן פון אַלע זייטן, די פיס געשוואָלן, דער קערפּער צובראָכן — גייט ער און גייט, און עס זעט זיך נישט קיין סוף צו זיין דערנער־וועג, ער גייט און שלאָגט זיך על־חטא אויף זינד, וואָס זיינע פייניקער באַגייען קעגן אים, און בעט סליחה ומחילה...

צוויי טויזנט יאָר שלייכן זיך יידן דורך אַ וועלט, וואָס זוכט זיי צו פאַרטיליקן, צו אויסראָטן, אַז קיין זכר זאָל פון זיי נישט בלייבן, זיי גייען אין פאַלן, אַ סך שטייען מער נישט אויף, די איבערגעבלי־בענע שלעפּן זיך ווייטער פאַרכמאַטערטע, פאַרפּייניקטע, מיטן פרעמדן פּאַק זינד אויף די פּלייצעס יאָמערן זיי: סלח נא לעון העם הזה!...

עד מתי, אל בליחה?!... נישט אומזיסט האָסטו דאָך זיך אָנגע־רופן מיט דעם נאָמען, אייגענע, פרעמדע זינד — לאַנג־לאַנג האָט דאָס פאָלק באַצאָלט דערפאַר מיט גאָר גרויסע רווחים, היינט פאַר־וואָס הערסטו נישט, ווען ער בעט זיך ביי דיר: מחה ברחמיך הרבים כל שטרי חובותינו?!...

* * *

צוויי יום־כפורים שטייען אויף פאַר מיינע אויגן, פון איינעם צום צווייטן: אין צייט — זעקס צענדליק יאָר, אין שטח — דאָס ברייט באַלכסון פון דעם אַטלאַנטיק, מיט אַ צוגאָב פון דריי פערטל אייראָפּע.

מ. דוכאָוויטש

דער ערשטער — יום־כפור תר״מד — 1883, אין מיין וויט, קליין שטעטעלע, וואָכ איז פאַרשטעקט צווישן ווייס־רוסישע זאמדן און פּאַלעסיער בלאָטעס.

א יינגל א שטיפער, מיט א גרויסער תשוקה צום טייך און צום וואלד, פלעג איך ימים־נוראים פאַרגעסן אָן דעם, און מיט ברייט צועפנטע אויגן אריינקוקן טיף אין מיין פאַרשטיפּטער נשמה. ווער יעדט יום־כפור — פלעגט אַן אימה מיך באַפאַלן צוגלייך מיט אַלע יידן, און אפשר נאָך מער.

יענעם זומער זענען אָנגעקומען ידיעות פון גרויסע גזרות אויף יידן, וואָס אַלעקסאַנדער דער דריטער, דער אכזר אויפן טראָן, האָט אַרויסגעגעבן, כדי צונויפדריקן דאָס אָרעם פאָלק אין די שטעט און שטעטלעך פון תחום המושב. עקאָנאָמיש פאַרצאַמען אים אַלע וועגן, ניט צולאָזן צו בילדונג. מען האָט דערציילט פון פּאָגראָמען און פּאָגראָמטשיקלעך דאָ דאָ, דאָ דאָרט, וו מען האָט אויסגעפּלינדערט יידיש האָב און גוטס, געטריבן יידן פון די דערפער, פאַרשטאָפּט פאַר זיי אַלע קוואַלן פון חיונה...

מיט פאַרביטערטע הערצער, און אין טויט־שרעק פאַר די שטעטלשע גויים — זיי זאָלן זיך ניט פאַרוועלן דעם טאָג א שפּיל־טאָן זיך מיט זייערע „זשידקעס״, זענען יידן געשטאַנען אין שול צו כל־נדרי...

יללות פון דער ווייבערשער שול האָבן געשטורעמט די הימלען. די מאַנסבילן אונטן האָבן אין זייער געבעט געוויזשט, ווי דער וואַלד אין ווינט. אויסגעשריין: טאַטע אין הימל, האָב רחמנות אויף דיין פאָלק ישראל, פאַרגיב אים זיינע זינד! — האָבן זיך געריסן פון אַלע ווינקלען...

און ווען דער חזן האָט מיט טריאומף אויסגעזונגען: ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך! — האָט מען געזען באַשיינפּערלעך, ווי ביי די דערשראָקענע, צעטומלטע מענטשן האָבן די אויגן אויפגעלויכטן מיט האָפנונג: זיי האָבן געגלויבט, אַז גאָט איז מוחל זייערע זינד און וועט זיי ניט שטראָפן מער...

זיי האָבן שטאַרק געגלויבט, און דאָס האָט זיי געגעבן מוט צו טראָגן דעם יאָך, און זיכערקייט, אַז די רשעים וועלן זיי נאָר־

פון אלטן קוואל

נישט נים קענען טאָן, דער גלויבן איז געווען אזוי אייזן־פעסט, אז איך — אַן אכט־יאָריקער יינגל — האָב עס אויפגעכאַפּט, דערפילט מיט אַלע מיינע חושים, און מיט פריש־אויפגעוואַכטער פרייד צע־זונגען זיך: סלחתי כדבריך!...

דער צווייטער יום־כפור — תשי"ג — 1942, אין דעם לעגענ־דאַרן לאַנד פון די אצטעקן, אין מעקסיקע הבירה.

די וועלט שטייט אין פלאַמען. די נאַצי־בעסטיעס זענען די באַלעבאַטים פון גאַנץ אייראָפּע כמעט, און אַ שטיק אַפריקע. אַ גרויסן טייל פון אזיע האָבן פאַרכאַפּט זייער מערדער־שותּפים — די יאַפּאַנער רויבער. יידיש בלוט גיסט זיך אומעטום, ווו עס טרעט אַרויף אַ היטלער־פוס, טייכנווייז. עס האַנדלט זיך שוין נים פון האָב און גוטס, נאָר פון פיזישן אומקום אין די מאַסן־מאָרדן.

דער געשפּענסט פון היטלער־זיג פאַרקילט דאָס בלוט פון די אָדערן...

עס איז כל־נדרי־נאַכט. די שול איז געפּאַקט. יידן שאָקלען זיך און דאַווענען אויפן קול. מען הערט אָבער נים קיין טרערן־שטים, קיין קרעכץ. סיידן נאָר פון אַ פּאָר אַלטיטשקע שול־יידן, וואָס זיצן ביי קינדער אויף קעסט...

בנימער צופרידענע, גליקלעכע; אויגן בליציקע, גרויס־האַלטע־רישע — אַט דאָס, וואָס דער על־חטא רופט־אָן — עינים רמות; קעפּ פול מיט גדלות פאַרדיכטענע קוקן צום ווייבערשן שול, נישטערן און באַטראַכטן די פוקסן מיט די ברילאַנטן, אין וועלכע די ווייבער זענען אויסגעפּוצט. אַ גוטער יאָר געווען. צו וואָס מען האָט זיך צוגערירט האָט מען גאָר פעט פאַרדינט. געקויפט אַ הויז, אויסגע־מעבלירט זי נים ערגער ווי ביי לייטן; באַקלייט דאָס ווייב, די קינ־דער. אָבגעשפּאָרט אַ פּאָר סענט אויך, דערוואָרבן פיינע גוזעלשאַפט. מען קומט זיך צוזאַמען דאָ ביי איינעם, דאָ ביי אַ צווייטן מען שפּילט פּאָקער — ווייבער, מענער, מען בייסט־צו. מען גיט אויך מיט אַן אָפענער האַנט אויף אַלע „אַקציעס", פאַרוואָס נים? — גאָט האָט געהאָלפן. אויב אי"הש די מלחמה וועט נאָך געדויערן אַ פּאָר יאָר, קען מען זיך דערקלייבן גאָר אין די הויכע פענצטער. און דאָס ווייב — ווי שנעל זי האָט עס געכאַפּט דעם שניט — אַ פאַרקאָכטע פּאָ־

מ. דובאָוויטש

קערניצע. היינט איר רעדן, איר גאנג, מיט וואָס פּאַר אַ שטאָלץ זי טראָגט עם אירע זילבער־פּוקסן, אַ כפּרה אַ געבאָרענע אַריסטאָקראַט־קע... על חטא שחטאנו לפניך... רבונו של עולם, נאָר ניט קיין ערגער יאָר גיב אונז, ווי דער פאַרגאַנגענער, אַ בעסערן וועלן מיר אוודאי־צונעמען... ווו וועלן מיר זיך צוזאַמענקומען מאָרגן נאָכן תענית? — האַ, טאַקע צו אייך גופא, זייער גוט, גרייט צו אַ פּאָר רעכטע „הענט"...

* * *

און אין דער אַלטער וועלט, ווו עם געוועלטיקט דער שטן המשחית, ליגן חרובע יידישע שטעט און שטעטלעך. ליבלעכע ברי־דער, שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס פון יענע גליקלעכע יידן אין מעק־סיקע, פוילן אין די געטאָס פאַרשמאַכטע, פאַרפּייניקטע. זיי הייבן די הענט צום הימל און בעטן אויף זיך דעם טויט, דעם דערלייזער...

און ווען כביכול קען ניט פאַרנעמען דעם צער פון די ליידנדע, קערט ער אָפּ זיין פּנים פון זיי און וואַרפט זיין בליק אַהער צו די גליקלעכע, צו די צופרידענע, צו די זאַטע... מיט ווייטיק הערט ער, ווי דער חזן זינגט אויס: סלח נא לעם הזה... ווענדט־אָפּ זיין ליכטיקן געשטאַלט, און רופט אויס: לא סלחתי!!!

פון אַלטן קוואַל

יעדער יידישער יום־טוב האָט, אויסער זיינע טראַדיציאָנעלע, היסטאָרישע און פאָלקלאָריקע שיינקייטן, נאָך באַזונדערע ערלעכע נאַטור־פּראַכטן, וואָס טיילן אים אויס פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, און ער פאַרבלייבט אין זכרון פון פאָלק אַלס אַ גרינער, בליענדער אינזל אַרומגערינגלט מיט אַ ים פון וואָכעדיקייט.

מיטן יום־טוב פּסח פאַלט צוזאַמען דאָס אויפוואַכן פון דער נאַטור צו אַ נייעם לעבן, צום יונגן וואַקסן און בליען. די זון — אַ פריש־אויסגעבאָדענע אין די רוישנדע וואַסערלעך, וואָס רייסן זיך פון אַלע זייטן און לויפן הענדום־פּענדום מיט אַ זים געזאַנג צום טייך — שמייכלט ליבלעך, גלעט און לאַשטשעט און דערפרישט די נשמה, וואָס איז פאַרקילט געוואָרן פאַרן לאַנגן קאַלטן ווינטער.

דער יום־טוב שבועות איז איינגעטונקט אין יונגע געוויקסן און שמעקנדע בלומען. ביים זינגען די אקדמות, וואָס זענען אַליין אויס־טערלישע בלומען צעוואָרפן איבער הימל און ערד, שפּאַרן זיך אין די אָפענע שול־פענצטער זיסע ריחות פון יונגן גראָז און אַ גליק־לעכער שוויטשערן פון די פאַרליבטע פאָרלעך, וואָס נעסטן אונטערן דאַך פון שול.

מיט אַ גאָר באַזונדערן חן און ליבלעכן שמייכל טיילט זיך אויס דער יום־טוב סוכות. די נאַטור האָט פאַר די זומער־חדשים אַרויסבאַקומען פון דער טראָגעדיקער ערד אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט געבן, געשפּייזט עס מיט וואַרימע רעגנס, געצערטלט מיט זון־שטראַלן און גלעטנדע ווינטלעך, און אויסגעהאָדעוועט צוואַק־סענע נוצלעכע קינדער. אַ מידע, אַ שטילע, באַטראַכט זי זיי פאַרן שלאָפן־גיין און שמייכלט גליקלעך...

* * *

אָנגעהויבן דאָס לעבן־ווענ אין אַ קליין, אָרעם שטעטעלע, אין

מ. דובאָוויטש

אַ צייט, ווען אַ קעראָסין־בליך־לאָמפּ איז געווען דאָס לעצטע וואָרט פון „ציוויליזאַציע”, און האַלט אים ביי פאַרענדיקן, ווען די „ציוויליזאַציע” האָט זיך צעבליט און צעוואָקסן און בליצט מיט מאַסן־שחיטות און אַטאָם־באָמבעס. איך כאַפּ אַ קוק אויף צוריק, און מיין בליק שטעלט זיך אָפּ אויף חג הסוכות אין דעם וויטן שטעטל, וועלכן די „ציוויליזאַציע” האָט פאַרברענט צוזאַמען מיט אַלע זיינע יידן. איך זע זיי אָבער אַלעמען לעבעדיקע און לוסטיקע אין דעם פריידן־טאָג פון דער תורה, און אויך זיך אַליין, אַ פאַרשטיפטן, אַביסל עקזאַלטירטן יינגל, צווישן זיי.

די פרייד הייבט זיך אָן נאָך פון הושענא רבא. און הגם טעאָרעטיש איז דער טאָג אַ שטיקל יום־כפור — מען באַקומט דאַן דעם צעטל מיט דער אונטערשטער שורה — מי לחיים ומי למות, אָבער דאָס איז נאָר טעאָרעטיש, אין דער אמתן שפּאַרט זיך שוין דאַן די שמחה פון אַלע שפּאַרונעס.

די הקפות, מיט די „צולאָזענע” לולבים אָן רינגעלעך, זאָגן־אָן מיט זייער הפקרדיקן פלאַטערן, אַז עס קומט דער טאָג פון ששון ושמחה, ווען אַלע צוימען ווערן אַראָפּגענומען, און אַ שוסטער אַ לאַפּאַטניק קען מיט דער תורה אויף די הענט טאַנצן צוזאַמען מיטן גביר פון שטעטל

שמחת־תורה. די שול איז מכבד מיט כבוד התורה. פריער, פאַרשטייט זיך, די חשובע באַלעבאַטים און דערנאָך „עמך”. עס טרעפט, אַז אַ פריילעכער קבצן, אַביסל בגילופין, צעשרייט זיך — הלמאַי קומט עס דעם „מזרח” דאָס פעטע, די ערשטע הקפות, און פאַר די אָרימעלייט בלייבן נאָר די טרוקענע ביינער, די לעצטע הקפות, עם כל הנערים. אָבער דער שרייען איז אַ שמחת־תורהדיקער און טראָגט אַריין נאָך מער פרייד אין דעם צעשטראַלטן עולם. דער שרייער אַליין פאַרגעסט גלייך זיין „אָבידע” און צעזינגט זיך, און צעטאַנצט זיך נאָך מיט מער התלהבות.

די פּראָצעדור פון אויפרופן קינדער צו דער תורה. די טאַטעס דעקן זיי איבער מיטן טלית און קוועלן גאָר־אָן, ווען יאַנקעלע אָדער וועלוועלע מאַכט פיין די ברכות. ביי אונז יינגלעך איז דאָס אַ גאַנצע גדולה און אונזערע אויגעלעך לויכטן פון פרייד.

פון אלטן קוואל

געוויס שטערט עס אונז ניט, באַלד נאָכן עולה לתורה זיין, אַרויסלויפן אויפן שול־הויף און מיט אַ קאַפּטע חברים אַרויסלאָזן זיך אַראָפּצוררייסן דעם סכך פון די סוכות און שלעפּן אים צום שייטערהויפן, וואָס פלאַקערט אויפן שול־הויף. די שמחה איז גרויס אין לשער. שטעטלשע גויים שלייכן זיך מיט זייטיקע געסלעך, זיי האָבן מורא צו ווייזן זיך פאַר אונזערע אויגן, איבערהויפּט די שקצים, וואָס האָבן אויף אונז אַ גאַנץ יאָר שטיינער געוואָרפן. זיי זענען אַלע ביי אונז היינט אין גלות.

אַ יידישע, אַ פריילעכע וועלט! יידן מיט בערד, די היטלען פאַרדרייט מיטן קאַזיראָק אויפן פּאַטיליצע, מער געמאַכט זיך, ווי אויף אַן אמת שיכור, גייען פון שטוב צו שטוב מיט אַ פריילעכן גוט יום־טוב. מען זינגט שישו ושמחו בשמחת תורה, מען גייט אַ קאַראַהאָד אַ האַנט אויף אַ האַנט, מען גרייסט זיך מיט דער תורה, וואָס איז אונזער גרעסטער אוצר, און מען פאַרגעסט אָן אַלע צרות, אין וועלכע דער ייד באָדט זיך אַ גאַנץ יאָר. און אַפילו ביי דעם: אנא השם הושיעה נא, עננו ביום קראינו — דערמאָנט מען זיך אויך ניט, אַז דער ייד נויטיקט זיך אין הילף, ווייל — סבבונו צרות רבות...

היינט איז שמחת־תורה, דער איינציקער טאָג, וואָס דער ייד וויל און פאַרגעסט טאַקע אַלע זיינע ליידן...

זכרונות
אוּן
נאַטור-שילדערונגען

זכרונות פון יום הזכרון

עס איז פריער הארבסט. די נאטור דרעמל שוין, זי איז אבער נאך ניט איינגעשלאפן. זייער אפט גיט זי נאך א בליץ מיט אירע ליכטיקע, זוניקע טעג און פארכישופט אונז מיט איר צויבערלעכן חן. דער טייך ליגט א שטילער, א רואיקער, ווי פון בלויי אויסגעגאסן. זיי־נע וואסערן קוים וואס זיי רירן זיך. ווען ניט ווען שפרינגט ארויס א שטיפעריש פישל, הייבט זיך אויף איבערן וואסער א קליין ביסעלע און פאלט ווידער אריין אהין פון וואנען עס איז געקומען. די פעלדער ארום שטעטל שפרייטן זיך באפרידיקטע, זאטע. זיי ווארטן אויף די שטורעמדיקע הארבסט־רעגנס, וואס וועלן זיי דורכנעמען אין די ביי־נער, און דאן וועלן קומען די פארגליווערנדע פרעסט און גלייך נאך זיי א ווארימע דעקע פון שניי, אונטער וועלכער זיי וועלן שלאפן און זאמלען פרישע כוחות פארן פרילינג, וואס וועט זיי אויפוועקן צו א נייעם טעטיקן לעבן. דער סאסנע־וואלד אויף יענעם זייט טייך שטייט מיט זיינע ביימער־גיגאנטן און שווייגט מאיעסטעטיש. ער שפיגלט זיך אין די שטילע וואסערן און איז צופרידן פון זיינע אייביק גרינע נאד־לען, וואס מאכן אים אזוי פריש און עלעגאנט אין אלע צייטן פון יאר. די וואלד־זינגער זענען שוין ניטא. זיי זענען אוועק אין די ווא־רימע דרום־לענדער און ערשט אין פרילינג וועלן זיי צוריק קומען צו זייערע נעסטן, און וועלן זיך נעמען אויפדאסניי אויפבויען א פאמי־ליען־לעבן.

אזויפיל יארן מיינע זענען שוין פארשוווּנדן אין תהום פון דער אייביקייט און איך קען אלץ ניט פארגעסן די שטילע, ליכטיקע, פאר־חלומטע הארבסטן, וואס זענען אין מיין זכרון פארבונדן מיטן יום־הזכרון, מיט אונזער יידישן ניי־יאר, וואס האט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער וועלט.

די קליינשטעטלדיקע יידן פון אונזערע אלטע, דורך רוצחישע

מ. דובאָוויטש

הענט איצט חרוב געוואָרענע היימען, זענען קיין עשירים קיינמאָל ניט געווען. מיט זייערע זעלטענע אויסנאַמען, האָבן זיי אַלע געמאַטערט זיך פאַרן אָרימען שטיקל ברויט. און ווען עס איז געקומען צאָלן שכר־לימוד פאַר א קינד, אָדער אויפנייען אים א פּאָר שיכלעך, א קאַפּאָט־קעלע, קויפן א העמד אויפן לייב, איז עס אָנגעקומען בקריעת ים סוף.
די רשעותדיקע „צייטווייליקע געזעצן", וואָס דער אכזר איגנאַטיעוו ימח שמו, האָט אין די אַכציקער יאָרן אַרויסגעגעבן פאַר דער יידי־שער באַפעלקערונג, א דאַנק וועלכע כמעט אַלע יידן זענען אַרויס־געטריבן געוואָרן פון די דערפער, און זיי האָבן געמוזט באַזעצן זיך אין די נאָענטע שטעטלעך, ווו מען האָט דעם טרוקן שטיקל ברויט געריסן איינע ביי די אַנדערע פון מויל, האָבן געמאַכט דאָס לעבן פון די אָרימע מענטשן אינגאַנצן אומדערטרעגלעך. ווי די פיש אין וואַסער, האָבן זיי ממש געשלונגען איינע די צווייטע אין גראַנגל פאַר די ברעקלעך חיונה, וואָס זענען ווען ניט ווען צוגעפאַלן.

און ווי אָרים דער געמאַטערטער יידישער לעבן איז ניט געווען, ווען עס איז געקומען א יום־טוב, האָבן יידן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע טאָרבע און אים ניט פאַרשטערט. ווי אַזוי זיי האָבן עס געמאַכט — ווייס איין גאָט אין הימל.

ימים־נוראים — ראש־השנה און יום־כפור, און אַפילו דער גאַנ־צער חודש אלול, וואָס איז געווען פאַר יעדן יידן א פּרוזדור צו די פאָרכטיקע טעג, ער זאָל האָבן גענוג צייט לפשפש במעשיו, זענען געווען אויסגעטיילט פון די איבעריקע ימים־טובים, און האָבן געפּאָ־דערט גאָר אַנדערע הכנות און אַן אַנדער שטימונג. יעדער ייד, ווי ווייניק ער זאָל ניט פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון די געהויבענע ימים־נוראימדיקע תפילות, האָט אָבער געוווסט וואָס עס מיינט דער — „היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים" — היינט שטעלן זיך צום משפט אַלע באַשעפענישן פון אַלע וועלטן, און האָט זיך שטאַרק גע־גרייט צו דעם בדחילא ורחימא. איז ער ראש־השנה געקומען אין שול און געשטעלט זיך פאַרן שופט עליון, ביי וועמען ער האָט מיט טרערן געבעטן מחילה וסליחה פאַר די זינד, וואָס ער איז א גאַנץ יאָר באַ־גאַנגען. יום־כפור — געשלאָגן זיך על־חטא און מיטן טיפסטן ערנסט געמאַכט בשעת מעשה א חשבון־הנפש, דערמאָנט אויך דעם יום־

פון אלטן קוואל

המיתה, כדי צו פארשטארקן אין זיך דעם גרויסן סענטימענט פון תשובה: ותשובה, ותפילה, וצדקה — מעבירין את רע הגזרה! — שרייט ער אויס; און ווייסנדיק, אז ער, דער גרויסער ארימאן, אפשט — דער מחוסר לחם, קען מיט צדקה ברעכן דעם גזר־דין, וויל ער עס פארגיטיקן מיט תשובה ותפילה...

ווי רוישנדע ביימען אין וואלד צושאקלען זיך יידן ביים ונתנה־תקף. דאס בילד, וואס ווערט דארט אזוי קינצלעריש געמאלן, שטייט זיי פאר די אויגן, ווי לעבעדיק. — א מאוימדיק בילד.

ווי א פארערדע צום ונתנה־תקף, זינגט דער מתפלל אויס דעם מלך עליון און פארענדיקט פילאזאפיש: אז דער מלך אביון, וועמען ער זעט אדער הערט פון אים, דא אויף דער זינדיקער ערד, איז דאך סוף כל סוף א נבלה, וואס וועט טיף באגראבן ווערן אין שאול תחתיה, און — ביז וואנען נאך וועט ער קעניגן?!... דערפאר אבער דער מלך עליון — זיין מאכט, זיין שיינקייט, זיין גערעכטיקייט וועט פעסט שטיין בלייבן אויף אלע אייביקייטן!...

און פארזיכערנדיק זיך, אז דער מלך עליון איז פול מיט רחמים בדין, און פילנדיק זיך אין דער שעה אזוי נאענט צו אים, טרעט ער צו צום ונתנה־תקף.

א בילד פון העכסטן געריכט. דער שופט עליון זיצט אויף זיין ריכטער־שטול, וואס איז באפעסטיקט אויף חסד און אמת. ער אליין איז דער ריכטער, דער מוכיח און דער עדות. ער געדענקט אלץ, ער שרייבט און חתמעט, ציילט און רעכנט. דער ספר־הזכרונות עפנט זיך און דאס פארשריבענע דארט ווערט געלייענט פון זיך אליין, און דאס וואס איז פארשריבן, איז געחתמעט פון יעדן בעל־דין. מען בלאזט אין א גרויסן שופר, און א שטימע פון דינער שטילקייט ווערט געהערט. אפילו מלאכים ווערן פארציטערט און רופן אויס מיט גרויס פורכט: עס איז דער יום־הדין!...

און ווייטער דערציילט זיך דארטן, אז ראש־השנה ווערט פאר־שריבן א רעזאלוציע פאר יעדן איינעם און יום־כפור ווערט עס גע־חתמעט: צי זאל ער לעבן דעם קומענדן יאר, צי ער זאל שטארבן. און אויב שטארבן — איז מיט וואס פאר א טויט — דורך וואסער אדער דורך פייער; דורך א שווערד אדער דורך א ווילדער חיה; דורך

מ. דוכאָוויטש

דערוועהרגן אָדער דורך פאַרשטיינערן; פון הונגער אָדער פון דורשט; דורך ערד־ציטערניש, דורך א מגפה, אָדער מיט א נאַטירלעכן טויט.

אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבן דאַן נאָך ניט געהאַט דאָס מינדסטע אַנונג, אַז מען קען און מען וועט דורך פייער און וואסער, דורך ווערגן און מיט גאַז דערשטיקן, און מיט נאָך אַלערליי מיתות־משונות אויסמאָרדעוועז א דריטל פון יידישן פאָלק. איינמאָל אין א שמיטה האָט זיך א ייד דערטרונקען, אָדער, רחמנא־לצלן, אומגעקומען אין א שרפה, אָדער דערשטאָכן געוואָרן פון א גוי, א גזלן און א שכור, ערגעץ אויף אַן אָפּגעלייגטן וועג, ווו דער ייד האָט זיך געשלעפּט מיט זיין פעקל. און דאָך האָבן זיי טייכן טרערן פאַרגאָסן ביים ונתנה־תקף. אָך, ווען זיי וואָלטן וויסן, וואָס פאַר א שרעקלעכער גורל עס דערוואַרט זעקס מיליאָן פון זייערע ברידער און שוועסטער!...

גוט אויסגעוויינט זיך ביים ונתנה־תקף, ווערט דער ייד ליריש אויף א פילאָזאָפישן אונטערשלאַק, און טענהט זיך אויס מיט זיין שעפער:

וואָס איז דער מענטש? — פרעגט ער — ער קומט פון ערד און אַהין גייט ער אַוועק. ער איז געגליכן צו א צובראָכענעם שערבל, צו א טרוקן גראָז, צו א פאַרוויאַנעטן שפּראָצונג, צו א פאַרביילויפנדן שאָטן, צו א בלאָזנדן ווינט, צו א פליענדער שטויבעלע און צו א חלום, וואָס פאַרשווינדט...

אָבער דו, גאָט מיין קעניג, וואָס לעבט אייביק, דיינע יאָרן זענען דאָך אומענדלעך, און עס איז ניט משער צו זיין דאָס פאַרנעם פון דיין ערלעכקייט און גרויסקייט. דו ווילסט דאָך ניט, אַז מיר זאָלן פאַרמשפּט ווערן צום טויט; דו וואַרטסט נאָר, אַז מיר זאָלן זיך באַדענקען און אָפּקערן פון שלעכטן וועג, און דאַן וועסטו אונז אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס!...

אַזאַ ניי־יאָר, מיט אַזויפיל השתפכות און התרוממות הנפש, האָט נאָר געקענט שאַפן א פאָלק מיטן טיטול: גוי אחד בארץ, און דאָס זענען מיר טאַקע.

און ווען מיר פאַרגלייכן אונזער ניי־יאָר, וואָס איז אויסגעוויקט אין גייסט, אין טיפן מאָראַל און דערהויבענע קאָנצעפּציעס פון מענטשלעכן לעבן, מיטן ניי־יאָר פון די אומות העולם, וואָס איז

פון אלטן קוואל

אויסגעוויקט אין שכרות און זולל וסובאקייט, דערוועקט זיך אין אונז א געפיל פון גדלות; ניט פון יענער פוסטער גדלות, וואָס פאַר־רייסט זיך שטאָלצירנדיק מיט געלט, מיט פאַלשן כבוד, מיט כלומרשטן יחוס, נאָר פון יענעם זעלטענעם שטאָלץ, וואָס ניט דאָס זיכערקייט פון גייסט, פון מאָראַל, וואָס שטייען העכער פון אַלע ערדישע פאַר־געניגנס.

ווירקלעך: מי כעמך ישראל!...

ביי דער נאַטור אין שוים

דער וועג צום „לייבן־מדבר" שלענגלט זיך ביים ראַנד פון טיפע אָפּגרונטן אַלץ העכער צו די וואָלקנס. אונטן העט טיף שטייען זיי די מאַיעסטעטישע ביימער שטיל און ערנסט...

אָט האָט זיך דער וועג שאַרף פּאַרקירעוועט און עס פאַרשווינדט דער וואַלד און זיין פּלאַץ פּאַרנעמט אַ גרין גרינע לאָנקע, וואָס בלאַנקט אונטער דער זון, ווי אַ גרין־סאַמעטענער טעפּיך. עטלעכע רויטע קי פּאַשען זיך דאָרט, און דאָס גאַנצע בילד ווירקט אויף אונזער צעררודערטן געמיט, ווי אַ שטילע תפילה נאָך אַ פאַרשמאַיעטן טאָג... עס ווילט זיך אַראָפּכאַפּן אַהין, אויסציען זיך אויפן גראָז מיטן פּנים צום הימל און ליגנדיק אָט אַזוי, נישט טראַכטנדיק וועגן קיין זאַך, איינזאַפּן אָט די גרינע פּראַכט אַרום, אַנפילן די צעברויזטע נשמה איבער די ברעגן מיט דער זיסער, סודותדיקער רו...

די וועלט איז פול מיט בלוט און טרערן: דער מענטש איז צום מענטש — אַ וואָלף... ווי ווייניק עס איז בכלל דאָ גליק אויף דער ערד, קומט נאָך די צווייפיסיקע חיה און צוטרעט דאָס ביסעלע, וואָס עס איז דאָ... און ווען איר רייסט זיך אַרויס פון די שטייגן, וואָס הייסן שטעט, און דערנענטערט זיך צו דער נאַטור — צו די ביימער וואָס שמייכלען צו אייך אַזוי מילד, צו דעם טייכל, וואָס רוישט דאָרט אַזוי גוטמוטיק; ווען איר באַהעפט זיך מיט דעם רואיקן, שעפערישן פּראָצעס פון לעבן, ווען איר גיסט זיך צוזאַמען אָט מיט דעם אייביקן קוואַל, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס, באַגרייפט איר ערשט, וואָס פאַר אַ טרויעריקע דאָליע דער מענטש גרייט זיך צו מיט זיינע אייגענע הענט, וואָס פאַר אַ גיהנום ער שאַפט פאַר זיך אויף דער ערד...

אָט איז דער „לייבן מדבר", וווּ עס איז נישטאָ קיין לייבן און

פון אלטן קוואל

גישט קיין מדבר, ווו עס איז אָבער יאָ דאָ א שווידערלעכער מאָנו־מענט פון דער מענטשלעכער אכזריות...

דער „לייבן מדבר" — דאָס איז א קאָנוועגט, ווו די „הייליקע ברידער" האָבן פאַרבראַכט זייערע טעג און נעכט אין גאָט בעטן.

אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער זינדיקער וועלט, הויך איבער די וואָלקנס, האָבן זיי זיך געקענט פאַרטיפן און אריינטראַכטן אין די אַלע פאַרשאָלטענע פראַגן, וואָס מאַטערן די מענטשהייט אין אַלע צייטן און צעשטערן דאָס לעבן אויף דער ערד...

און דערטראַכט האָבן זיי זיך צו א קאָשמאַרנער אונטערערדי־שער טורמע, ווו מענטשן האָבן זיך געפּייניקט אין שרעקלעכע יסורים אין דעם לעבעדיקן קבר.

און ווען איר לאָזט זיך ארונטער אין אָט דעם אונטערערדישן גיהנום, דוכט זיך אייך, אַז איר טרעט אויף די אומצייליקע קרבנות, וואָס האָבן דאָ געגוססט ווער ווייסט וויפל יאָרן, פאַר זייערע „זינד" קעגן דעם פינסטערן קאַטאָליציזם...

און ווען איר פאַרגלייכט אָט דעם היסטאָרישן גרויל פון דער מענטשן־חיה מיט דעם ארומיקן פרידן, וואָס הערשט אין דער נאַטור, ווערט עס טרויעריק פאַר דעם „האַר פון אַלע באַשעפענישן", פאַר דעם מענטשן אויף דער ערד, וואָס מאַכט איין טריט פאָרויס און צוויי אויף צוריק...

אין אייז-גהינום

מלחמות ברענגען טויט, פֿאַרווּסטונג — דאָס איז קיין נייס ניש̣ט.

און אַז די לעצטע מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט עפּעס אַזוינס, וואָס די מענטשהייט, וואָס רייסט זיך שטענדיק צווישן זיך ווי הונגעריקע הינט, האָט עס נאָך קיינמאָל נישט דורכגעמאַכט — ווייסן שוין אויך אַלע.

און דאָך איז אינטערעסאַנט צו דערציילן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט אין דער לעצטער וועלט־קריג פּאַסירט, און וואָס כאַראַקטעריזירט די שרעקן און ליידן, וואָס דער מלחמה־מאָנסטער ברענגט צו זיינע דינער, ווען זיי זענען אַפילו זייער ווייט פון די שלאַכט־פעלדער.

דריי פּליער זענען אַרויסגעפלויגן אין אַ באָמבער פון טאָראָ־נאָוואָ קיין ענגלאַנד. אָפּפליענדיק אַ צוויי שעה זענען זיי אַריין אין אַזאַ געדיכטן נעפּל, אַז די ראַדיאָ פון אַפּאַראַט האָט אויפגעהערט פונקציאָנירן. זיי האָבן געפּרוּווט אויפהייבן זיך העכער איבערן נעפּל, אָבער דער עראָפּלאַן איז געוועזן באַדעקט מיט אייז און איז גע־וואָרן אַזוי שווער, אַז מען האָט עס נישט געקענט דערוויַיזן.

זעקס שעה זענען זיי געפלויגן ווי בלינדע אין דער געדיכטער פינצטערניש, און דאַן האָבן זיי באַמערקט, אַז עס איז געבליבן גאַ־זאָלין נאָר אויף אַ קאַרגער האַלבער שעה צו פליען. און מען מוז אָנהייבן זוכן מיטלען ווי באַצייטנס אַראָפּלאָזן זיך, ווייל עס איז דאָ די געפאַר אָנשלאָגן זיך אָן אַ באַרג און צעשמעטערט ווערן.

דערווייל זענען זיי אַרויס פון דעם חושך און האָבן דערזען, אַז זיי געפינען זיך עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער ווייט פון ברעג אינעווייניק אין לאַנד. אונטן האָבן זיך געזען בערג, וואָס האָבן זיך געצויגן פּאַראַלעל דעם ים־ברעג און אַראָפּגענידערט צו אים מיט זייערע שניי־באַדעקטע זייטן, וואָס זענען פול געווען מיט ברייט־

פון אלטן קוואל

טע און טיפע שפּאַלטן. אַראָפּלאָזן זיך ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען אומגעהויער שווער, אָבער דאָך איז עס זיי סוף כל סוף געלונגען.

דער פּילאָט איז דאַן אַרויסגעקראָכן פון אַוויאָן, כדי אויסצופּאָרשן דעם אָרט וווּ זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן. ער איז באַלד אָבער פאַרזונקען געוואָרן אין טיפן שניי ביזן גאַרטל. מען האָט אים מיט מאַטערניש אַרויסגעשלעפּט פון שניי צוריק אין אַוויאָן און גלייך פאַרמאַכט די טיר, ווייל די קעלט איז געווען אַ ברענענדע: דער טערמאָמעטער האָט געוויזן 37 גראַד אונטער זעראָ.

די זון האָט געהאַלטן ביי זעצן זיך. אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן און געקלאַפּט מיטן טרוקענעם שניי אָן אַוויאָן.

זיי זענען געווען הונגעריק און דורכגעפראָרן פון קעלט. די קאַפע וואָס זיי האָבן געהאַט און די סוכאַרן זענען ווי שטיינער געוואָרן. לאַנג האָבן זיי געדאַרפט ווייקן שטיקלעך פון דעם אין מויל צו קענען עס אַראָפּשלינגען. סיגאַרעטן האָבן זיי געהאַט אַ סך, אָבער זייער ווייניק שוועבעלעך. יעדע צען מינוט האָבן זיי געמוזט געבן קלעפּ איינע די אַנדערע, כדי נישט צו פאַרפראָרן ווערן. אויף וויפל זיי האָבן עס געקענט מיט די פאַרשטיינערטע פיס און הענט, זענען זיי אומגעלאָפן הין און צוריק און געמאַכט מיט די הענט פאַרשידענע באַוועגונגען. דאָס קעלט איז אַלץ געוואָרן שטאַרקער און איז אַריין ביזן מאַרך פון די ביינער. זיי האָבן צושניטן די זיידענע פאַראַשוטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַוויאָן, אויף שטיקער, און דערמיט איינגעוויקלט דעם קערפּער און די פיס; דאָס האָט אָבער זיי זייער ווייניק דערוואַרימט. אַרום האַלבע נאַכט האָט דער טערמאָמעטער געצייגט 40 גראַד קעלט. זיי האָבן געפילט, אַז זיי ווערן פאַרפראָרן, און דאַן האָבן זיי זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און אויסגעלייגט זיך איינער אויף דעם אַנדערן. דאָס האָט זיי עטוואָס דערוואַרימט. פון צייט צו צייט האָבן זיי געביטן די פּאָזיציעס, ווייל דער וואָס איז געלעגן פון אויבן האָט שרעקלעך געליטן פון קעלט. אַזוי איז דורכגעגאַנגען די לאַנגע נאַכט. וועגן שלאָפן איז גאָר קיין רייד ניט געווען, מען איז געלעגן און געררעדט.

דאָס איינציקע שפּייז וואָס זיי איז פאַרבליבן איז געווען אַ

קעסטל סוכארן, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז יעדער זאָל פאַרברויכן גאָר איין סוכאר א טאָג. טרינקען וועט מען די שטיקער אייז, מיט וועלכע די ווענט פון אוויאָן זענען געווען באַדעקט.

מען האָט געדעדט וועגן גאַנדין, וואָס האָט אויסגעהאַלטן 50 טעג אָן עסן. און אויב אַזא אויסגעטריקנטער אַלטיטשקער האָט עס געקענט דערווייזן, וועלן זיי עס אוודאי קענען. קיינער פון זיי האָט אָבער ניט געוואַגט פון מויל אַרויסברענגען, אַז גאַנדי האָט ניט געפאַסט אונטער א פערציק־גראַדאָוון פראָסט. דאָס וואָלט דאָך גע־הייסן דערהרגענען יעדע האָפענונג אויף צו ראַטעווען זיך.

אינדערפרי האָט די קעלט אָפּגעלאָזן אביסל — 33 גראַד, אָבער דער ווינט האָט געבלאָזן מיט דער זעלבער קראַפט.

די צווייטע נאַכט האָבן זיי געפילט שרעקלעך דעם הונגער. גע־וויכערט א סך און באַוועגט זיך, כדי לײדן ווייניקער פון קעלט. אַזוי זענען פאַריבער דריי טעג און נעכט.

אויפן פערטן טאָג האָט דער ווינט זיך איינגעשטילט. זיי זענען אַרויס פון אוויאָן צו מאַכן אַסטראָנאָמישע מעסטונגען אום אויס־צוגעפינען ווו זיי זענען אין דער וועלט.

זיי האָבן אויסגעפונען, אַז זיי זענען אויפן אינזל גרענלאַנדיע, אין דעם נאָרט פּאָלאַר צירקל, 24 קילאָמעטער פון אַטלאַנטיק־ברעג, און 175 קילאָמעטער פון א ישוב.

דאָן האָבן זיי אָנגעפאַנגען מאַכן פּלענער ווי אַזוי דערקלייבן זיך צו יענעם ישוב.

אין אוויאָן האָבן זיי געהאַט א קליין שיפל, און זיי האָבן באַשלאָסן שלעפּן דאָס שיפל איבערן שניי ביז צום ים, און שיפן זיך די 175 קילאָמעטער ביז יענעם פּלאַץ.

פון ברעטער, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָבן זיי געמאַכט גליי־טשערס, כדי צו קענען באַוועגן זיך איבער דעם טיפן שניי. מיט זיך האָבן זיי גענומען דאָס קעסטל מיט סוכארן, א קאָמפּאַס, א רעוואָל־ווער און דריי סיגנאַלן, וואָס מען נוצט אויפן ים צו בעטן הילף.

זיי זענען שוין גרייט געווען אַרויסלאָזן זיך אין וועג אַריין, ווען עס האָט זיך ווידער אויפגעהויבן א שטאַרקער ווינט. זיי האָבן גע־מוזט בלייבן ביז עס וועט שטילער ווערן. יענעם נאָכמיטאָג האָט

פון אלטן קוואל

איינער פון זיי צופעליק אנטדעקט, אז די ראדיא האט אנגעהויבן פונקציאנירן. זיי איז געלונגען דאן קאמוניקירן זיך מיט א קאנאדער ערראדראם און געבן צו וויסן ווו זיי געפינען זיך. זיי האבן באקומען אן ענטפער, אבער באלד האבן די באטרייען זיך אפגעשטעלט און די קאמוניקאציע איז איבערגעריסן געווארן.

נאך צוויי טעג זענען פאריבער און ניט דער ווינט און ניט די קעלט האבן אפגעלאזן. זיי האבן פארקלענערט זייערע פארציעס ביז איין פערטל סוכאר א טאג.

פון זייגן דאס אייז, כדי צו שטילן דעם דורשט, איז ביי זיי די ליפן צושפאלטן געווארן און געבלוטיקט, און דאך האבן זיי כסדר געליטן פון דורשט. קיין הונגער האבן זיי שוין ניט געפילט. און — וואונדערבאר, פאר דער גאנצער צייט האבן זיי מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט, כמעט ניט גענעסן, און דאך געפילט זיך גוט און ניט אויסגעמאטערט.

אויפן זיבעטן טאג האבן זיי זיך ערשט געקענט לאזן אין וועג.

צוליב די ברייטע און טיפע שפאלטן, האבן זיי געמוזט מאכן זייער לאנגע אומוועגן, וואס האט צוגענומען כוחות און א סך צייט. פאר צוויי שעה האבן זיי קוים געמאכט 400 מעטער.

ווען עס איז צוגעפאלן די נאכט האבן זיי זיך אויסגעצויגן אונטער דאס שיפל, איינגעטוליעט זיך איינע אין די אנדערע, אבער קיין איין מינוט ניט איינגעשלאפן. אינדערפרי האבן זיי זיך ווידער געלאזן אין וועג.

גיך האבן זיי דערהערט א גערויש פון אן עראפלאן. זיי האבן גענומען געבן צייכנס און מען האט זיי באמערקט.

עראפלאן זיך, פארשטייט זיך, האט דער אוויאן ניט געקענט. ער האט זיי אבער אראפגעווארפן שפייז, קליידער, א פלאש וויסקי, ווארימע זעק אויף צו שלאפן און געשריבענע אינסטרוקציעס, אין וועלכע מען האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן זיך דערקלייבן צום ים־ברעג און דארטן וועט זיי דערווארטן א שיף, וואס וועט זיי ארויפנעמען. יענע נאכט האבן זיי צום ערשטן מאל א פאר שעה געשלאפן. ערשט אויפן פערצנטן טאג, האלב טויטע, האבן זיי זיך דערשלאגן צום ברעג, ווו זיי זענען געראטעוועט געווארן.

פרילינג

דער פרילינג קומט, ער איז שוין דאָ, מיר פילן אים אָבער ניט, מיר באַמערקן אים כמעט ניט. אין דער טראָפּישער מעקסיקע ווערט דער פרילינג צופּיצלט און צוואָרפן איבער אַלע פיר צייטן פון יאָר. אַ גאַנץ יאָר גרינט דאָ און וואַקסט, און דערפאַר טאַקע איז דאָ שווער אָפּצוטיילן די צייטן איינע פון די אַנדערע, איבערהויפּט איז דאָס שווער צו טאָן מיטן פרילינג. מיר האָבן דאָ ניט די דערוואַכונג פון דער נאַטור פון דעם ווינטער־שלאָף, וואָס פלעגט אונז אַזוי באַצויבערן אין די אַלטע היימען, פליגלען פלעגן ביי אונז דאָן אויסוואַקסן; עס האָט געצויגן ערגעץ ווו אין די ווייטע ווייטן, און גענדאַכט האָט זיך, אַז מיר וועלן גרויסע זאַכן דאָרט אויפטאָן...

לאָזט איבער אויף אַ ווײַלע אייערע טומלעניש און וועגן געשעפט, פאַרגעסט דעם אומפאַרמיידלעכן „פּאַקער", געדענקט אפילו ניט, אַז די ווייב פאָדערט ווידער בייטן די הויז־מעבל אויף יום־טוב, און קומט מיט מיר אַביסל דורכשפּאַצירן זיך. אָבער ניט דאָ, נאָר דאָרטן, איבער די לאַנקעס און וועלדער אַרום אונזער געבורט־שטעטל.

דער וואַרימער פרילינג־רעגן, וואָס האָט געגאָסן כמעט אַ גאַנצן מעת־לעת, האָט אויפגעגעסן דאָס לעצטע ביסל שניי אין די פאַרבאַרגנסטע ווינקלעך. ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, האָט אַ גרויער, געדיכטער נעפּל איינגעהילט די שוואַרצע, נאַסע פעלדער, דעם נאַקעטן וואַלד. אין דער פאַרנעפּלטער מיסטעריעזער שטילקייט האָט די נאַטור געצויבערט אירע שאַפונגען, פאַרבאָרגן פון דעם מענטשנס אויג.

אין דער פרי איז דער נעפּל צורונען געוואָרן, און אַ לאַבנדע באַלדענע פרילינג־זון האָט באַלויכטן אַ פרייליכע וועלט.

פאַר דער נאַכט, הינטער דעם גרויען געדיכטן פאָרהאַנג, איז די ערד געלעגן געוואָרן. אומצייליקע גרינע נאָדלען האָבן אַרויסגע־

פון אלטן קוואל

שפּראָצט און באַדעקט די רחבותדיקע לאָנקעס, וואָס ציען זיך אין אַלע ריכטונגען. פון דערווייטן זעען זיי אויס ווי אומענדלעכע גרינע קאָלדרעס נאָר וואָס צושפּרייטע פון אַן אומזעבאַרער האַנט.

די קנאָספּן אויף די ביימער, וואָס זעען אויס ווי פאַרשפּיצטע נאָפּלען פון פּולע, אָנגעגאָסענע בריסט, גייען אָט־אָט פּלאַצן און באַפרייען די יונגע, העל־גרינע בלעטעלעך, וואָס רייסן זיך פון זייער צייטווייליקער תפיסה.

די שטעטלדיקע טשערעדע, וואָס מען האָט היינט צום ערשטן מאָל אַרויסגעטריבן אין פעלד, שטייט אַ פאַרשיכורטע און וואַרימט זיך אין די זון־שטראַלן, וואָס גיסן זיך אויף איר ווי אַ גאָלדענער רעגן. די בהמות זוכן ניט קיין שפּייז, און נאָר דאָ איינע, דאָ אַ צווייטע דריקט אויס איר פרייד מיט אַ הילכיקן מוקען וואָס חזרט זיך איבער אין ווייטע עכאָס.

דער טייך, אַ ברייט־צוגאָסענער, טראָגט שנעל זיינע איצט מוטנע וואַסערן, אָט ווי ער וואָלט זיך איילן צו באַגעגענען דעם זיסן פרילינג, וואָס קומט אים אַנטקעגן מיט שנעלע טריט. וועג ניט וועגן איילט זיך צוזאַמען מיט אים, אויף זיין רוקן, איין אייז־קריע. זי שפּרינגט־אונטער, דרייט זיך וויל־יונגעריש און לויפט ווייטער צו אַ זיכערן טויט.

וואָרימע, מילדע ווינטלעך שושקען אייך אַריין אין אויער אַ מעשהלע וועגן אַ ווייטער, שיינער וועלט, וואָס וואַרט אויף אייך מיט אָפענע אָרעמס, און אַ שטילער טרויער באַהערשט אייער געמיט — איר קענט אַהין ניט פליען...

אייער טרויער ווערט גיך צושמאָלצן און וועפּט זיך אויס אונטער די פריילעכע זון־שטראַלן. די קנאָספּן אין אייער האַרצן צעעפענען זיך, אייך באַוועלטיקט אַ דורשט נאָך ליבע... ניט באַגרינדעטע האָפענונגען, פאַרנעפּלטע טרוימען... יאָ, עס מוז און וועט קומען...

מיר זעצן זיך־צו אויף אַ בערגל, וואָס האָט שוין אויסגעטריקנט אונטער דער זון. צופוסנס פון אים רוישט אַ ריטשקע, וואָס יאָגט זיך צום טייך. פון די צושמאָלצענע שנייען און ניט לאַנגעדיקן רעגן איז די ריטשקע אָנגעשוואָלן און זעט אויס ווי אַ קליין טייכל. דער מאָנאָטאָנער געראויש טרייבט־אָן אַ זיסן דרעמל. מיטן פּנים

מ. דובאָוויטש

אַרויף ליגן מיר און קוקן אין בלויען הימל, ווו שניי־ווייסע וואָלקנדלעך מיט ראָזעווע קאַנטן שווימען קוים באַמערקזאַם פאַרן אויג, ביז זיי ווערן צושמאָלצן פון פרייד פון דעם ערשטן פרילינג־טאָג.

ניט ווייט געפינט זיך אַ בעריאָזעווער וועלדל. די הויכע סטראָינעביימער, אין ווייסן אָנגעטאָן, ווי כלות צו דער חופה, שטייען באַצוויבערטע פון דער שפע ליכט און וואַרימקייט, און וועלכער זיי באָדן זיך. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער וועט איר זיי ניט דערקענען: אויף די ווייסע אונטער־קליידער וועלן זיי טראָגן אַ וועלט מיט גרינע בלעטער, בלעטער ניט קיין גרויסע, אָבער זייער באַוועגלעכע, וואָס פירן בסדר אַ סודותדיקן שמועס צווישן זיך.

נאָך ווייטער ליגט צושפּרייט אַ סאָסנאָווער וואַלד. אונטער די הונדערט־יאָריקע כוואָיעס איז שטיל און שאָטנדיק. וור־ניט־ווו רייסט זיך דורך אַ שטיפערישער זונען־שטראַל און צושפּילט זיך מיט די מחנות נאָדלען, וואָס שטעקן אים אַנטקעגן. דער באָדן איז באַדעקט מיט געלע, פאַרטריקנטע נאָדלען, וואָס זענען דורכן ווינטער אַראָפּגעפאַלן פון די כוואָיעס. אַ בית־עולם פון אָפּגעשטאָרבענע נאָדלען, דורך וועלכע עס שפּראָצן שוין אַרויס גרינינקע בלעטעלעך פון ברוסניקע. דער קאָפּ פאַרדרייט זיך פון דעם שטאַרקן סאָסנע־אַראָמאַט, וואָס די ביימער גיבן אַרויס פון זיך. איר קוקט מיט יראת־הכבוד אויף די אַלטע, מעכטיקע כוואָיעס, וואָס געדענקען נאָך אייער עלטער־עלטער זיידן, וועמענס ביינער רוען דאָ אויפן נאָענטן בית־הקברות, און איר טראַכט וועגן די נישטיקייט פון דעם מענטשנס לעבן... אַ הבל הבלים!..

אָבער ווי נאָר איר גייט אַרויס פון וואַלד ווערט איר פאַרפליצט פון ליכט און פרייד וואָס רייסט זיך פון יעדן גרעזעלע, וואָס צעגיסט זיך אין אַ סימפאָניע פון גאָלד און גרין, וואָס פאַרבלענדט דאָס אויג. אייערע טרויעריקע מחשבות ווערן צושמאָלצן און צערונען, אָט ווי יענע ווייסע „באַראַשקעלעך" אויפן בלויען הימל.

אַך, ווי שיין גאָטס ערד איז, ווי גוט עס איז צו לעבן אויף איר און איינזאַפּן אין זיך אירע שיינקייטן!...

אונזער קורצער שפּאַציר איז דעם מאָל געענדיקט. איצט זאָגט אַליין — איז ניט כדאַי געווען אַוועקוואַרפן אַלץ מיט אַלעמען, כדי

פון אלטן קוואל

באַטש אויף אַ קלײנער װײַלע אַריבערטראָגן זיך אַהין — צום קוואַל, פון װעלכן מיר האָבן דאָס אַלעם געשעפּט, און צו אונזער יוגנט, וואָס האָט אונז געמאַכט געניסן פון דעם אַלעם?!...

אין די בערג

שוין א האלב צענדליק יאָר אַז איך בין ניט אַרויסגעפאָרן פון שטאָט; די בלוטיקע שטראָמען, וואָס פאַרפלייצן די וועלט, לאָזן ניט טראַכטן פון רו. האָבן מיר דאָך אָבער א קלאָס בירגער, וואָס זייער אויפגאַבע איז אָפּצוהיטן אונזער געזונט, ווי די אויג אין קאָפּ. זיי שלאָפן ניט קיין נעכט איבערקלערנדיק ווידער און ווידער — טאָמער, חלילה, גיט א בלאָז אויף אונז א ווינטעלע. נו, האָט מיך אַזאַ א בירגער געוואָרנט, אַז איך זאָל אומבאַדינגט אַרויספאָרן אויף א וואָך־צוויי, ווייל — זאָגט ער — מיין האַרץ... מיין האַרץ קלאַפּט צו שטאַרק און טוט אַמאָל וויי. ער פאַרשטייט ניט מיין געזונט־היטער, אַז די בעסטע רפואה פאַר מיין האַרץ וואָלט געווען, ווען היטלער מיט זיינע מלאָכי חבלה נעמען גלייך איין א מיתה־משונה; און דערפאַר וואָס ער פאַרשטייט עס ניט, קלאַפּט ער מיר אין קאָפּ, אַז איך זאָל פאָרן.

פאָר איך, — א ברירה האָב איך?...

ווהין איר זאָלט ניט פאָרן פון אונזער הויפּט־שטאָט, פאַלט איר גלייך אַריין אין א כאַאָס פון בערג. זיי רינגלען אייך אַרום פון אַלע זייטן און קוקן אויף אייך מיט ביטול פון זייערע וואַלדיקע אָדער טשיינערנע שפּיצן. ערטערווייז דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך צוזאַמענקומען און פון דעם נישטיקן בעל־העזה, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זייער ממשלה, וועט קיין זכר ניט בלייבן...

דאָס מענטשעלע אָבער מיט זיין מאַכאַרייקע, וואָס לויפט אָן פערד, איז א פלינקע באַשעפעניש. אָט האָט ער זיך שוין אַרויסגעגליטשט ביי די גיגאַנטן פון אונטער די הענט און לויפט שנעל איבער א באַרג־טאָל. ער יאָגט זיך צו א צווייטער גרופּע וועליקאַנען, און שניידט זיך אַריין מיט זיין מאַשינדל אין זייער איינגעווייד.

פון אלטן קוואל

אין קיין פּלאַץ זעען זיך נישט אַזעלכע בולטע סימנים פון דער ערד־טעטיקייט אין אירע גאָר ערשטע פּעריאָדן, מען קען זאָגן — סימנים פון מעשה בראשית — ווי אין די בערג. אַלע געבערג־קייטן, וואָס די ערד פאַרמאָגט, זענען פאַרגליווערטע בלעזלעך פון דער צייט, ווען די ערד — אַ קאָכיקער, פייערדיקער קוגל — האָט שוין אָנגעהויבן בישלעכווייז אָפּקילן זיך אויף איר אויבערפלאַך. און אַזוי ווי די אָפּגעקילטע שאָלאַכץ איז געווען רעלאַטיוו זייער דין און די כוחות, וואָס האָבן געבראַזעט אונטער איר — זייער מעכטיק, האָבן זיי, אַט די כוחות, אין פיל ערטער דורכגעריסן די שאָלאַכץ און „אַרויסגעבלעזלט” גרויסע מאַסן ברענענדן שטאָף, וואָס האָבן זיך מיט דער צייט אָפּגעקילט און פאַרמירט קייטן בערג פון פאַרשידענער גרויס און הויך.

פיל מאָל האָט די ערד „געעפנט איר מויל”, איינגעשלונגען גרויסע שטרעקעס פון בארג און טאָל און אויף זייער אָרט אַרויסגעשטופּט פרישע מאַסן פון צושמאָלצענער לאַווע, אויף אַזאַ אופן האָבן זיך ווידער און ווידער געביטן די פּאַנאָראַמעס פון דער ערדס אויבערפלאַך, ביז וואַנען עס איז געקומען אַ צייט, ווען איר שאָלאַכץ איז שוין געוואָרן אַזוי דיק אַז קיינע כוחות האָבן זי ניט געקענט אויפרייסן, און נאָר, פון צייט צו צייט, האָבן די גאַזן, וואָס געפינען זיך אין די טיפענישן פון דער ערד אונטער אַ מוראדיקן דרוק, דורכגעריסן אַן אַרויסגאַנג, שלעפּנדיק מיט זיך צושמאָלצענע לאַווע, וועלכע האָט מיט איר מאַסע געשאַפן אַ באַרג, וואָס איז וואָס ווייטער אַלץ העכער און ברייטער געוואָרן, האָבנדיק אין צענטער אַ ברייטן אָפענעם מויל, פון וואַנען עס האָבן זיך געריסן ברענענדע פּראָדוקטן, וואָס די ערד האָט כסדר אַרויסגעשליידערט. און דאָס איז וואָס מיר רופן — אַ טעטיקער ווולקאַן.

אַזעלכע ווולקאַנען זענען געווען טעטיק זייער לאַנגע פּעריאָדן, ביז וואַנען זיי האָבן זיך אויסגעלאָשן. אייניקע פון זיי זענען נאָך טעטיק ביז היינטיקן טאָג, אַרבעטנדיק אָן אויפהער, אָדער פּעריאָדיש, אָבער ניט אין ערך מער זענען אויסגעלאָשן געוואָרן אויף שטענדיק. אַזעלכע אויסגעלאָשענע ווולקאַנען זעען מיר אין די בערג אויף שריט און טריט.

מ. דוכאָוויטש

לינקס פון וועג, וואָס פירט קיין קוערנאַוואַקאַ — דער בהמהס האָרן — עפנט זיך פאַר אייך אַ פּאַנאָראַמע פון ווילדע, געדיכט באַוואַקסענע בערג. זיי שאַפן אַ גרינע וועלט, וואָס איז באַגילט אין פאַסן פון די גאָלדענע זון־שטראַלן. צווישן זיי — ווי אַ שאַרפער דיסאָנאַנס — קוקן בלינד דריי היילע שטיינערנע קראַטערס. דריי מיילער, וואָס האָבן אפשר מיט הונדערט טויזנט יאָר צוריק געשפּיגן מיט פייער זיי האָבן געפלאַקערט, געשליידערט ברענענדיקע שטיינער, צושמאָלצענעם פייער און גאַנצע וואָלקנס מיט אַש. דאָס האָט געדויערט ווער ווייסט וויפל טויזנטער יאָר, ביז וואַנען זיי זענען צום סוף פאַרשטומט געוואָרן אויף אייביק. געלעבט לאַנג זייער פייערדיקן לעבן און — געשטאָרבן. זייערע קראַטערס זענען איצט טויטע מיילער אָן אָטעם. עס ווערט טרויעריק אויף דער נשמה, ווען איר זעט, ווי אַלץ — אַפילו פייער־שפּייענדע בערג — לעבן און שטאַרבן. איר קערט אָפּ אייער בליק פון די דריי מתים און ווענדט זיך צו די באַוואַקסענע מאַסיוון, וואָס גרינען מיט לעבן און פרייד.

דער צויבער־וועג

זייער א סך מאָל בין איך דורכגעפאָרן דעם וועג פון מעקסיקע־שטאָט קיין קוערנאַוואַקאַ. יעדער קער פון זיינע געשלענגלטע רינגען, יעדער אויפבליץ פון זיינע פאַרכישופטע אויסזיכטן, וואָס דערשיינען פלוצלונג און פאַרשווינדן גלייך, כדי צו פאַרביטן ווערן מיט נייע נאָך וווּנדערבאַרערע, זענען מיר באַקאַנט, ווי די פינגער פון מיין אייגענער האַנט, און דאָך געפין איך מיט יעדן מאָל אַלץ נייע און נייע שיינקייטן, וואָס איך האָב פריער נישט באַמערקט, און וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער צויבער, אַט ווי א שיינע פרוי: וואָס מער מאָל איר זעט זי, אַלץ מער און מער שיינקייט און חן געפינט איר־אויס אין איר געזיכט, אין איר שלאַנקער פיגור, אין איר עלאַסטישן, רייצנדן בויג פון קערפּער...

די נאַטור איז דאָ נישט קאַרג געווען, און האָט דעם געבענטשטן שטיק לאַנד געשענקט אַזויפיל פּראַכט און שיינקייט, אַז עס וואָלט גענוג געווען פאַר א גאַנצער מדינה.

ערשט „אראָפּ פון וואָגן" — האָב איך זיך געטראָפן מיט א באַקאַנטן יידן. ער איז אויך מיט א טאָג צוריק געקומען אהער פון דער הויפּט־שטאָט אויף א וואָך צייט.

— עפּעס, — זאָגט ער — האָבן איך דערפילט, אַז איך האָב א האַרץ. קיינמאָל פריער האָב איך עס נישט געפילט (נישט נאָר ער האָט עס ניט געפילט, נאָר אַנדערע האָבן עס אויך נישט געפילט און נישט געוווּסט. — באַמערקונג פון הבחור הזעצער).

— נו, טרייבט מיך מיין טאָכטער אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אהער רוען. דאָ — מאַכט ער — איז היפּש נידעריקער און אייער — דאָס הייסט, מיין האַרץ וועט דאָ נישט דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן. וואָס מיר נידעריק־שמידעריק, אַז איך גיי דאָ אוים פון לאַנגווייל. נאָך א גליק, וואָס מען טרעפט אָפּט א פּאָר הענט און מען פאַרשפּילט

מ. דוכאָוויטש

זיך אין פּאָקער אַזוי — פון נאָכמיטאָג ביז אויף מאָרגנדיקן אָנבייסן. ווען נישט דאָס, ווייס איך נישט וואָס עס וואָלט געוואָרן דאָ פון מיר. אַגב אורחא, איר שפּילט דאָך מסתמא אויך, טאָ קומט היינט צו מיר אין האָטעל, דאָרט וועלן זיך שוין אָפּזוכן נאָך אַ פּאָר פּאַרטנערס...

איך האָב אַנטוישט מיין יידן, אַז נישט איך קען און נישט איך שפּיל. און דאָ, אונטער דעם פרישן איינדרוק פון דעם צויבער־וועג, האָב איך זיך פאַר מיין באַקאַנטן צולאָזן אויף אַלע כלים, דערציילנ־דיק אים, וואָס פאַר אַן איינדרוק דער כישוף־וועג מאַכט אויף מיר, איבערהויפּט איצט, אין יונגן זומער, ווען אַלץ גרינט און בליט...

נו, נו, פרעגט שוין נישט. פון איידלקייט־וועגן האָט ער מיך אויסגעהערט ביזן סוף, אָבער ער האָט דערביי געמאַכט אַזאַ זויערע מינע, אַט ווי ער וואָלט געגעסן אַ זויערע לימענע, און איך האָב קלאָר געלייענט אויף זיין פּנים: זע נאַר, איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז דו ביזט אַזאַ לעקוש...

עס קען זיין, אַז איר, מיינע לייענער, וועט מיך אויך קווינען מיט דעם זעלבן נאָמען, איך גיי אָבער ווידער טאָן דאָס זעלבע נאַ־רישקייט, ווייל איך קען זיך נישט העלפן — די נאַטור האָט מיך אָנגעלאָדן מיט צופיל פון איר כישוף, איך מוז אַ שמץ דערפון אויס־לאָדן פאַר אייך, צי איר ווילט עס הערן, צי נישט...

דעם פּלאַנעט מאַרס זעען מיר רויט, ווי באַשפּריצט מיט בלוט, און דערפאַר האָט ער אין דער מיטאָלאָגיע געהייסן: דער גאָט פון מלחמה.

עס זענען דאָ צוויי השערות פון וואַנען עס נעמט זיך צו אים דער רויטער קאָליר. אַזוי ווי מאַרס איז אַ סך עלטער פון דער ערד, פאַרמאָגט ער זייער ווינציק ימים און נאָך ווינציקער טייכן. אין די מעכטיקע טעלעסקאָפּן קען מען ניט באַמערקן, אַז זיי הימל זאָל זיין פאַרוואָלקנט; דערפון איז געדרונגען, אַז דאָרטן פאַלן רעגנס זייער זעלטן, און דער באָדן פון דעם פּלאַנעט איז אין זיין גרעסטן טייל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וויסטעניש. ווי אַלע מדבריות, איז דער מדבר פון מאַרס באַדעקט מיט טרוקענעם זאַמד, וואָס שלאָגט שטענדיק אָפּ מיט רויט, און פון דאַנען זיין רויטלעכער קאָליר.

די צווייטע השערה גייט אויך אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט,

פון אלטן קוואל

אז אויפן מארס איז דא ווינציק וואסער און די געוויקסן אויף אים האבן זיך געמוזט צופאסן צו דאס ביסל פייכטקייט, וואס זיי באקומען. מארס איז מיט א פינפטל קלענער פון אונזער ערד און אויף אזויפיל איז אויך אויף אים קלענער די גראוויטאציע־קראפט, וואס מאכט, אז די לופט איז דארט שיטערער ווי אויף דער ערד. אט די ביידע פאקטארן שאפן א כעמישע קאמבינאציע, וואס גיט די געוויקסן נישט קיין גרינעם, נאר א רויטן קאליר, און דערפאר זעען מיר דעם מארס רויט. אויב די צווייטע השערה איז ריכטיק, לעבן די מענטשן פון מארס אין א רויטער וועלט. עס קען זיין, אז דאס פארמאגט אייגנארטיקע שיינקייט, און דער מארסיאנער קוויקט זיך מיט דעם, ווי מיר מיט אונזער גרינער וועלט. מיר דא זענען אבער געוווינט צו אונזער גרינער לאנדשאפט, און די סאמעט־גרינע שטרעקעס, וואס שפרייטן זיך אזוי מילד און ווייך, דערפרייען אונזער אויג און בארויקן אונזערע אויפגעברויזטע געמיטער.

כדי צו באשטעטיקן, אז דאס געזאגטע איז ריכטיק, פארט זיך דורך קיין קוערנאוואקא, אבער יאגט זיך ניט, אט ווי נישט־גוטע וואלטן איך טראגן — נישקשה, איר וועט דעם פאקער נישט פארשפעטיקן — פארט אביסל לאנגזאמער, און גיט די מעגלעכקייט אייער אויג איינצוזאפן דאס אומבאשרייבלעכע פראכט, וואס אנטפלעקט זיך פאר אים.

קוקט: איר זעט אן יענע צוויי בערג־שפיצן, וואס זענען אפגעטיילט איינער פון צווייטן מיט א שמאלן, טיפן טאל. אויף די קעפ טראגן זיי סטראגע כוואיעס, וואס שטייען אויסגעצויגן ווי סאלדאטן אין פראנט; פון דערווייטן דאכט זיך, אז דאס האבן זיך ביי זיי געשטעלט קאפויר די האר אויפן קאפ. ווער ווייסט, אפשר האבן זיי זיך דערשראקן, ווען פארהעלטנישמעסיק נישט לאנג האבן מענטשן זיך געשטאכן און געשניטן דא אין די טאלן. פארקאמען זיי איז נישט געווען ווער, זענען זיי פארבליבן מיט אויפגעשטעלטע האר ביזן היינטיקן טאג.

נידעריקער פון די קעפ — די פלייצעס, די זייטן, די פיס זענען ביי זיי באדעקט מיט א העל־גרינעם קלייד, אין וועלכן עס זענען איינגעוועבט ווייסע, בלויע, וויאלעטע און רויטע בלימעלעך. טיף אין טאל

מ. דוכאָוויטש

רוישט אַ שמאָל וואַסערל. עס דערציילט אייך פון דעם פרידן, וואָס הערשט דאָ אַרום און רופט אייך אַראָפּשפּרינגען פון דער טומלדיקער מאַשינדל, וואָס שלעפּט אייך גלייך צום קאָרטן־טישל און אויסרוען אייערע מידע ביינער דאָ אויף דעם גרינעם, שמעקעדיקן סאַמעט.

אייער מאַדאַם, וואָס זיצט ביי אייער זייט, קערט זיך־אָפּ פון דעם גרינעם פּראַכט: זי, די גרויסע מאָדניצע, גלייכט נישט גרין; אין דער מאָדע איז איצט רויט. זי מאַכט אַ חנדל, פאַרקרימט דאָס פּיסקל און טרייבט אייך אונטער: וואָס איז דאָ צו זען, לאָמיר פאָרן שנעלער. דער גרינער טעפּיך, וואָס איז פיל מיט פרייד און פרידן, איז נישט פאַר איר. זי טראַכט גאָר איצט פון דעם גרינעם טישל, וואָס וואַרט אויף איר, און צו וועלכן עס ציט איר, ווי צו אַ געליבטן...

אַ נו, אַט דאָ שטעלט זיך אָפּ אַ ווייל׳ע. דער וועג איז איינגעהאַקט אין שטיינערנעם רוקן פון באַרג און שלענגלט זיך איבער אַ טיפן אָפּגרונט. ווייט־ווייט אונטן ליגט די ברייט צעוואָרפענע מעקסיקע מיט אירע ווייטע און נאָענטערע קאָלאָניעס. ווי קאָרטן־שטיבלעך זעען אויס די העכסטע מויערן.

אויף אַזאַ הויך פילט איר זיך דערהויבן און קוקט אויף דער גאַנצער וועלט פון אויבן אַראָפּ.

דאָס גלייכע שטיינערנע וואַנט פון דעם איינגעשניטענעם גיגאַנט מאַכט אייך אָבער פילן נישט אַזוי פויגלדיק: עפּעס זענט איר דאָך גאָר אַ קליין פליגל וואָס פויזעט איבער זיין גלאַטער זייט...

איר ווערט צוטומלט פון די צוויי קעגנזייטיקע געפילן און פאַלגט דאָס ווייב. נישטאָ וואָס צו קוקן, פאָר ווייטער.

איך האָב אייך נאָך געוואָלט אָנווייזן אויף יענעם קאָלאָס, וואָס איז באַוואַקסן פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ געדיכטן דזשאָנגל, ווי אַזוי שטיקער גרוי־ווייסלעכע וואָלקנס האָבן אַרומגעכאַפּט זיין בויך און איבערגעשניטן אים אויף צווייען. עס איז טשעקאַווע צו זען ווי דער אויבערשטער העלפט זיינער איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, — איך האָב אָבער מורא פאַר אייער יידענע, זי וועט מיר ווערן אַ דם־שונא. ווען עס שטייט איר פאַר אַ קערטל — און ווען שטייט עס איר נישט־פאַר: — איז זי דאַן אַן אמתער גזלן, און איז גרייט צוברעכן אַלץ וואָס עס פאַרהאַלט זי צו איר הויכן ציל...

פאָרט שנעלער און האָט אַ מזלדיקן פּאָקער!...

עונג-שבת

די זון נייגט זיך צום מערב און באַפאַרבט מיט רויטן גאָלד אַ שטיק הימל. קליינע וואָלקנדלעך צופלאַקערן זיך אין העלישן פייער און שווימען לאַנגזאַם אין אַ גין-גאָלדענעם שטראָם. אַט האָבן זיך צעצונדן די שפּיצן פון די אַלטע בעריאָזעס, וואָס וואַכן איבערן נאָך עלטערן בית-עולם. זייערע גרין-ווייסע קעפּ באַגיסן זיך מיט פליסיקן גאָלד און שאַפן אַ צויבער-סימפאָניע פון קאָלירן. איבערן שטויביקן וועג קומען-אָן די שטעטלשע בהמות. זיי מוקען פריילעך און לויפן שנעל, די קעפּ פאַרריסן צום פלאַקערנדן הימל.

אין די אָרימע יידישע הייזקעס גרייט מען זיך מקבל-פנים זיין די שבת-מלכה. די דילן זיינען אויסגעקערט און באַשאָטן מיט געלן זאמד. דער טיש געדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. די מעשענע לייכטער שימערירן אויסגעפוצטע און וואַרטן אויף דער באַלעבאָסטע, וואָס וועט אין זיי ליכט-בענטשן. די ווייסע חלות, צוגעדעקטע מיט אַ האַנט-געשטריקטער טישטוכל, וואַרטן אויפן צווייטן עק טיש, אַז מען זאָל אויף זיי קידוש מאַכן. די שבת-מלכה איז נאָך נים געקומען, עס פילט זיך שוין אָבער, אַז זי איז נישט ווייט און נים לאַנג וועט זי לאָזן וואַרטן אויף זיך.

די זון איז שוין נידעריק. מיט יעדער ווילע ווערט זי אַלץ גרעסער און רויטער. אַט באַרירט זי מיט איר ראַנד דעם נידעריקן האָריזאָנט און זינקט אַלץ טיפער און טיפער. אירע לעצטע שטראַלן פלאַמען-אויף און ווערן פאַרלאָשן. דער שבת-קודש איז דאָ.

די ערד, דער טייך, דער וואַלד, די שטילע, סודותדיקע בין-השמשות לופט, אַלץ אַרום זינגט שירה קעגן דער בת-מלכה, וואָס טראָגט מיט זיך פאַר די אָרימע פיל-געפּלאָגטע מענטשן דעם יום מנוחה וקדושה...

די טאַטעס מיטן יונגוואַרג זענען שוין אין שול, ווו זיי זאָגן

מ. דוכאָוויטש

זיך דאַן מיט דער קדושה פון דעם רו־טאָג, וואָס הילט זיי איין אין פריד פון דעם לכו נרננה, אין עקסטאַז פון לכה דודי לקראת כלה... די דורך דער וואָך פאַרוואָגלטע נשמות, פאַרצאָרגטע און פאַרחושכטע, באַקומען מיט אמאָל אַ תיקון; בני־מלכים ווערן זיי, די דערשלאָגענע מענטשן, און אַז זיי קומען פון שול מיטן פריידיקן גוט שבת, באַגע־גענען זיי מלאָכי השרת, מלאָכי עליון, מיט וועלכע זיי באַגריסן זיך, ווי גלייכע מיט גלייכע...

נו, געוויס — הער איך אייער באַמערקונג — אונזערע טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס זענען טאַקע געוועזן די אמתע שומרי־שבת. — איר מאַכט שפּאַס, וואָס הייסט — שומרי־שבת? — זיי האָבן דען געדאַרפט היטן דעם שבת, ניט צו מחלל־זיין אים? — היטן דאַרף מען אַ זאַך, וואָס ווען מען היט עס נישט, גייט עס אַוועק, פאַר־שווינדט עס, אָדער ווערט וואָכעדיק און פאַרלירט דאָס מהות זיינס. קען מען דען צופּאַסן אָט די באַגריפן צו יענע יידן, וועלכע זענען אין דעם שבת מעת־לעת געווען פול ביז די ראַנדן מיט מנוחה קדושה פון יענעם סאָרט, וואָס רייסט אַוועק דעם מענטשן פון דער ערד און טראָגט אים צו גייסטיקע הויכן, ווו ער פילט זיך נאָענט צום הימל? —

ניט זיי האָבן געהיט דעם שבת, נאָר דער שבת האָט זיי געהיט, בערייניקט און געהייליקט, און אָנגעפילט מיט רו פאַרן קערפּער און גייסט פאַר דער נשמה. ביי דער גרעסטער אָרימקייט אָפט, פלעגן אָט די „שומרי־שבת” האָבן אַזאַ עונג־שבת, וועגן וועלכן מיר, מיט אונ־זער גאַנצער שפע, קענען אפילו ניט חלומען...

תשעה באב

א פאטאלער טאג פאר דעם יידישן פאלק איז דער ניינטער טאג פון חודש אב. פיר מעכטיקע קלעפ האט דאס פאלק באקומען אין דעם אומגליקלעכן פאר אונז טאג. סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער בית־המקדש זענען חרוב געווארן — לויט דער לעגענדע — אין דעם ניינטן טאג פון אב. בר־כוכבאס העלדישער אויפשטאנד קעגן די רוימער איז דערטרונקען געווארן אין בלוט אויך אין דעם זעלבן פינצטערן טאג; און דער גירוש־שפאניע, וואס האט מיט פיר הונדערט יאר צוריק אויפגעטרייסלט דאס יתר הפליטה ביז די טיפסטע טיפענישן, איז אויך אויסגעפאלן אין דעם טרויעריקן טאג.

העכער צוויי טויזנט יאר איז דער טאג פון תשעה־באב א סימבאל פון נאציאנאלן טרויער. דאס פאלק באוויינט זיין פארלארענע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, זיין פלאץ צווישן פעלקער. און דערמאנענדיק זיך אן די אלע צרות און לײדן, אן די אלע בלוטיקע רדיפות און נגישות, וואס האבן אים געיאגט אין דעם לאנגן, דארנדיקן וועג, הילט זיך איין דאס פאלק אין אבילות און טרויערט אויף זיין פינצטערן גורל.

נו, געווים — מיר מיט אייך טרויערן שוין נישט, מיר פארגעסן אפילו ווען דער שלים־מזלדיקער טאג פאלט אויס. מיר זענען דאך עפעס פראגרעסיווע מענטשן און האלטן הויך די פאן פון ציוויליזאציע. וואס איז — צו א שלעכטן תכלית האבן דערפירט אונזער פראגרעס און ציוויליזאציע?... אבער אונזערע טאטעס און זיידעס האבן אויף אן אמת געטרויערט אין דעם טאג, און נאך ווי!

איך געדענק — עס איז ערב תשעה־באב. דער ליבער זומער האט זיך צעוואקסן, צעבליט און צוציטיקט. ווו איר גיט זיך נאר א קער ארום פון שטעטל שטייען פעלדער מיט צייטיקע תבואה און כוואליען זיך פון א לייכטן, זודיקן ווינטל. סעדער אנגעלאדענע מיט

מ. דוכאָוויטש

פּירות גלימערן אונטער דער זון. שטיל און שלעפעריק איז צווישן דיביימער; עס הערן זיך נאָר צעצויגענע אומעטיקע טענער פון דעם פעלד־גריל וואָס מאַכן נאָך בולטער די שווערע שטילקייט. די נאַטור דעמאָנסטרירט איר ציִיטיקייט, איר זאַטקייט, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר לעבעדיקע ברואים, און רופט צו געניסן פון דעם אין פרידן.

דאָס יידישע שטעטעלע אָבער פילט נישט דעם רוף, זי זעט אפילו נישט דאָס רחבות אַרום. אין טיפן ערנסט גרייט זי זיך צום טרויער־טאָג, צום טאָג פון פייניקן די לייבער מיט חמשה ענויים.

שווייגנדיק פאַרפאַסט מען זיך. מען עסט קיילעכדיקע אייער מיט אַש — אַ סימן פון אבלות. מיט אַ שווערן זיפץ טוט מען אויס די שיך פון די פיס און לאַנגזאַם, מיט געבויגענע קעפּ, לאָזט מען זיך גיין אין שול צו מגילת איכה.

מיט אַ האַרצרייסנדן ניגון לייענט דער בעל־קריאה די מגילה. יעדעס וואָרט שניידט זיך אַריין, ווי מיט מעסערס, אין דער אייטער־דיקער יידישער ווונד. יידן אין זאַקן זיצן אויף נידעריקע איבערגע־קערטע בענק און גיסן טרערן אויף דעם חורבן ירושלים, אויף דער אַלמנה — בת־ציון, אויף גלות השכינה, אָבער מער פון אַלץ — אויף דעם אייגענעם דלות און דערשלאָגנקייט.

אויסגעוויינטע אין שוויים און טרערן גייט מען פון שול. הימל און ערד זענען פאַרגאָסן מיט אַ מילכיקן שוואַכן ליכט פון דער האַל־בער לבנה, און די טונקעלע שאָטנס, וואָס שלייכן זיך אין דער שטיל־קייט זון נאַכט וואַרפן אָן אַ מרה־שחורה.

אַ שווערער טרויער דריקט דאָס האַרץ און עס ווילט זיך נישט גיין אין שטוב שלאָפן. איך וואַרף אַ בליק אויף דעם שלעפעריקן טייך, וואָס רוט אין זיינע ברעגן. ער וואָלט זיכער איינגאַנצן איינ־געשלאָפן, נאָר די בלייכע שטראַלן פון דער נישט פולער לבנה שפּילן זיך מיט אים און לאָזן אים עס נישט טאָן.

פון יענעם זייט טייך הערט זיך אַן אומעטיקער הוקען פון אַ נאַכט־פויגל. ערגעץ אין די נאָענטע קוסטעס פון יענעם ברעג קריכט עפּעס לאַנגזאַם און רוישט שטיל מיט די בלעטער פון די נידעריקע צווייגן. דער ווייטער וואַלד, וואָס מערקט זיך קוים אין דעם גרויען נעפּל, שטייט אויף דער וואַך, ווי אַ פאַרבישופטער. ער איז אַזוי

פון אלטן קוואל

איינזאַם און פאַראומערט, אַט ווי יענע גרויסע באַפעלקערטע שטאָט ירושלים, וואָס איז געבליבן זיצן אַליין, פאַריתומט און פאַרוויסט...

און דער טייך האָט זיך שוין אויך געכאַפּט, אַז היינט איז תשעה־באָב, — ער שפּילט זיך שוין מער נישט מיט די אומעטיקע שטראַלן, אַ טונקל־גרויער שלייער האָט אים פאַרדעקט אין טיפן טרויער...

אויף מאָרגן ווידער אין שול, קינות אויסגעווייקט אין בלוט און טרערן טראָגן זיך אין חלל פון דער פאַרטרויערטער תשעה־באָב'ע־דיקער שול, וויי־געשרייען רייסן זיך פון צעוויטאָקטע הערצער: עד מתי, ליבער גאָט, וועלן מיר זיין צו שאַנד און צו שפּאָט?! — איז שוין דען נישט צייט, אַז דו זאָלסט זיך אַרומקוקן אויף דיין אָרים פאָלק ישראל און ברענגען אים די ישועה וגאולה?! — דענקסטו נישט, אַז עס איז שוין פאַרפולט די מאָס?!...

ווי עס ווייזט, איז אָבער די מאָס נאָך נישט געווען פאַרפולט, יאָ, איצט איז זי שוין פול איבער די ברעגעס; עס פלייצט איבער די ראַנדן פאַרגאָסן יידיש בלוט, און אויף וועגן און שטעגן פון דער אומגליקלעכער איידאָפּע וואַלגערן זיך יידישע הרוגים, און גרויס איז דער בראָך!...

די יידישע קינות, וואָס פאַרפלייצן היינט די ערד מיט זייער שטומען וויימאָק, מוזן דערגרייכן די הימלען, און עס מוז מקויים ווערן דער צוזאָג, אַז אין דעם טאָג פון דעם נײַנטן אָב וועט קומען די גאולה.

פורים

איר מיינט דאָך אוודאי, אַז איר ווייסט דעם טעם פון יידישע יום־טובים, און אַז איר פילט דעם עונג־יום־טוב אָט ווי אייערע טאַטעס און זיידעס האָבן עס געפילט — איאָ, אַזוי מיינט איר? — האָט איר טאַקע, במחילה, אַ גרויסן טעות.

דעם יידישן יום־טוב, זיין נשמה־יתרה קען מען דערפילן נאָר דאַן, ווען עס איז פאַראַן אַ „רעסעפּטאָר", וואָס כאַפּט אויף די עמאַנאַציעס, וואָס שטראַלן אַרויס פון דעם גייסטיקן מהות פון דעם יום־טוב, און אַזעלכע „רעסעפּטאָרן" אַנטוויקלען זיך נאָר דענסטמאָל, ווען עס איז דאָ אַ ריכטיק יידישע זאַקוואַסקע.

און ווייסט איר וואָס איך רוף „יידישע זאַקוואַסקע"? — אָט דעם קול דממה דקה — די שטים פון „דינער שטילקייט", וואָס קומט נישט מיט דראַנג און שטורם, מיט דונערן און בליצן, נאָר לאָזט זיך הערן ווי אַן אָפּקלאַנג פון אַ זיסער מעלאָדיע פון ערגעץ ווייט, ווייט, פון דעם פריען פרימאָרגן פון אונזער דאָ זיין...

אָט די „דינע שטילקייט" וואָס האָט דורכגענומען אונזער וועזן אין די טויאיקע בלומען־יאָרן, ווען אונזער נשמה האָט איינגעזאַפּט אַלץ וואָס איז צאַרט און שטיל, האָט געלאָזן אין אונז איר נאָכקלאַנג אויפן גאַנצן לעבן, און איז דער גורם פון אונזער סענסיטיווקייט צו אַלץ, וואָס טראָגט אין זיך דעם שטילן, גייסטיקן עפּאָס פון אונזער גלאָררייכן עבר. און דאָס זענען יידישע יום־טובים...

איצט פרעג איך אייך צי קענט איר דערפילן אָט דעם דין־דינעם קלאַנג, וואָס טראָגט זיך זייט ביי זייט מיטן שטראָם פון ליידן פון אונזער דערנער־וועג, ווען אייער אויער איז פאַרטויבט פון דעם שטענדיקן הו־האַ, ווען אייערע געפילן זענען אָפּגעטעמפּט פון די אייביקע לויפעניש און יאָגענישן, פון דעם שרעקלעכן שטורם, וואָס בושעוועט אין אייך און וויל זיך נישט איינשטילן. און איר ווייסט

פון אלטן קוואל

דאָך, אז — לא בסער ד״ — די גאָטהייט שטורמט נישט. דאָס טוט דער טייוול...

אָט לאָמיר זיך דורכשפּאַצירן אין דעם בליענדן גאָרטן פון אונזער קינדהייט, אפשר וועלן דאָרטן זיך איינשטילן די בייזע ווינטן אין אונז, און מיר וועלן דערהערן דעם שטילן רוף פון אונזער צע־ווייטאָקטער נשמה...

עס איז א וואָך פאַר פּורים. מיר לערנען נאָך אין חדר פּאָלנים כאָדאָם, נאָר עס דערטראָגן זיך שוין מילדע ווינטלעך פון אונזער נאָענטער באַפרייאונג. דער רבי לייגט אוועק אָן א זייט די הארבע סוגיאס פון חולין, די בייכיקע עמודים פון בבא בתרא און לערנט מיט אונז די שפּילעוודיקע מסכתא מגילה. די קלענערע כתות לערנען מגילת־אסתר און קווען גאָר אָן פון המנס מפּלה.

אין די פרייע מינוטן זענען מיר שטאַרק באַשעפטיקט מיטן צו־גרייטן גראַגערס, שרייערס און אַנדערע כלי־זין, כדי צו דערגענצן די ירידה פון דעם צורר היהודים און מאַכן אים פילן יידישע קלעפּ.

אויף דער דרויסן הארמאָנירט מיט אונזער שטימונג. עס שטייט נאָך אין זיין גאַנצער הארבער פעסטקייט דער שאַרפער ווינטער, און דאָך, פון צייט צו צייט, בלאָזן פון ערגעץ שוין ניט אַזעלכע בייסנדע ווינטן, נאָר — ווייכע, נאַכלאָזנדע מיט א שאַרפן ריח פון דעם נאָ־ענטן פרילינג. דער שניי ווערט ווייך און קלעפּיק. ווען די מילדע ווינטן שושקען אים אריין אין אויער, אז זיין ווייסע קעניגרייך האלט ביים אונטערגיין, און דאמאָלסט איז טאַקע די ריכטיקע צייט צו מאַכן מענטשן און פאַרשידענע אַנדערע פיגורן פון שניי, וואָס מיר פאַר־פעלן ניט צו טאָן.

פון דעם געדאַנק, אז אָט איז שוין באַלד דער פריילעכער פּורים און דאָרט וועט מען זיך ניט אַרומזען — און עס קומט דער הארציק ליבער פּסח, ווערן מיר ווי פאַרשיכורט און עס פאַרדרייט זיך אונז דער קאָפּ. א שפּילכעלע עפּעס — אַזעלכע טייערע געסט און אַזוי פיל פרייע, לוסטיקע טעג.

מיר, ניין־צען יאָריקע בגרותן, גיבן צו פאַרשטיין דעם קליינ־וואַרג, וואָס עס מיינט פאַרן יידישן פאָלק דער יום־טוב פּורים; אז — בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו — אין יעדן דור שטייען אויף

מ. דוכאָוויטש

חיות רעות אין דעם געשטעלט פון מענטשן און ווילן מאכן א תל פון אונז, אַט ווי המן הרשע האָט עס געוואָלט טאָן בימי אחשורוש און אז דעם סוף פון המן בן המדתא וועלן קריגן אַלע, וואָס פאַר־מעסטן זיך אויפן יידישן פאָלק.

דאָס קליינוואַרג הערט זיך צו מיט אָפענע מיילער און שלינגט ממש יעדעס וואָרט; און ווען מיר גייען פאַרביי איגנאַטקעס הויף און זיין שייגעץ וואַסיל רייצט אָן אויף אונז זיין בייזן הונט, זעען מיר אין דעם מעשה המן און טרייסטן זיך שטילערהייט, אַז אים דערוואַרט אויך געוויס המנס סוף, און מיר שרייען עס אים אויס אויף אונזער געבראָכענעם „גויאיש", אַפּלויפנדיק א היפּשע שטרעקע פון דעם צוויי און פיר פוסיקן הונט...

אין דער היים זיצט דער טאַטע איבער דער צעוויקלטער מגילת־אסתר און איז בודק צי די יריעות האָבן נישט אָפּגעלאָזט פאַרן יאָר, וואָס מען האָט די מגילה אין האַנט נישט געהאַלטן.

די מאַמע קלייבט זיך היינט־מאָרגן פאַרמישן טייגלעך פאַר משלוח־מנות, און רעדט שוין אויך וועגן קריגן גוטן מאָן אויסצו־פּרעגלען מאָנעלעך פאַר פורים.

הכלל, עס שמעקט מיט פורים אין יעדן ווינקעלע, און צו אונ־זער אויפגעהייטערטקייט, עלית הנשמה — וואָלט איך געזאָגט, איז גאָר קיין גרעניץ נישטאָ.

אָט פון דאָרטן קומט די שטימע פון „דינעם שטילשווייגן"; דאָרטן האָבן זיך „געקוואַסעט" די יידישע נשמות, און צעשפּרייטנ־דיק זיך דערנאָך איבער אַלע עקן פון דער וועלט האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען דעם עכאָ, דעם אָפּקלאַנג פון יענער שטימע, וואָס דעקט צו, ווען עס קומט א יום־טוב, — די גרילציק־שרייענדע שטימען פון אונזער תוהו־ובוהו־לעבן:

און דאָס איז אונזער שטיקעלע נחמה.

שבת הגדול

שבת הגדול איז היינט מיין פריינט, — דער גרויסער שבת.

איך וואָלט אים דעם גרויסן שבת, וועלן באַטראַכטן אין דעם ליכט פון זיין גאַנצער גרויסקייט, איך קאָן עס אָבער נישט טאָן: די בלוטיקע דאָנערשטיקן, די רויבעריש־רוצחישע מיטוואָכן און דער מערדערישער גוואַלט פון אַלע איבעריקע טעג וואַרפן זייער שוואַרצן שאָטן אויף דעם גרויסן שבת און ער ווערט איינגעשרומפן...

לאָמיר זיך אָפּקערן פון די רשעותדיקע טעג, קומט, מיר וועלן זיך דורכשפּאַצירן אין די פּרעכטיקע גערטנער, וואָס ליגן ביים פּרישן קוואַל פון אונזער קינדהייט, דאָרט וועלן מיר אויך דעם גרויסן שבת געפּינען...

דער ווינטער ליגט אַ גוסס. זיין קאַלטע, פּראָסטיקע מאַכט איבער דער ערד רינט אויס אין טויזנטער ריטשקעלעך, וואָס לויפן מיט אַ שטילן געזאַנג און זאָגן אָן דער וועלט, אַז אויס — אַ סוף צום קאַלטן אכזר.

ווו נישט ווו, אין נידעריקע ערטער, בלישטשען נאָך שטיקער שניי פאַרחושכטע און אויסגעמאָגערטע פון דער וואַרימער פרילינג־זון. זייט ביי זייט מיט די רעשטלעך פון דעם נישט לאַנג געוועזענעם מעכטיקן הערשער אויף די צוגעטריקנטע בערגלעך, שמייכלען גרין־גרינע לאָנקעלעך. הימל־בלויע בלימעלעך קוקן צניעותדיק אַרויס פון דעם פריש אויסגעוואַשענעם, מיט גאָלדענע שטראַלן באַשפּריצטן גראָז...

דער טייך רייסט די קייטן אין וועלכע ער איז געשמידט געוואָרן די לאַנגע ווינטער־חדשים. שטיקער צעבראָכענע און צעקרישלטע אייז הורבען זיך מיט קולי־קולות, קריכן איבער די קעפּ פון די שוואַכערע און קלענערע, רייסן זיך אַרויס אויף דער פריי און איילן שנעל — צום זיכערן טויט...

מ. דוכאָוויטש

פאַר אונז קינדער איז עס אַ ליכטיקע וועלט. פון חדר זענען מיר פריי, און נישט קוקנדיק אויף די וואָרנונגען פון די מאַמעס, אַז מיר וועלן זיך נאָך חלילה פאַרקילן און קראַנק ווערן, פּליוזשקען מיר זיך גאַנצענע טעג מיט באָרוועסע פיס אין די קאַלטע גאַסן־לוזשעס...

היינט איז אָבער אַנדערש. היינט זעמען מיר אַלע באַשוכט און קיינער פון אונז טראַכט אפילו נישט וועגן די אַלע שטיפעריייען. היינט איז שבת הגדול.

געקומען פון שול, אָפּגעגעסן וואַרעמעס — דערמאָנט דער טאַטע: זאָג מיין זון עבדים היינו — היינט איז שבת הגדול.

און איך זאָג: עבדים היינו לפרעה במצרים — קנעכט זענען מיר געווען ביי פּרעהן אין מצרים, און גאָט אונזער גאָט האָט אונז אַרויס־געצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרעם, און ווען דער הייליקער — געבענטשט זאָל ער זיין — וואָלט נישט אַרויסגעצויגן אונזערע עלטערן פון מצרים, וואָלטן מיר און אונזערע קינדער און קינדס־קינדער געווען פאַרשקלאַפט צו פּרעהן אין מצרים...

— און איצט, אַז דער גוטער גאָט האָט אונז אַרויסגעצויגן פון דאָרטן, זענען מיר פון דאַן אָן — איבער דריי מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר — אמתע בני־חורין — פרייע און גליקלעכע...

און וואָס איז דאָס גלאַט עפּעס אַ „מען זאָל אונז אַרויסציען" — פאַר די אויערן הייסט עס ווי מען ציט אַן אייזל וואָס איז פאַר־זונקען אין דער בלאָטע?... און מיר אַליין דאַרפן גאָר נישט פּרוּוון זיך „אַרויסציען" מיט אייגענע קרעפטן?

וויי, וויי וויפל פּרעהס, המנס, טאָרקוועמאַדעס, היטלערס, גע־בעלס, שטרייכערס און נאָך און נאָך טייוואַלים און חיות אין גע־שטאַלט פון מענטשן האָבן אונז פון דענסטמאָל אָן נישט נאָר פאַר־שקלאַפט נאָר געמאַטערט און געפייניקט צום טויט; און מיר, מיט אויגן געווענדעטע צום נעפּל פון ווייט־ווייטן לעגענדאַרן עבר — האָבן אַלץ געהאָפט, אַז מען וועט אונז „אַרויסציען"...

אָט די אַלע ביטערע מחשבות, דער צער און צאָרן פאַר אונ־זער פינסטערן גורל, בליצן דורך מיין מוח און דריקן נידער מיין אַלטן קאָרק איצט, ווען די ווייסע שנייען פון אַלע שטעגן פון מיין וואַנ־

פון אלטן קוואל

דער־וועג האָבן באַדעקט מיין קאָפּ און ווילן נישט צוגיין. אָבער דאָן, ווען איך האָב דעם קאַלטן שניי געטראָטן מיט מיינע פיס, און ער איז שנעל פאַרניכטעט געוואָרן אונטער די ווארעמע בליקן פון דער גאָלדענער זון, האָב איך — גלויבט מיר — גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם.

פון דעם „עבדים היינו" האָט אויף מיר געצויגן מיטן ליבן אומפאַרגלייכלעכן סדר של פסח — דאָס פינקעלדיקע וויין פאַר ארבע כוסות, מצה מיט מרור, חרוסת און כרפס, דער טאַטע מיטן מלכותדיקן אויסזען און די לויכטענדיקע מאַמע און באָבע, וואָס זיצן אַזוי ערנסט איבער די הגדות און זאָגן נאָך וואָרט ביי וואָרט וואָס דער טאַטע זינגט אַרויס מיט התלהבות.

עבדים היינו — קנעכט זענען מיר געווען ביי די פרעהס און ביי טויזנט אַנדערע אכזרים און שלעק. מיט אונזער בלוט האָבן מיר באַ־פאַרבט ווי אַ לאַנד, ווי אַ מדבר, ווי אַ ים. אָבער אין אונזער עבדות האָבן שטענדיק ווי אַ דימענט אין אַ קופּע מיסט, אַרויסגעשיינט אונ־זער גייסטיקער חרות — מיט אַ סך קעפּ זענען מיר העכער געשטאַ־נען קעגן אונזערע פייניקער. און דאָס האָט אונז געגעבן כוח און מוט דורכצוגיין אונזער דערנער־וועג אין משך פון טויזנטער יאָרן.

ווי איר זעט, מיינע פריינט, בין איך פון דעם פרישן ריח־ניחוחדיקן קינדער־גאָרטן ווידער פאַרקראָכן אין דעם אַלטן פּאַרק מיט זיינע פון שטורם אומגעוואָרפענע דעמבעם...

הפּנים, אַז עס איז אוממעגלעך זיך פאַרצושטעלן „גרויסע שבתים" ווען דער גרויסער בראָך, דער גרעסטער אומגליק פון אַלע ציטן שפּרייזט איבער דער ערד און פאַרניכטעט ברוטאַל אַלץ, וואָס די מענטשהייט האָט דעראָבערט אין משך פון דורות מיט די גרעסטע קרבנות.

לאָמיר נאָר זיך ווינטשן, אַז דער „גרויסער שבת" זאָל זיין דער טאָג אין וועלכן דער גרויסער אויסוואורף מיט זיין גרויסער באַנ־דע רוצחים און שווינדלער זאָלן אָנהייבן זייער גרויסע מפּלה, וואָס

מ. דוכאָוויטש

וועט באַפרייען די וועלט פון דעם שרעקלעכן קאַשמאַר, וואָס דריקט זי איצט צו דער ערד.

יהי כן!...

* * *

געדענקט איר נאָך פון דער אַלטער היים די פרייד, וואָס פלעגט אָנקומען צוזאַמען מיטן שבת הגדול? — און אפשר האָט איר אַ גוטן זכרון און געדענקט נאָך דעם שבת הגדול פון אייערע קינדער־יאָרן, ווען איר האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון פאַרשטיקטן חדר און איר זענט אַרויס פריי, — אמת, נאָר אויף צוויי וואָכן, אָבער פריי, אינגאַנצן פריי, ווייל דער רבי איז געווען פאַרנומען מיטן צו־גריכטן דעם חדר אויפן זומער־זמן, און איר פלעגט אים נישט ליגן אין דער לינקער פּיאַטע.

אי איז דאָס געווען אַ לעבעדיקע וועלט! — אַז ווו איר האָט זיך נאָר אַ קער געטאָן האָט איר זיך אָנגעשטויסן אויף לויטער פרייד.

די זון בייטאָג איז שוין אינגאַנצן אַ יום־טובדיקע, זי וואַרימט און לאַשטשעט און זאָגט אייך אָן, אַז דער ליבער יום־טוב פּסח, דער יום־טוב פון פרייהייט שטייט שוין ביי אייער טיר.

אוודאי ווייסט איר די געשיכטע, אַז — עבדים היינו לפרעה במצרים, מיר זענען געווען קנעכט און פריי געוואָרן; אָבער אייך אינטערעסירט איצט מער אייער אייגענע פרייהייט, וואָס איז אַ דבר שיש בו ממש — אַ רעאַלע זאַך, איידער די פרייהייט פון אַמאָל־אַמאָל, פון וועלכער עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַן אויסגעבלאָזענע איי.

אויך מיר אַ פרייהייט, ווען מיקיטקע לאָזט אַ גאַס ניט דורכ־גיין, שרייט — זשיד, פּאַרך און וואַרפט דיר אַ שטיין אין קאָפּ.

דאָס איינציקע גוטע, וואָס איז פאַרבליבן פון דעם יציאת־מצרים, איז דער פּסח מיט די סדרים, מיט די אַרבע־כּוסות, מיט די קניידלעך, כרעמדזלעך, נים טערקישע און וועלעשינע, געפּרעגלטע מצה און נאָך טויזנט און איינס גוטע זאַכן, וועלכע מען קען זיי דען דאָ אַלע אויסרעכענען? —

נאָר די גרעסטע און בעסטע ירושה וואָס איז אונז — ייִנגלעך פאַרבליבן פון דער היסטאָרישער צערונענער פרייהייט, איז — אָט די פּערעדישקע פון אַ פּאָר וואָכן, וואָס גיט אונז די מעגלעכקייט אָפּ־

פון אלטן קוואל

כאַפּן דעם אָטעם, אַרומקוקן זיך אויף גאָטס שיינער וועלט, און דער־ביי כאַפּן — אָנשטיפּן זיך פאַר די גאַנצע זעקס חדשים, וואָס מיר זענען פאַרשפאַרט געווען אין דער חדר־תפיסה.

ווי יונגע חיהלעך, ווען מען לאָזט זיי אַרויס פון אַ פאַרשפאַרטן שטאַל, זענען מיר געשפּרונגען איבער די ריטשקעלעך, וואָס יאָגן זיך צום טייך מיט אַ זיסן געמורמל, געגליטשט זיך אין די שאָטנדיקע ווינקלען, וווּ דער אייז האָט נאָך געהאַלטן, און געוואָרפן זיך מיט שניי־קוילן פון דעם יתר הפליטה, וואָס מען האָט נאָך וווּ־ניט־וווּ געקענט געפינען.

פאַרסאָפּעטע און צעהיצטע פלעגן מיר שטיין־בלייבן ביים ברעג פון טייך און צוקוקן זיך צום געראַנגל, וואָס ער, דער טייך, האָט מיט די כוחות, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַרקאָוועט, געשמידט אין קייטן. ער רייסט און ברעכט און באַפרייט זיך פון זיי מיט בייזער גבורה.

אַוודאי האָבן מיר דאַן נאָך ניט פאַרשטאַנען אַז נאָר אַזוי קען מען פטור ווערן פון שקלאַפעריי.

און נאָך אַ זאַך האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען, אַז כדי צוברעכן די קייטן, אין וועלכע די מענטשהייט איז געשמידט, מוז די גאָלדענע זון לייכטן, וואַרימען און צושמעלצן אונזערע פאַרפראָרענע ווילנס, אונזערע איינגעקאָוועטע הערצער.

שבת הגדול — דער גרויסער שבת; ניין, איצט איז ביי אונז ניט פאַראַן קיין גרויסער שבת. אַלע אונזערע שבתים און וואָכעדיקע טעג זענען איינגעשרומפּן, ווי אייז פאַרפראָרן. בייזע ווינטן בלאָזן איבער דער לענג און ברייט פון דער פאַרשקלאַפטער, אויסגעמאָרדע־ועטער וועלט, און אונזער ווילן צו פרייהייט, צו אַ מענטשלעכן לעבן, איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט געוואָרן. והא ראיה — היטלער מיט זיינע בלוטדורשטיקע בעסטיעס: ווען די מענטשהייט וואָלט באמת מענטשלעך געווען, וואָלט ניט מעגלעך געווען אין אירע רייען אַזאַ בעסטיאַלע האָרדע מיט דער אוממענטשלעכער בעסטיע אַלס איר פירער. מיר, מיר אַליין זענען שולדיק אין דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפן: די גרויסע שבתים זענען ביי אונז געווען ניט עכטע. זיי זענען ניט באַלויכטן געוואָרן פון דער פרייהייטס־זון, און דער אייז איז פון איר היץ נישט צושמאָלצן געוואָרן...

מאַמע-לאַנד

פון דעם ווייטן לאַנד, וווהין איך בין שוין יאָרן לאַנגע פאַר־טראָגן געוואָרן פון מיין גורל, זע איך דיך, מאַמע טייערע. איך זע דיינע זאַמדן מיט בלוט פאַרגאָסן, דיינע ברייטע קאָרן־און קאַרטאָפל־פעלדער מיט טויטע ברידער פאַרוואַלגערט. איך הער די טריט פון גרויזאַמע רוצחים, וואָס האָבן געבראַכט אויף דיר טויט און פאַר־וויסטונג.

דיין בראָך, מאַמע, איז מיין בראָך, דיינע ליידן זענען מיינע. און ווען איך קען פליען צו דיר, וואָלט איך צוגעפאַלן צו דיין חרובער ערד, געקושט איר יעדן זאַמדעלע און מיט טרערן באַנעצט. איך וואָלט געיאָמערט אויף דעם גרויסן ווייטאָק וואָס האָט דיך געטראָפן, אויף דעם אומגעהערטן אומגליק, אז מאַמעס מיט קינדער זאָלן אין איין קבר פאַרשאָטן ווערן...

איך געדענק דיך, מאַמע, אַלע, אַלע יאָרן פון מיין וואַנדערן, קיינמאָל האָב איך דיך פאַרגעסן. דיין אָרימער אָבער ליבער געשטאַלט שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן, דיינע הומילדע אָבער אומפאַר־געסלעכע פּייזשאַזן האָבן אויף אייביק זיך איינגעקריצט אין מיין האַרצן. דו ביסט מיין ערשטע און לעצטע ליבע...

צען האָב איך געליבט,
ניין האָב איך פאַרגעסן,
נאָר דיך איינע
פאַרגעסן קען איך נישט!...

און ווי קען איך גאָר דיך פאַרגעסן, ווען דאָס ערשטע בילד, וואָס מיין קינדער־מוח האָט אָפּגעפרעסט פון דעם שטילן אַרום, איז געווען דיינער אַ פאַרהלומטער זומער־פאַרנאַכט אויף די ברעגעס פון אַ פאַר־שלאָפענעם טייך; ווען דאָס ערשטע געריויש, וואָס מיינע קינדערשע

פון אלטן קוואל

אויערן האָבן פאַרנומען, איז געווען דער סודותדיקער שושקען זיך פון די קוסטעס אויף יענעם זייט טייך...

צוזאַמען מיט מיר איז געוואַקסן מיין טיפע ליבע צו איר, מאַמע האַרציקע.

איך האָב געליבט, און ליב נאָך ביז איצט, דעם רואיקן טייך, וואָס איז געפלאָסן פאַרביי דער הויז, ווו איך האָב צום ערשטן מאָל מיינע אויגן געעפנט.

ער, דער טייך, איז געווען מיין בעסטער חבר, אים פלעג איך פאַרטרויען מיינע קינדערשע חלומות.

נאָך איין איבערגעגעבענער חבר איז מיר געווען דער געדיכטער סאָסנאָווער וואַלד, וואָס ליגט האַרט ביים שטעטל. אונטערן גרינעם דאַך פון זיינע הונדערטיאָריקע כוואַיעס, וואָס באָדן זיך מיט זייערע שפּיצן אין דעם גאָלדענעם רעגן פון דער וויים־רוסישער לאַסטשנדער זון, פלעג איך שעהן־ווייס ליגן און האָרכן, ווי די מעכטיקע ביימער רוישן שטיל. זייער גערויש פלעגט מיך שטענדיק דערמאָנען אָן טויט.

אין זיין שאָטן פלעג איך שפּינען מיינע קינדערשע טרוימען, און איך בין געווען אַזוי גליקלעך!...

מיר זענען טייער געווען די טיפע זאַמדן און די פערעלעסקעס פון יונגע סאָסנעס דאָ דאָ, דאָ דאָרט אויף זיי, וואָס האָבן זיך גע־שפּרייט פון צווייטן זייט שטעטל. אין שפּעטן זומער פלעג איך אין גרויען פאַרטאָג פאַרקלייבן זיך אַהין און אויסזוכן די צניעותדיקע שוועמלעך, וואָס שטעקן קוים אַרויס זייערע קעפּלעך פון אונטער די אָפּגעפאַלענע און פאַרטריקנטעביימער־נאָדלען.

איך האָב מיט פרייד געשפּאַנט צווישן די קאָרן־פעלדער פון דריטן זייט שטעטל. זיי האָבן מיך איינגאַנצן באַהאַלטן, און נאָר ווען עס פלעגט אָנלויפן אַווינטל און בייגן די זאַנגען אין ווייכע כוואַ־ליעס, פלעגט מיין שפּיץ קאָפּ באַווייזן זיך, ווי דער קאָפּ פון אַ שווי־מער פון ים־כוואַליעס.

פול מיט לעבנס־לוסט און נישט אויסגענוצטע כוחות פלעג איך ווינטער לויפן איבער דעם פאַרפראָרענעם טייך אויפן גלאַנציקן גליטש. און דער פראָסט האָט געברענט, דער שניי האָט אַזוי פריי־

מ. דוכאָוויטש

לעך געסקריפּעט אונטער די פּיס, און אויף מיינע באַקן האָבן געבליט ווינטער־רויזן.

און אַז עס איז געקומען דער פרילינג, און די זון די מכשפה האָט אויפגעריסן די אייז־קאָלדרע, אונטער וועלכער דער טייך האָט געשלאָפן דעם לאַנגן ווינטער, צושמאָלצן דעם שניי, און טאַקע באַלד באַגרינט די באַפרייטע פעלצער, פלעג איך אַ באַרוועסער פּאַליוסקען זיך אין די ריטשקעלעך און טייכלעך, וואָס האָבן זיך מיט אַ פרייד־לעכן געזאַנג געטראָגן צום טייך.

פון דעם אַלעם, מאַמע ליבע, האָב איך גענאָסן אין דיין שוים מיט פולע הויפנס, טאַקע ווי אַ געטרייע מאַמע, האָסטו מיר געשאָנקען די פרייד פון יוגנט געמישט מיטן פרייד פון באַשאַף, היינט ווי קען איך דיך פאַרגעסן אַפילו אויף אַ קליינער ווײַלע?

רחמנות

א כמורנער, פינצטערער אָוונט. שווערע בלייענע וואָלקנס קריכן פון אַטלאַנטיק — פון מזרח און פון פּאַציפיק — פון מערב. זיי שטויסן זיך צוזאַמען, באַלויכטן אויף אַ רגע מיט שאַרפע בליצן די פינצטערע הימלען און צעשיטן זיך מיט דראָענדע קולות. באַלד גיט אַ גאָס אַ טראָפּישער רעגן. זיינע לאַנגע וואַסערדיקע בייטשן פאַרטרייבן אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן אונטער אַ דאַך. עס איז אוממעגלעך די נאָז אַרויסצושטעקן. איך זיץ אין שטוב און הער זיך צו צום ראַדיאָ. פון דאָרט זינגט אַרויס אַ זיסע טענאָר־שטימע אַן אַלטע שפּאַנישע ליד:

„רחמנות צו די, וואָס ליידן; רחמנות צו די, וואָס וויינען!... אביסעלע וואַרימקייט פאַר די פאַרפראָרענע הערצער, און אַ טראָפּעלע ליכט פאַר די, וואָס לעבן אין דער פינצטער!...״

רחמנות!... אַ מאָדנע זאַך האָט פּאַסירט אָט מיט דעם טיף מענטשלעכן סענטימענט. די שיינע מידה פון רחמנות האָט זיך אָנגעפאַנגען צו אַנטוויקלען צוגלייך מיט דעם מענטשלעכן מין, און צוזאַמען מיט זיין פּראָגרעס האָט זי אויך געדאַרפט פאַרשפּרייטן און פאַרטיפן זיך, און האָבן איר זיץ־פּלאַץ אין יעדעס האַרץ. און ווען דאָס וואָלט אַזוי געשען, וואָלט די וועלט ווערן אַ גן־עדן פאַר אַלץ וואָס עס לעבט און אָטעמט, ווייל דאָס רחמנות־געפיל וואָלט נישט דערלאָזן שלעכטס טאָן צו קיינעם. ווער רעדט פון גרויסע וועלט־שחיטות — דאָס וואָלט גאָר נישט מעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן.

מיר, יידן, האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם גרויסן ווערט פון דער זעלטענער מידה, און נאָך פון די אוראַלטע צייטן אָן נישט אויפגעהערט אויף טריט און שריט צו דערמאָנען זי.

אונזער גאָט אין הימל האָבן מיר באַצירט מיט דער קרוין פון רחמנות: אל מלא רחמים — גאָט איז פול מיט רחמנות, אל רחום

מ. דובאָוויטש

וחנון — דער דערבאַרמדיקער און לייטזעליקער גאָט, ורחמיו על כל בריותיו — ער האָט רחמנות אויף אַלע זיינע באַשעפענישן, און נאָך, און נאָך אַזעלכע אויסדרוקן.

זיך אַליין האָבן מיר אָנגערופן רחמנים בני רחמנים און בסדר געהאַלטן אין דערמאָנען דעם אב הרחמים — דעם פאָטער פון רחמנות — ווען די אומשולדיקע בלוט, וואָס פאַרפלייצט די ערד.

שוין אַזוי פיל דורות, אַז מיר, — יידן, זענען דער אָביעקט, אויף וועלכן עס האָט זיך געדאַרפט פאַרשפּרייטן רחמנות, ווייל מיר האָבן שטענדיק געליטן מער פון אַלע און גענייטיקט זיך אין רחמנות מער פון אַלע. מיר האָבן אָבער עס קיין מאָל נישט באַקומען. אָנשטאָט רחמנות האָט מען צו אונז אַרויסגעוויזן אוממענטשלעכע אכזריות. אין די הערצער ביי מענטשן האָבן זיך בלוטדורשטיקע חיות באַזעצט. נו, און אונזער גאָט, וואָס איז פול מיט רחמנות, האָט געשוויגן סודותדיק, אָט ווי דער ספינקס אין דער מדבר. ניטאָ קיין רחמנות אויף דער וועלט...

רחמנות צו די, וואָס ליידן — די גאַנצע מענטשהייט איז פאַר־טרונקען איצט אין ליידן; אַ ים פון בלוט און טרערן פאַרגיסט די וועלט, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל רחמנות האָבן און אָפּשטעלן דעם גרויסן אומגליק.

און אויב די וועלט שטייט איצט ביים ראַנד פון אָפּגרונט, שטייען מיר, יידן, שוין מיט איין פוס אין אָפּגרונט און אויף אונז איז עס געזאָגט געוואָרן: צפת בצפת עשויה — מיר זענען אומגליק־לעך, ווי אַלע ערלעכע מענטשן אויף דער וועלט, און ספּעציעל זענען מיר דערשלאָגן און צעבראָכן ווי יידן.

רחמנות — איז עס דען ניט אַ שטיק בטלנות צו רעדן איצט וועגן דעם געפיל, וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן און פאַר־שוווּנדן פון די מענטשלעכע הערצער.

ווען יעדע שעה ווערן פאַרניכטעט טויזנטער יונגע לעבנס; ווען דער טויט לויערט פון יעדן ווינקל; ווען שטעט, דערפער, לענדער גאַנ־צע ווערן חרוב און בלייבן ליגן אין שטויב; ווען אויף אַלע וועגן און שטעגן גייען אויס פון הונגער און מגפות גאַנצע מחנות וואַנ־דערער; ווען פעלקער, דערוואַרטנדיק דעם טויט־קלאַפּ, וואָס קען זיך

פון אלטן קוואל

אראפלאזן אויף זייערע קעפ יעדע מינוט, ציטערן ווי בלעטער אין וואלד אין טויטלעכן אנגסט; ווען חיהשע אכזריות, אומענטשלעכע רשעות און ווילדעניש האט פארסמט אונזער לעבן און געמאכט איז אומדערטרעגלעך אומעטום ווו מיר זאלן זיך נישט געפינען — אין אזא שרעקלעכער צייט קען מען דען נישט פארגעסן אינגאנצן, אז עס איז דא אזא געפיל, ווי רחמנות?...

און אפשר גראד פארקערט — ווייל דער אומקום סיי פיזיש, סיי גייסטיקער איז אזוי גרויס, אז ער האט כמעט נישט קיין בארי צעדענט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, דארפן מיר וועקן דעם געפיל פון רחמנות צו די, וואס לײדן, צו די, וואס וויינען. לאמיר העלפן ארויסרייסן פון די וועלפישע ציין וואס עס וועט זיך לאזן

מיר, וואס לײדן נאך דערווייל ניט פיזיש, זענען עס מחויב צו טאן!...

* * *

דער זינגער האט געענדיקט זיין ליד. איצט איז דער ראדיא מאן מודיע דער וועלט וועגן דעם, וואס עס טוט זיך דארט אויף די שחיטה־פעלדער: דערטרונקען אזוי פיל שיפן, עראפלאנען האבן געווארפן באמבעס איבער די און די שטעט, אומגעבראכט אזוי פיל מענער, פרויען און קינדער... טויט און פארניכטונג שפרייזן ביים גיגאנטישע טריט און גייען חרוב מאכן די וועלט...

רחמנות!... ווו ביזטו, מעפיסטאפעל? — קום און צולאך זיך מיט דיין טייוולאנישן געלעכטער אזוי, אז די ערד זאל א ציטער טאן, און די הימלען — אט די גלייכגילטישע הימלען, זאלן זיך אנהייבן וואקלען!...

רחמנות — כא, כא, כא!...

הונגער

דריי אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן זענען אין 1921 געשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד אויסצופאָרשן די לאַגע אין די הונגער־גובערניעס אויף דער וואָלגאַ. זייער באַריכט וועגן דעם וואָס זיי האָבן דאָרט געזען, האָט געבראַכט די ממשותדיקע הילף דורך הוווערן, דעם קאָמענדן פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע־שטאַטן, וועלכער האָט דאַן צענדליקער טויזנטער מענטשן געראַטעוועט פון הונגער־טויט.

זייער מיסיע איז געווען וואָס שנעלער צוווייסן געבן וואָס דאָ קומט פאָר, כדי עס זאָלן וואָס שנעלער אַרויסגעשיקט ווערן שיפן מיט שפּייז פאַר דער פון הונגער־אויסשטאַרבנדער באַפעלקערונג.

פון מאָסקווע זענען זיי גלייך אָפּגעפאָרן קיין סאַמאַראַ — איצטיקער קויבישעוו, — מיטן צוועק צו באַזוכן דעם ראַיאָן, וואָס איז אַמשטאַרקסטן געטראָפן געוואָרן פון דעם הונגער.

אויפן סימבירסקער וואָקזאַל האָבן זיי געטראָפן טויזנטער פּי־ערים, וועלכע האָבן זיך צוליגט אויפן פּעראָן און ביים זייט פון די רעלסן. זיי האָבן זיך דערשלעפּט אַהינצו מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן קריגן צוגן, וואָס וועלן זיי אָוועקפירן ערגעץ, וווּ זיי וועלן קריגן ברויט. קיין צוגן זענען אָבער נישט געווען, און זיי זענען דאָרטן ליגן־געבליבן — גאַנצע קופּעס פון זעק הויט מיט ביינער. שווייגנדע און אומבאַוועגלעכע — איז אין זיי געבליבן לעבן נאָר אויף אַזוי־פיל — צו וואַרטן אויפן טויט.

איין מאָל, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיי דערזען אַ יינגל וואָס האָט געפירט פאַרן האַנט אַ קליין שוועסטערל. זיי האָבן זיך געשלעפּט ביים באַן־וועג און געשנישטערט — אפשר וועלן זיי עפּעס געפינען פון דעם, וואָס די רייזנדער וואַרפן אַרויס פון צוג.

און אָט האָבן זיי געפונען אַ פּאָר קעפּלעך פון געקאָכטע פיש. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט דער יינגל באַקומען פון די קעפּלעך,

פון אלטן קוואל

וואָס ער האָט נאָר געקענט, און געלייגט עס דער שוועסטערל אין מויל אַריין. — דאָס אויסגעהונגערטע און אויסגעדאַרטע קינד האָט גע־קוקט דעם ברודער גלייך אין די אויגן מיט אַזאַ בליק, אַז די זאַטע יאַנקים זענען פאַרציטערט געוואָרן.

איינער פון זיי איז אַוועק און באַלד אומגעקערט זיך מיט ברויט און פלייש. דער יינגל האָט דאָס גרעסטע טייל פון דעם באַהאַלטן הינטער זיין צעריסן העמדל. דער צעוואָרימער אַמעריקאַנער האָט אים אויפן וווּנק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל דאָס איינגאַנצן אויפעסן, און ער וועט אים נאָך געבן.

פון דער רוסישער שפּראַך האָבן די קאָרעספּאָנדענטן געוווּסט נאָר צוויי ווערטער: „ניעט" און „כליעבאַ"; „ניעט כליעבאַ" — נישטאָ קיין ברויט, דאָס איז אַלץ, וואָס די הונגער־שפּראַך האָט גע־פאָדערט צו וויסן.

ווען דער צוג האָט זיך גערירט און דער אָביעקט פון רחמנות איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן, האָט דער בעל־רחמים געהאַלטן אַ לעקציע פאַר זיינע צוויי חברים, אַז מען מוז זיין פּאַרזיכטיק און האַלטן זיך אויף אַ געהעריקער דיסטאַנץ פון די הונגעריקע; כאָלעריע, טיפוס, פּאַראַזיטן פול אומעטום — זיי טראָגן־איבער די זאַראַזע...

אין סאַמאַראַ האָבן זיי געטראָפן דעם אמתן גיהנום. אַ מיליאָן הונגעריקע זענען אָנגעלאָפן אַהין פון די אַרומיקע דערפער, שטעט־לעך און שטעט. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן אונטערן אָפע־נעם הימל. אין שטאָט איז נישט געווען קיינע מעדיצינען, און מענטשן זענען געפאַלן פון הונגער און עפּידעמיעס ווי די פליגן. די לעבעדיקע זענען אויך געווען סקעלעטן מיט געשוואָלענע בייכער.

נידריקער אויף דער וואָלגאַ, האָט מען געזאָגט, איז דער גיהנום נאָך שרעקלעכער, דאָ איז כאָטש פאַראַן קאָרע פוןביימער און גראָז, און דאָרטן איז דאָס אויך נישטאָ. מענטשן עסן ליים.

אין סאַמאַראַ זענען די קאָרעספּאָנדענטן פאַרבליבן נאָר איין טאָג, און זענען מיט אַ שיף אַוועק קיין סטאַווראָפּאָל, זיבן שעה רייזע וואַסער־אַראָפּ.

ווען די שיף איז צוגעשווומען צום ברעג, האָבן זיי דערזען אויסגעלייגט אויפן ברעג גרויסע סטאַבעליעס זעק מיט קאָרן. דריי

מ. דוכאָוויטש

הונדערט טאָן קאָרן איז דאָרט געווען, גענוג צו שפּייזן די הונגעריקע פאַר א שטיק צייט.

פרייליכע זענען זיי אַראָפּ פון דער שיף און דערנענטערט זיך צו א ריי ביידלעך. שאָטנס פון מענטשן זענען געשטאַנען ארום און געקוקט גלייכגילטיק אויף די געסט.

דורך אַן איבערזעצער האָט דער זעלבער בעל־רחמים זיי געזאָגט, אַז די פאַרייניקטע־שטאַטן וועלן זיי שיקן ברויט און שפּייז. זיי האָבן עס אויסגעהערט און געשוויגן. דאַן האָט ער זיי מיטן פינגער געצייגט אויף די זעק קאָרן און געפרעגט: „כליעב"?

— ניין, האָבן זיי געענטפערט און צוויינט זיך אויפן קול, „דאָס האָט די רעגירונג צוגעשיקט זריעה צו פאַרזייער די פעלדער פאַרן קומענדן יאָר. אָבער ווער וועט אַקערן און זייען, אַז מיר שטאַרבן אַלע אויס פון הונגער"?...

די אַמעריקאַנער האָבן ניט געקענט פאַרשטיין — ווי איז עס מעגלעך — מענטשן זאָלן אין די צענדליקער שטאַרבן טעגלעך פון הונגער, האָבנדיק מיטן האַנט צו דערלאַנגען אַזויפיל ברויט?

אַ פרוי, איבערגעבויגן איבער אַ מולטער, אין וועלכער עס איז געלעגן אַ גוססע עופהלע, האָט זיך צערעוועט ווי אַ נישט דערקוי־לעטער אָקס און געוויזן די געסט אירע בריסט־הייטלעך... די יאַנקיס האָבן נישט אויסגעהאַלטן און אַוועק צוריק אויף דער שיף.

עס האָט זיי אָבער געפּיקט אין קאָפּ אַז עפּעס דאַרף אָט באַלד, אָט שוין געטאָן ווערן פאַר די אומגליקלעכע, וואָס גייען אויס פון הונגער.

אַזוי ווי אויף דער שיף איז אוממעגלעך געווען צו קריגן ברויט אין אַ גרעסערער צאָל, האָבן די קאָרעספּאָנדענטן צושיקט אַ פּאָר מאַטראָסן אין אומגעגנט אָפּזוכן ברויט פאַר וועלכן פּרייז עס זאָל נישט זיין.

שוין פאַרנאַכטלעך האָבן די מאַטראָסן געבראַכט דרייסיק לעבלעך ברויט, און די אַמעריקאַנער האָבן מיט זיי אָנגעהאָדעוועט נאָענט צו צוויי הונדערט קינדער, פרויען און מענער.

דאָס בילד, ווי אַזוי די ביזן לעצטן גראַד אויסגעצערטע מענטשן־שאָטנס האָבן גענומען דאָס ברויט און מיט טרייסלענדיקע הענט

פון אלטן קוואל

צוגעטראָגן עס צום מויל, קוקנדיק אין דער זעלבער צייט אויף די יאַנקים מיט אַזויפיל דאַנקבאַרקייט און הכנעה, האָט גערירט די בחורים ביז טרערן, און זיי דערציילן:

— „דאָס שטיקל ברויט, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן, האָט אונז געהאָלפן מער ווי זיי. מיר האָבן דערפילט, אַז נאָכדעם וואָס מיר האָבן געטאָן פאַר די אומגליקלעכע, דאַרפן מיר זיך שוין נישט שעמען, מיר זאַטע און גוט געקליידטע, פאַר די עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס שטאַרבן פון הונגער און נויט"...

טאָ זאָלן מיר אויך — זאַטע, איבערגעזעטיקטע — אַזוי האַנדלען, אַז מיר זאָלן זיך נישט דאַרפן שעמען פאַר די מיליאָנען, וואָס קומען איצט אום פון הונגער און קעלט.

וואָרום עס איז דאָך נישט נאָר אַ חרפה, נאָר אַ מוראדיקע זינד גאָרניט נישט טאָן פאַר זיי. אַ זינד, פון וועלכער מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט קענען אָפּוואַשן.

אַן אַלטע געשיכטע

מיט ניינצן הונדערט זעקס און דרייסיק יאָר צוריק איז אין א קליין פישער־דערפל, נצרת, אין דער אָרימער פּאַלעסטינער פּראָווינץ גליל, ביי יאָסל סטאָליער געבוירן געוואָרן א יינגל.

קיין גרויסן ווען פון דעם געבורט האָט מען נישט געמאַכט. אמת, די דאָרפישע ווייבער האָבן אונטערגעמורמלט, אַז מרים, יאָסלס ווייב, איז אַביסעלע צו גיך נאָך דער חתונה געלעגן־געוואָרן, אַז עס פעלט נאָך היפשלעך צו די תשעה ירחי לידה, נאָר די פשוטע פישער האָבן נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דער זאַך — א קינד איז א קינד, זאָל זיין מיט מזל, און טאַטע־מאַמע זאָלן אים מגדל זיין לתורה, לחופּה, ולמעשים טובים.

לתורה — קיין גרויסער למדן איז דער קליינער יהושועלע נישט אויסגעוואַקסן. ווען נישט ווען א פּסוק, א פּראָסטן, נישט קיין פאַר־שפּיצטן משל — און גאָר. נאָר פאַר די פאַרגרעבטע פישער איז דאָס אויך געווען א סך: זיי האָבן צו אים אַרויפגעקוקט און געשלונגען זיין יעדעס וואָרט.

לחופּה — נישט באַשערט קיין נחת דער מאַמען. עפּעס האָט דאָס קינד יאָ געעסקט זיך מיט דער שוואַרץ־אויגיקער מרים פון מגדל, נאָר — ווי איז דער מאַמען — ווער ווייסט עס נישט, אַז דאָס מיידל איז פון די „דאָזיקע" מיט וועלכע מ'האָט נישט קיין חתונה...

למעשים טובים — דאָ האָט אויך יהושועלע זייער ווייניק אויפגעטאָן. צווישן די האָרעפּאַשנע, תמימותדיקע פישער, די אָרימס־טע פון אָרימע, ביי די שטילע סודותדיקע וואַסערן פון ים כנרת איז דאָס יינגל געוואַקסן א פאַרחלומטער, א פאַרטראַכטער, מיט שטאַר־קע נייגונגען צו מיסטיציזם, צום נישט־דאָאיקן...

דאָס גרויסע אָרימקייט אַרום האָט געוועקט אין אים צאָרן קעגן די רייכע, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס בעסטע און דאָס פעטסטע אין

פון אלטן קוואל

זייערע הענט און פאר דעם פאלק איבערגעלאזן שווערע ארבעט, נויט און ליידן... א, זיי, אט די פארשאלטענע רייכע, וועט ער נישט אריינלאזן אין זיין מיסטישן קעניגרייך — גאטס קעניגרייך, וואס איז צוגעגרייט נאר פאר די ארימע און ליידנדיקע; און גרינגער איז דעם קעמל דורכצוקריכן דורכן לעכל פון א נאדל, איידער דעם רייכן אריין אין יענעם קעניגרייך... ער האט געהאסט די הענדלער, די „טארגאשן", וואס זענען גרייט צו פארשאכערן אפילו דעם אייגענעם געווויסן. און ווען ער האט איינמאל באזוכט די הויפט־שטאט און האט דארטן אין טעמפל אנגעטראפן א גאנצע כאפטע פון אט דער חברה, האט ער זיי מיט שטעקנס געטריבן.

אבער... מיט א שפענדל פארשטעקט מען נישט דעם ים.

דער יונגערמאן האט זייער שיין גערעדט און געוויס גוט געמיינט, נאר גארנישט געטאן, כדי דורכפירן אין לעבן זיינע אידייען. ער האט נאר גערעדט, דערצארנט מיט זיין רעדן די רייכע, די מעכטיקע, און באצאלט דערפאר מיט זיין לעבן. נישט ער דער ערשטער, נישט ער דער לעצטער...

אין פלוג — דוכט זיך — א פארענדיקטער קאפיטל, און דא האט די געשיכטע געדארפט אוועקשטעלן איר „פונקט". אבער גאר אנדערש איז עס ארויסגעקומען אין דערווירקלעכקייט.

ווען מיר ווארפן א בליק אויף די פארגאנגענע קארגע צוויי טויזנט יאר, זעען מיר פאר זיך א בילד, וואס איז פונקט דער היפוך פון דעם, וואס עס האט געדארפט זיין.

„גאטס קעניגרייך" אויסשליסלעך פאר די ארימע, דערנידעריקטע און באליידיקטע; א רעליגיע, וואס האט געדארפט ווערן א טרייסט פאר די ליידנדיקע, א קוואל — א דערפרישנדיקער קוואל פאר די דורשטיקע און פארשמאכטע, איז געווארן א קוואל פון גוואלט, אן אומאויסשעפלעכער קוואל פון פיין פאר די אומגליקלעכע, פאר די „שטיף־קינדער" אויף דער ערד — אין דעם טייוולס קעניגרייך...

די רייכע, די שטארקע — אט די זעלבע, וואס קענען אפילו נאענט ניט צוגיין צו „גאטס קעניגרייך", ווייל פארשמאלצן זענען זייער הערצער מיט גאלד, פארשמוצט אין בלוט זייערע הענט, זיי

מ. דוכאָוויטש

האָבן פאַרכאַפּט אַט דעם קעניגרייך און געמאַכט פון אים אַ „טאָל פון טרערן"...

אַלע זייערע שמוציקע מעשים, אַלע זייערע רציחות, פאַרדעקן זיי מיטן נאָמען פון דעם, וואָס האָט געלעבט און געטרוימט פון „גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד"...

און ווען דער פאַרחלומטער ייִדישער יונגערמאַן יהושוע, וואָס האָט קיינמאָל אַ פליג אויף דער וואַנט נישט אָנגערירט, וואָס האָט שטענדיק געטרוימט וועגן „שלום אויף דער ערד און ליטזעליקייט צווישן מענטשן", ווען ער שטייט אויף און דערזעט, אַז מיט זיין נאָמען ווערן געבענטשט די שלאַכט־פעלדער, ווו עס ווערן פאַרניכ־טעט מיליאָנען יונגע לעבנס, אַז זיינע שטילע און גוטמוטיקע דרשות האַלט מען פאַר זעלנער, איידער זיי פאַנגען אָן צו שיסן אויף אַ מאַסע אויסגעהונגערטע און פאַרפייניקטע אַרבעטער; ווען ער קוקט זיך צו צום גרויל, וואָס הערשט אויף דער ערד, ווו מענטשן זענען גרייט צו טאָן דאָס נידערטרעכטיקסטע, דאָס גרויזאַמסטע צוליב אַ הייפעלע גאָלד, צוליב אַ טראָפּעלע מאַכט, — וואָלט ער אַ דערציי־טערטער, אַ פאַרצווייפלטער, געשעפּטשעט: פאַרפלוכט זאָל זיין דער טאָג, אין וועלכן מיין מוטער האָט מיך געבוירן, אויסגעלאָשן זאָלן ווערן די הימלען, אונטער וועלכע איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען די ליכטיקע שיין!...

מיין ליבע האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין בלוטיקן האַס, מיין פרידן — אין חיהשן גראַנגל, מיינע לויטערע געדאַנקען — אין גיפטיקע גאַזן, מיינע באַשיידענע קלאָרע משלים — אין סם־פּראָפּאַגאַנדע, און דאָס אַלץ אין מיין נאָמען, אין נאָמען פון „גאָטס קעניגרייך אויף דער רעד", איז פאַרשאָלטן זאָלן אויך זיי זיין פון אַלע וועלטן!...

ניי־יאָר דערינערונגען

אין יענער פּראָסטיקער ווינטער־נאַכט האָבן מיר זיך געפֿילט אין זייער אַ געהויבענער שטימונג.

אַ דריי צענדליק יונגע חברה מיט קאָכיקע בלוט אין די אָדערן און מיט פֿליגלען הינטער די פּלייצעס, פֿליגלען, וואָס האָבן זיך געריסן צו די הימלען, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַן ענגן חבֿרשן קרייז צו באַגעגענען דעם נייעם יאָר נײַנצן הונדערט איינס און מיט אים צוזאַמען — דעם גאָר געהויבענעם גאַסט, דעם אָנקומענדן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַ גרויסער צימער בײַ איינעם פֿון די רײַכערע חבֿרים. אַ לאַנגער טיש, שיין געדעקט און סערווירט מכל טוב. עס פֿעלט נאָך אַ שעה צו האַלבע נאַכט און עס פֿאַנגען זיך אָן דערוויַיל פֿלאַם־פֿײַערדיקע רעדעס.

דער עולם יונגוואַרג רעדט באַגייסטערט וועגן דעם יאָרהונדערט, וואָס טראָגט מיט זיך פּראָגרעס, גלײַכהייט און פֿרײַהייט פֿאַר אַלע מענטשן אויף דער ערד, אָן אונטערשייד פֿון קאָליר, ראַסע און גלויבן. אַ יאָרהונדערט, וואָס וועט ברענגען דעם גרויסן טעכנישן פּראָגרעס; דאָס לעבן פֿון מענטשן וועט נישט אין ערגעץ פֿאַרגרינגערט און פֿאַרשענערט ווערן. אַ יאָרהונדערט וואָס וועט אַנטוויקלען קולטור און וויסנשאַפֿט צו זייערע העכסטע הייכן, און דער מענטש, באַוואָפֿנט מיט די דאָזיקע גײַסטיקע כלי־זין, וועט שאַפֿן וווּנדער; און דער גרעסטער וווּנדער וועט זײַן ער אַליין — דער „האָמאָ סאַפּיענס", דער פֿולקאָמענער, קולטורעלער, ערלעכער...

בײַ אַ ראָג טיש, פֿאַרזונקען אין זײַנע געדאַנקען, איז געזעסן אַ בחור פֿון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. ער איז געווען אַן ערנסטער יונגערמאַן מיט אַ סך וויסן. אין אונזערע אייביקע דעבאַטן און דיסקוסיעס האָט ער זעלטן גענומען אָנטייל. ווען ער פֿלעגט אַמאָל אָבער

מ. דוכאָוויטש

אַריינשטעלן אַ באַמערקונג, איז עס שטענדיק געווען קלאָר און וואָגיק.

אַז די היץ־קעפּ האָבן זיך צעגליט ביזן העכסטן גראַד, און האָבן געהאַלטן שוין דערביי, אַז ישעיה־הנביאס באחרית הימים וועט ווערן אַ ווירקלעכקייט אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און ליבע און פרידן וועלן צודעקן די ערד, האָט אונזער שווייגער גענומען דאָס וואָרט און אַזוי געזאָגט:

— חברים, איך בין געזעסן און צוגעהערט זיך צו אייערע פייערדיקע רייד, צוגעקוקט זיך צו די רעגנבויגנדיקע קאָלירן מיט וועלכע איר האָט געמאָלן די צוקונפט. איך קען אייך אַלעמען און ווייס אייער אויפריכטיקייט. איר האָט ערלעך געמאָלן דאָס, וואָס אייער צעשפּילטע פאַנטאַזיע האָט אייך פאָרגעשטעלט. איך ווייס אָבער, אַז דער ווילן איז דער פאָטער פון געדאַנק, און אַזוי ווי איר זענט אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן און שטרעבט מיטן גאַנצן ווילן אָט צו די אַלע גוטע זאַכן, וואָס איר האָט דאָ אַרויסגעזאָגט, דוכט זיך אייך, אַז — אָט, אָט, און איר האָט עס שוין אין האַנט...

— עס איז נישט אַזוי, חברים. פאַרגעסט נישט, אַז אַלץ וואָס איר האָט דאָ אויסגערעכנט און אָנגעלאָדן אויף די פּלייצעס פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דאַרף און מוז געטאָן ווערן נישט דורך אויטאָמאַטן, נאָר דורך לעבעדיקע מענטשן; און דער מענטש איז נאָך אַזוי שלעכט, אַזוי חיהש, אַזוי נישט קיין מענטש, אַז מען קען גאָר פון אים דערוואַרטן ספּאָראַדישע אויסברוכן פון שנאה, פון חורבן, פון בלוטדורשט, און נישט פון ליבע און פרידן...

— די מענטשהייט איז נאָך אין אירע ערשטע שמוציקע וויקעלעך, און ביז וואַנען זי וועט זיך פון זיי אַרויסוויקלען און אויסוואַקסן צו דער מדרגה מענטש, וועט זי נאָך נישט איין מאָל זיך אויסבאָדן אין איר אייגן בלוט...

דער זייגער שלאָגט צוועלף און רייסט איבער דעם חברס ווערטער. חברה גיט זיך אַ הייב פון די פּלעצער מיט פולע גלעזער אין די הענט...

— מיטן ניי־יאָר, מיטן נייעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — זאָל לעבן די פּראָגרעסיווע מענטשהייט, נידער מיטן שוואַרצן פּעסי־

פון אלטן קוואל

מיזם! — דער מענטש — דאָס קלינגט שיין! — זאָל לעבן די פריי־הייט!...

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווען אונזער לעצטער רעדנער איז אַרויס פון צימער, ער איז שוין אָבער נישט געווען צווישן אונז...

פון יענער קאַלטער נאַכט זענען שוין איין און פערציק יאָר פאַריבער. — אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען מיר שוין טיף אַריין. און וואָס טיפער, אַלץ גרעסער און טיפער ווערט דער בלוטיקער זומפּ, אין וועלכן די מענטשהייט בראָדיעט ביזן האַלדז. אַלץ שרעקלעכער און אומענדלעכער ווערן אונזער אומגליק, אונזערע ליידן.

די פון אונזער גרופּע, וואָס האָבן דאַן מיט אַזויפיל ליבטיקע האָפנונגען באַגעגנט דעם ערשטן יאָר פון דעם בלוטיקן יאָרהונדערט, און וואָס געפינען זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע, האָבן נישט איין מאָל דערמאָנט די קלוגע, ממש פּראָפעטישע, ווערטער פון אונזער געוועזענעם חבר, וועלכער האָט שוין פאַרענדיקט זיינע חשבונות מיט דער פאַרבלוטיקטער ערד...

* * *

ווידער איז אַ גרויזאַם־קאַלטע ניי־יאָר נאַכט. אין איר מיט שניי־פאַרשאָטענער נאָרע ליגט אַ וואָלפיכע און זייגט איר איינציקן קליין וועלפעלע. זי האָט דריי קינדער געהאַט, נאָר צוליב די גרויסע קעלטן איז דעם וואָלף, דעם פאָטער פון די קינדער, שווער געווען צו קריגן שפּייז, און די זייג־מוטער האָט אונטערגעהונגערט און ניט געהאַט גענוג מילך אין אירע בריסט פאַר דאָס קליינוואַרג... צוויי פון די דריי זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער...

דער וואָלף, דער טאַטע, איז ניטאָ. ער נישטערט אין וואַלד, איבער הודבעם שניי, טאָמער וועט ער עפּעס קריגן פאַר דער פאַמיליע.

די וואָלפיכע איז פול מיט מוטער־ליבע צו איר איינציק קינד. זי דעקט עס צו מיט איר לייב כדי עס זאָל נישט ליידן פון קעלט, און שטרענגט אָן אירע אויערן — אפשר וועט זי אויפכאַפּן די טריט פון איר מאַן, וואָס קומט מיט געפאַנג. זי הערט אָבער נאָר דאָס וואָיען פון דעם שניידנדיקן ווינט...

מיט אַמאָל הייבט זי אויף דעם קאָפּ, בייגט אים אָן אביסל אויף

מ. דובאָוויטש

אַ זייט — אײנגאַנצן אָנגעשטרענגט, אין גאַנצן נעהער... זי הערט טריט, וואָס דערנענטערן זיך... דאָס זענען אָבער נישט קיין וועלפּישע טריט, נאָר מענטשלעכע, זייער שוואַכע — אַ האַלב־פאַרפראָרן קינד ראַנגלט זיך מיט די שניי־הורבעס... טאַטע־מאַמע זענען פון אַ באָמבע צעריסן געוואָרן, און ער איז אין וואַלד אַנטלאָפן...

די וואָלפיכע קריכט שנעל אַרויס פון דער נאָרע. איר ערשטער חיהשער געדאַנק איז — שפּייז... זי וועט פאַרצוקן דאָס אומבאַהאָלפן קינד, און וועט מיט איר צוגעקומענעם מילך אָנהאָדעווען איר אייגן פון הונגער־פאַרשמאַכטן קינד. זי מאַכט אַ פּאָר טריט ווייטער, קוקט זיך איין אין דעם קליין פאַרפראָרן פּנימל פון דעם אומגליקלעכן קינד, בלייבט שטיין אַ ווײַלע, פאַרגליווערט, און קערט זיך לאַנגזאַם אום אין איר נאָרע...

ביזט געדעכט געוועזן, ליבער חבר. דער מענטש צום מענטשן איז נישט נאָר אַ וואָלף, נאָר טויזנטער מאָל ערגער פון אים!...

דעם אַלטנס ענטפער

א קאַלטע ווינטיקע נאַכט. די ווייטע שטערן ווינקען סודותדיק מיט זייערע דין־דינע פינגער־שטראַלן דערגרייכן זיי דאָס קוים מערך־בארע, אין אומענדלעכן אוניווערס פאַרלוירענע שטויבעלע, וואָס רופט זיך: ערד. איך קוק אויף די אין אין־סוף צעשאָטענע, פון זיי־ערע מעכטיקע זונען באַלויכטענע אומצייליקע וועלטן און טראַכט אויב אויך יענע וועלטן גייען אויף דעם וועג פון אונזער שמוציקער וועלטל, וואָס איז מיט בלוט פאַרגאָסן, איז דאָך — אם כן למה זה אנוכי, צוליב וואָס איז דער גאַנצער באַשאַף?...

צוליב דעם חד־גדיא, ווי דער שטאַרקערער פאַרניכטעט שטענ־דיק דעם שוואַכערן, האָט זיך זיכער נישט געלוינט דער גאַנצער טאַראַראַם...

איך שטיי דאָ אין דער קאַלטער נאַכט אַרויסצובאַגלייטן דאָס אַלטן יאָר און געבן אים מיין „ברכה" אויפן וועג צו דער אייביקייט, וווהין ער גייט פאַרשווינדן. אָט שלעפּט ער זיך, דער אַלטער, מיט א פאַרבלוטיקטן זאַק אויף די פּלייצעס. דער זאַק איז אָנגעשטאָפּט מיט ווילדער רשעות, מיט רוצחישע פּאָגראָמען, מיט רויב און גזלה ביז הונדערטער טויזנטער פאַראומגליקטע און צעטראָטענע, מיט שלאַנ־גען־סם פון גיפטיקער פּראָפּאַגאַנדע, מיט סאַדיסטישער שנאה ביז אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט, מיט פאַלשקייט און היפּאָקריטסטווא פון אומפאַרשעמטע „שלום־זוכער", מיט אָן א שיעור גוטע ווונטשן פון דעם סאָרט, מיט וועלכע דער גיהנום איז אויסגעפּלאַסטערט, מיט טייכן זודיקע טרערן פון די אומגליקלעכע, וואָס וואַרטן און קענען זיך נישט דערוואַרטן אויף עפּעס ממשותדיקעס פון די גוטע ווונטשן...

ער שלעפּט, דער בלוטיקער אַלטער, דעם שווערן זאַק און שפּריי־ לאַנגזאם מיט מידע טריט איינגעהויקערט אין דרייען.

— פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין אין אַלע אייביקייטן, שריי איך אויס

מ. דוכאָוויטש

נאָך, דיין נאָמען זאָלן די קומענדיקע דורות דערמאָנען מיט שווידער און עקל, און דער צאָל נייגצן און צוויי מאָל נייגצן זאָל ווערן דער סינאָנים פון בעסטיאַלע אכזריות און חיהשע בלוטדורשטיקייט!..

מיין „ברכה", וואָס איך האָב נאָכגעשיקט דעם אַלטן, האָט אים ניט מיט זודיקן פעך א ברי געטאָן.

ער שטעלט זיך אָפּ, וואַרפט אַראָפּ דעם שווערן פּאַק פון די פּלייצעס, גלייכט אויס דעם געבויגענעם רוקן, ווישט אָפּ דעם בלו־טיקן שוויים פון דעם טיף־צעאַקערטן שטערן, און מיט א שטימע, וואָס איז פון אָנפאַנג געווען שוואַך און ציטערדיק, נאָר וואָס ווייטער האָט זי זיך אַלץ געשטאַרקט און ביים סוף האָט זי שוין גע־דונערט, ווענדעט ער זיך צו מיר:

— איך פאַרשטיי דיין צאָרן און פיל דיין ווייטאָק, א קינד פון די פאַרפאָלגטסטע און באַליידיקטסטע — טראָגסטו אויף זיך דעם אומגעהויערן יאָך פון די הימלשרייענדע רציחות, וואָס ווערן באַגאַנגען פון מענטש צו מענטש אין דער איצטיקער פון זינען גע־רירטער וועלט. א זון פון אַן אַלטן, קולטורעלן פאָלק, וואָס האָט איינגעזאַפּט די גייסטיקע ירושה פון דורות, קענסטו נישט צוקוקן די שענדלעכע אומווירדיקייטן פון די משוגענע פירער, וואָס פירן די מענטשהייט גלייך אין תהום אריין.

אָבער... צי בין איך דען שולדיק אין די אַלע מערדערייען, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן אין מיין צייט?!

דערמאָן זיך אָן מיין עלטער־זיידן מיט צוויי טוזן יאָר צוריק, ווען די גאַנצע וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א בלוט־באָד, — איז עס דען דאָן געווען מיין זיידנס שולד? — האָט ער דען מיט עפּעס צוגעהאָלפן צו דעם, אַז אייערע בעסטע מוחות זאָלן פאַר־בלענדט ווערן פון דעם בלוטיקן נעפּל און זאָלן מיטגעשלעפּט ווערן פון דעם בלוטיקן שטראָם?...

צי קען מען דען פאַרפלוכטן זיין געדעכעניש דערפאַר, וואָס אין אייך האָט זיך דערוועקט די חיה, וועלכע איר האָט א נאָמען געגעבן: „פּאַטריאָיזם", און אין איר נאָמען האָט איר אויסגעשאָכטן א האַלבע וועלט?...

און צי זענען דען די איצטיקע בלוטיקע כוואַליעס, וואָס הייבן

פון אלטן קוואל

זיך אַלץ העכער און דראָען פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט, נישט קיין דירעקטער פּועל־יוצא פון די שרעקלעכע מעשים אייערע, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן אין די טעג פון מיין דערמאָנטן עלטער־זיידן און זיי־נע דריי נאָכפאָלגער?...

דו זעסט, אַז דאָס יונג־קינד, וואָס גייט פאַרנעמען מיין פּלאַץ, ער איז ריין און אומשולדיק, אָבער איר — בין איך זיכער — וועט אים שוין פאַרשוואַרצן און מיט בלוט פאַרגיסן, ווייל וועלף זענט איר, נישט קיין מענטשן, חיות רעות פון אורשפּרונגלעכן וואַלד!...

די אויסגעלאָשענע אויגן פון דעם אַלטן האָבן זיך צעצונדן אין דעם חושך פון דער נאַכט, זיין קול האָט געדונערט און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דעם נאָר וואָס געבוירענעם יאָר.

דער אַלטער האָט מיט טיפן רחמנות לאַנג געקוקט אויף זיין יונגן יורש; די אויגן זיינע האָבן זיך ביסלעכווייז ווידער אויסגע־לאָשן. ער האָט מיט יאוש אַ מאַך געטאָן מיט דער אויסגעדאַרטער האַנט, אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס דעם שווערן זאַק, איינבויגנ־דיק זיך נידעריק אונטער זיין שווערער משא, און מיט לאַנגזאַמע טריט, וואָס האָבן אָפּגעהילכט טרויעריק אין דער וויסטעניש פון דער נאַכט, אוועקגעשפּרייזט אין די וויטע ווייטקייטן פון דער אייביקייט...

א צייט-פראגע: שלום

פאַר אַ וועלט פון פרידן

זינט די מענטשהייט לעבט אויף דער ערד מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניק, איז דאָס וואָרט שלום אַ צוויבער־וואָרט פאַר אַלע פעל־קער. שלום איז אויף די ליפּן ביי אַלעמען; מיטן מויל שטרעבט מען צו אים אָבער די מעשים זענען געווענדט צו מלחמה. און אַט אַזוי ציען זיך יאָרהונדערטער ווי איין בלוטיקער פאָדים: קריג, בלוט־פאַרגיסונג, חורבן און טויט. מיט זייער קליינע הפסקות פון אַזוי־גערופענעם שלום, וואָס איז אין תוך אַ צוגרייטונג צו נייע מלחמות, ווייס די וועלט ניט פון שלום.

וואָס זענען די סיבות פון דעם, פאַרוואָס קענען מענטשן ניט איינלעבן זיך אין פרידן אויף דער גרויסער און ברייטער ערד, ווו עס איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלעמען? וואָס איז די טרייב־קראַפט, וואָס ברענגט צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן פעלקער?

איז ביי אונז יידן דאָ אַ פּאַרטיקער ענטפער אויף די פראַגן, אַ קלאַסישער ענטפער פון חומש:

כי רבה רעת האדם בארץ, וכל יצר מחשבת לבו רק רע כל היום — דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און אַלע טראַכטונגען פון זיין האַרצן זענען נאָר צום שלעכטן אַ גאַנצן טאָג.

אַט דער ענטפער איז אויך אין גייסט פון דעם גרויסן דענקער און וואָרט־קינסטלער לעוו טאָלסטאָי, וועלכער האָט געפּריידיקט אַן ערלעכערע, בעסערע וועלט, וואָס דאַרף זיך אָנפאַנגען ניט ווען דער סדר־העולם וועט איבערגעביטן ווערן נאָר ווען די מענטשן אויף דער וועלט וועלן זיך אומבייטן און ווערן גוט פון שלעכט. דאָס איז אָבער נאָך זייער לאַנג צו וואַרטן, און דענקנדע מענטשן, וואָס שטרעבן אויף אַן אמת צו אייביקן פרידן, זוכן גרינטלעכע סיבות פון אַזאַ צושטאַנד אויף דער וועלט און מיטלען, מיט וועלכע מען

מ. דוכאָוויטש

וואָלט געקענט דערגרייכן דעם געגאַרטן פרידן. איינער פון זיי איז דער אַמעריקאַנער שרייבער עמערי ריווס, וואָס האָט לעצטנס אָנגעשריבן אַ זייער אינטערעסאַנטן בוך וועגן דער פראַגע. דער בוך הייסט: „די אַנאַטאָמיע פון שלום״ און איז אויפגענומען געוואָרן פון אַלע דענקנדע און קולטורעלע שיכטן מיטן גרעסטן בייפאַל. אַט איז אַן אויסצוג פון אַן אָפענעם בריוו, וואָס איז דערשינען אין אַמעריקאַנער צייטונגען, און וואָס איז אונטערגעשריבן פון גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי: אַלבערט איינשטיין, טאָמאַס מאַן, מאַגיסטר פון העכסטן געריכט אין די פאַראייניקטע־שטאַטן אָאוען ראָבערטס, די באַוווּסטע שרייבער קאַרל און מאַרק וואַן דאָרען, פון פיל סענאַטאָרן, פאָרשטייער פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פון קאָמערציעלע קרייזן און נאָך, און נאָך:

„מיר פאָדערן־אויף אַלע מענטשן לייענען דעם בוך „די אַנאַטאָמיע פון שלום״, אַריינטראַכטן זיך אין די געדאַנקען און אַרגומענטן, וואָס דער אַאוטאָר זאָגט־אַרויס אין אים און דיסקוטירן זיי סיי פּריוואַט און סיי עפנטלעך. אין אָנבליק פון דער נייער ווירקלעכקייט, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַטאָמישע באָמבעס, זענען די אידייען פון אַאוטאָר וועגן מלחמה און שלום פון דער גרעסטער וויכטיקייט און באַלדיקער נויטווענדיקייט, אויב נאָר די איצטיקע ציוויליזאַציע האָט ניט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד״.

ווי די לעצטע וועלט־שחיטה האָט באַוויזן, איז די פראַגע פון שלום אויף דער ערד פאַר אונז יידן אַ פראַגע פון לעבן און טויט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, און דערפאַר מוזן מיר מער פון אַלעמען זיין בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דער זאַך.

* * *

דער פּאָליטישער און סאָציאַלער געדאַנק מאַכט איצט דורך אַ רעוואָלוציאָנערע ערע, וואָס איז זייער ענלעך צו דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַסטראָנאָמיע און פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן אין דעם רענעסאַנס־פּעריאָד.

מער ווי פערצן הונדערט יאָר איז פאַר דער געלערנטער וועלט אונזער ערד געווען דער צענטער פון אוניווערס, ארום וועלכן עס האָבן זיך געדרייט די זון, די לבנה און די שטערן. ווי פרימיטיוו

פון אלטן קוואל

דאָס זאָל זיך אונז איצט ניט אויסווייזן, האָט זיך אָט דער גלויבן פעסט געהאַלטן אַזויפיל יאָרהונדערטער, ביז וואַנען נייע מעטאָדן פון באַאָבאַכטונג און אויספאָרשונג האָבן געפירט צום גרעסטן אין דער געשיכטע וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס, און דער קאָפּערניק־סיסטעם, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין אַסטראָנאָמיע, האָט געעפנט די טירן צו אַ נייער וועלט און געוויזן דעם ריכטיקן וועג צו דער קאָנצעפּציע פון אוניווערס.

די ערד צוזאַמען מיט אַלע פּלאַנעטן פון דער זון־משפחה דרייען זיך אין רוים אַרום דער זון. דאָס זעלבע קומט פאָר מיט מיליאָנען אַנדערע זון־סיסטעמען, וועלכע — צוליב זייער שרעקלעכער ווייטקייט פון אונז — מיר זעען ווי שטערן אין הימל.

היינט צום טאָג מוזן מיר איבערשאַצן אונזערע פּאָליטישע און סאָציאַלע אַקסיאָמען, אָט ווי קאָפּערניק האָט אין זיין צייט איבערגעשאַצט די אַסטראָנאָמישע. מיר לעבן אין אַ וועלט פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע מלוכות. דער צענטער פון אונזער פּאָליטישן אוניווערס איז אונזער אייגענע אומבאַוועגלעכע נאַציאָנאַליטעט, אַרום וועלכער עס דרייט זיך די איבעריקע וועלט.

מיר קענען אַנטשיידן פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון אינעווייניקסטן כאַראַקטער, ווייל זיי ווערן רעגולירט דורך דער מלוכה־פירערשאַפט און דורכן געזעץ. וואָס איז אָבער שייך די זעלבע פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, פּרוּוון מיר זיך זיי אַנטשיידן דורך פּאָליטישן און דיפּלאָמאַטישן וועג. דאָס איז געווען און איז איצט אונזער פונדאַמענטאַלע דאָגמע, זי איז אָבער שוין זייער אַלט און אינגאַנצן אויסגעלעבט.

אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער, האָט דער מעטאָד פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען געהאַט אַ זין, ווייל ער פלעגט אַנטשיידן אַלע פּראָבלעמען מער אָדער ווייניקער צופרידנשטעלנד. איצט אָבער, ווען דער וויסנשאַפטלעכער און טעכנישער פּראָגרעס האָבן אַריינגעבראַכט אַזויפיל טיף־רעוואָלוציאָנערע שינויים אין אונזער לעבן, טויג שוין אָט דער פריערדיקער מעטאָד נישט און מיר מוזן זוכן אַ נייעם.

זעט נאָר — אין איין יאָרהונדערט איז די באַפעלקערונג פון דער

מ. דוכאָוויטש

וועלט, ניט קוקנדיק אויף פילע און בלוטיקע מלחמות, פאַרדרייפאַכט געוואָרן. טויזנטער יאָרן איז די קאָמוניקאַציע אויף דער יבשה צווישן דערפער, שטעט און לענדער געווען דורך פערד־קראַפט, אָדער דאָס קראַפט פון אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן. און אין איין יאָרהונ־דערט זענען געקומען דער באַן, דער אויטאָמאָביל און דער עראָ־פּלאַן. הײַנט דאָס נייעס וואָס האָבן געבראַכט די פילע נייע אינ־דוסטריעס, האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

דאָס אַלעס האָט געבראַכט דערצו, אַז ניט איינע פון די פריער־דיקע טעאָריעס קען איצט געניצט ווערן אין אינטערנאַציאָנאַלע באַ־ציאונגען, און מיר זענען בוכשטעבלעך אימפּאָטענט, ווען מיר פּרוּוון מיט אַלטע מעטאָדן, וואָס מיר האָבן געירשנט פון דער אַלטער וועלט, לייזן די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דער נייער וועלט.

לאָמיר באַטראַכטן ווי זעט איצט אויס די וועלט מיט אַלע אירע אַנטוויקלונגען.

ניט קוקנדיק אויף דעם קאָלאָסאַלן סיסטעם פון פאַרקער־מיט־לען, וואָס די וועלט האָט, קענען מיר ניט אויסמײַדן הונגער אין אַ סך לענדער, אין דער צײַט, ווען אין אַנדערע לענדער איז דאָ אַ שפע פון שפּײַז.

הונדערטער מיליאָנען געברויכער נויטיקן זיך אין פיל פּראָ־דוקטן, וואָס אונזערע אינדוסטריעס פּראָדוצירן, זיי פאָדערן עס כסדר, און דאָך האָבן מיר שטענדיק גרויסע מאַסן אַרבעטער, וואָס האָבן ניט ווי צו באַשעפטיקן זייערע הענט.

פון די גאָלד־מינעס באַקומען מיר איצט אַ סך מער גאָלד ווי פריער, און דאָך זענען מיר ניט ביכולת צו עטאַבלירן די מטבע.

אַלע מאָדערנע לענדער נויטיקן זיך אין רוי־שטאָף, וואָס גע־פינט זיך אין אַנדערע פּלעצער, און פּראָדוצירן סחורות, אין וועלכע עס נויטיקן זיך יענע לענדער, וואָס האָבן דעם רוי־שטאָף, און פונ־דעסטוועגן געלינגט אונז ניט צו אָרגאַניזירן אַ באַפרידנדן אומבייט פון סחורות און שטאָפן צווישן לענדער און פעלקער.

און לסוף, הגם דאָס גרעסטע טייל פון דער אַרבעטנדער מענטש־

פון אלטן קוואל

היינט האט פיינט בתכלית השנאה יעדע פארם פון גוואלד און זוכט צו לעבן אין שלום, זענען מיר ניט אומשטאנד אויסצומיידן בלוטי־קע מלחמות.

יעדע אומאפהענגיקע מלוכה דענקט, אז זי איז דער צענטער ארום וועלכן עס באוועגן זיך די איבעריקע מלוכות פון דער וועלט. די דראמאטישע געשעענישן, וואס זענען פארגעקומען צווישן ביי־דע וועלט־מלחמות, זעען מיר אין א פאלשן ליכט, ווען מיר קוקן אויף זיי פון שטאנדפונקט נאר פון איין נאציע, ווייל יעדע נאציע טייטשט זיי אויס ארויסגייענדיק פון אירע אייגענע ענגע אינטע־רעסן, און דערפאר מיינט יעדע נאציע, אז נאר אירע אידייען און איר וועלט־באנעם זענען די ריכטיקע.

דערפון מוזן מיר אויסדרינגען, אז כל־זמן אט די אלע אומאפ־הענגיקע נאציעס וועלן אנהאלטן יעדערע איר אומאפהענגיקייט, און וועלן פריי־זיין צוטאן, וואס נאר עס געפעלט זיי, וועלן זיין אומ־פארמיידלעך רייבונגען און קאנפליקטן צווישן פעלקער, און דער צו־שטאנד וועט ממילא פירן צו אלץ נייע און בלוטיקערע צוזאמענ־שטויסן.

עס איז שוין צייט צו פארשטיין, אז דער געווירשנטער מעטאד פון פאליטישע באציאונגען צווישן פעלקער, איז פרימיטיוו, אויסגע־שפילט און אבסאלוט פאלש. מיר מוזן קארדינאל בייטן אונזער קוק אויף דעם, און באטראכטן אלע נאציעס און זייערע באציאונגען צווישן אנאנדער אלס עטוואס, וואס באוועגט זיך אויפן גרונט פון איינע און די זעלבע געזעצן. אין אנדערע ווערטער, עס איז אומבא־דינגט נויטיק צו באגרעניצן דאס סוווערעניטעט פון אלע מלוכות און איינשטעלן א וועלט־רעגירונג, וואס זאל רעגולירן די באציאונ־גען צווישן לענדער דורך א קלארן און גוט־דורכגעטראכטן געזעץ. אן דעם איז ניטא קיין שום האפנונג ,אז מיר זאלן קענען לייזן די לעבנס־פראבלעמען פון אונזער דור, כדי אויסצומיידן נייע בלוטיקע מלחמות.

אין איצטיקן פאליטישן מישמאש הערן זיך פארשידענע שטי־מען פון פארשידענע לענדער, וועלכע באשולדיקן איינע די אנדערע און מאכן אומעגלעך דאס קומען צו וועלכער עס איז פארשטענדניש.

די פאשיסטישע לענדער פארזיכערן, אז דעמאקראטיע און קא־

מ. דוכאָוויטש

מוניזם זענען איינס און דאָס זעלבע, און אַז די דעמאָקראַטישע רע־גירונגס־סיסטעם פירט צו באָלשעוויזם.

די קאָמוניסטישע לענדער טענהן, אַז סיי אונטער דעם דעמאָ־קראַטישן און סיי אונטער דעם פאַשיסטישן סיסטעם הערשן די קאַ־פיטאַליסטן, וועלכע עקספּלאָאַטירן די אַרבעטער, און מיט זייער שטענדיקן געיעג נאָך אַלץ גרעסערע רייכטימער און נייע מערק ברענ־גען זיי מלחמות אויף דער וועלט.

די דעמאָקראַטישע לענדער מיינען, אַז קאָמוניזם און פאַשיזם איז די זעלבע זאַך, ביידע זענען זיי טאָטאַליטאַרישע דיקטאַטורן, וואָס פאַרניכטן יעדע פאָרם פון פרייהייט און פאַרוואַנדלען דעם אינדיווידום אין אַ פּשוטן קנעכט.

ווי מיר זעען, דריקט אויס יעדער זייט פון דעם דרייעק אַ גאַנץ באַזונדערן קוק אויף זאַכן, וואָס רירן־אָן די וויכטיקסטע לעבנס־פונקציעס פון דער מענטשהייט, פאַר וועלכער זי איז גרייט צו שטרייטן.

לאָמיר ברייטער באַטראַכטן די דריי „אידעאָלאָגיעס", פון וועל־כע די הויפּט־זיילן זענען: קאַפּיטאַליזם, סאָציאַליזם און פאַשיזם.

ווען אין אָנהייב פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעפאַנ־גען די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, זענען די פּאָליטישע רעוואָלו־ציעס פון אַכצנטן יאָרהונדערט שוין פאַרענדיקט געוואָרן, דערגרייכנ־דיק זייערע אידעאַלן, פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט. אין דער מערב־וועלט זענען שוין דאַן פעסט איינגעשטעלט געוואָרן באַזונדע־רע נאַציעס־מלוכות פון רעפּובליקן און קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַר־כיעס. האַנט אין האַנט מיט פּאָליטישע פרייהייטן זענען געגאַנגען די פרייהייטן פון אינדוסטריע, פון האַנדל און פון קאָנקורענץ. וואָס איז שייך דער פרייהייט פון דער מענטשלעכער קאָמוניזאַד, איז זי שטענ־דיק נאָר רעלאַטיוו. אַט די אויסגעבענקטע פרייהייט, פאַר וועלכער דער מענטש קעמפט שוין פינף טויזנט יאָר, הייסט אין פּראַקטישן לעבן — אַ רעגלאַמענט פון דעם יחידס אויפפירונג אין באַצוג צו זיינע מיט־מענטשן. דער רעגלאַמענט גיט אים פרייהייט נאָר אין די גרעניצן פון געזעץ, דאָס הייסט, ביז וואַנען זיין פרייהייט רירט ניט אָן די פרייהייט פון אַנדערע. אָבער אויך די אינדוסטריעלע און קאָ־מערציעלע פרייהייטן זענען רעלאַטיווע. עס איז קלאָר ווי דער טאָג,

פון אלטן קוואל

אז אין דער מאָדערנער אינדוסטריע, ביי דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואָס הערשט איצט, קען ניט זיין קיין פולע פרייהייט, ווייל זייער פיל אינדוסטריעס זענען מאָנאָפּאָליזירט און געפינען זיך אין זייער שטאַרקע הענט. דער אינדוסטריאַליסט מיט אַ באַגרעניצטן קאַפּיטאַל קען ניט אָנפאַנגען זיין אינדוסטריע, ווייל ער וועט ניט קע־נען קאָנקורירן מיט די גרויסע „בערן", וועלכע וועלן אים שנעל אויפפרעסן.

די מאָנאָפּאָליזירטע אינדוסטריעס מיט אומבאַגרעניצטע קאַפּי־טאַלן האָבן ניט נאָר דערוואָרבן רייכקייטן פאַר זיך דורך גראַנדיעזע פאַרדינסטן, נאָר זיי האָבן אויך געשאַפן אָרימקייט און עלנט אין די רייען פון מיליאָנען אַרבעטער, וועמעס „הענט" זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „סחורה", די פרייזן פון וועלכער זיי, די „בערן", דריקן אַלץ מער אַראָפּ.

אַזאַ צושטאַנד האָט געמוזט שאַפן אַ רעאַקציע אין די אַרבע־טער־מאַסן ,און האָט גורם געווען דעם געבורט פון סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם ווייזט אָן, אַז פּריוואַטער קאַפּיטאַליזם פירט דירעקט צו מאָנאָפּאָליע, דאָס הייסט צו קאָנצענטראַציע פון קאַפּי־טאַל אין ווינציק הענט, און צום פּאַפּעריזם פון די האָראָפּאַשנע מאַסן.

שוין באַלד הונדערט יאָר, אַז דער קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט פלאַקערט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער גאַנצער ענין איז נישט ריכטיק אויפגענומען.

געוויס איז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אַ דורכפאַל, און איז פאַרשאָלטן פון דער האָראָפּאַשנער מענטשהייט פאַר די ליידן, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. אַ דורכפאַל איז ער אָבער ניט דערפאַר, וואָס ער ווערט קאָנטראָלירט פון אַ קליינער צאָל „ביג־קאַ־פּיטאַליסטן", נאָר דערפאַר, וואָס די פרייהייט פון אינדוסטריע און האַנדל איז פון דעם סיסטעם אָנגענומען געוואָרן ווי אַן אַבסאָלוטער אידעאַל, וואָס איז פריי צו טאָן ווי ער וויל און וואָס פאַר אים איז בעסער, און ניט ווי אַן אידעאַל, וואָס דאַרף דינען דער מענטשהייט און מוז דערפאַר רעגלאַמענטירט און קאָרעגירט ווערן פון געזעץ. דאָס איז די הויפּט־סיבה פאַרוואָס די וועלט־אינדוסטריע אַנטוויקלט

זיך ניט אין דער געהעריקער ריכטונג, און שאַפט אַזויפיל שווערע קאָנפליקטן צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט.

עס איז דאָ אָבער נאָך אַ גרעסערער באַריער פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, און דאָס איז — דער קאָנפליקט צווישן אינדוסטריע און פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער באַדאַרף צו ניט מאַכן דאָס פּאָזיטיוועס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין די פאַרגאַנגענע צוויי הונדערט יאָר.

די מאָדערנע אינדוסטריע, כדי זי זאָל זיך קענען אַנטוויקלען, נויטיקט זיך אין פרייען טראַנספּאָרט און אין אומגעשטערטן עקספּאָרט פון אירע פאַבריקאַטן און אימפּאָרט פון רויע מאַטעריאַלן, אַ סך מער, ווי אין פרייהייט פון איניציאַטיוו און קאָנקורענץ. איר שטענדיקע און ענדגילטיקע שטרעבונג איז צו דערגרייכן דעם מאַקסימום פּראָדוקציע פון סחורות, אין וועלכע דער געברויכער נויטיקט זיך, און פאַר דעם צוועק זוכט זי רויע מאַטעריאַלן אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד, און פאָדערט פרייען צוטריט צו אַלע וועלט־מערק מיט אירע אויסגעאַרבעטע סחורות.

אַזעלכע קאָנדיציעס פאַר פרייער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע זענען געווען פאַררעכנט אין אָנהייב פון דער אינדוסטריע־עפּאָכע אַלס אומשטרייטבאַרע, און פרייער האַנדל איז געוואָרן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג ביי דער ערשטער גרויסמאַכט פון אינדוסטריע, ביי ענגלאַנד.

גאַר גיך אָבער האָבן אָנגעהויבן צו געווינען באָדן נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, נעמלעך, אַז די אינדוסטריע דאַרף פרייער פון אַלץ אַנטוויקלט ווערן ביי זיך אין דער היים, און אום דאָס צו דערגרייכן, דאַרפן איינגעשטעלט ווערן פּראָטעקציאָנע אָפּצאָל־טאַריפן, דאָס הייסט אַזעלכע הויכע אָפּצאָלן אויף אימפּאָרטירטע סחורות, אַז די ביליקע און גוטע אויסלענדישע סחורות זאָלן קאָסטן טייערער ווי די נאַציאָנאַלע געמיינע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע באַריערן האָבן געצוימט דעם לויף פון גרויסע וועלט־אינדוסטריעס, און אין דער זעלבער צייט רייך און פעט געמאַכט דעם היימישן אינדוסטריאַליסט.

פון אלטן קוואל

דער פּראָצעס פון פּראָטעקציאָנע טאַריפן איז אָנגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז אין משך פון אייניקע צענדליק יאָרן האָט ער אָפּגעשטעלט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון אַלע אינדוסטריעלע לענדער.

פון דעם מאָמענט, אין וועלכן עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן די ערשטע פּראָטעקציאָנע טאַריפן, האָט שוין ניט געקענט זיין קיין רייד פון אַ פרייען אינדוסטריע־סיסטעם; פון דאַן אָן זענען די באַדערפעענישן און פּרינציפּן פון פרייער אינדוסטריע געקומען אין צו־זאַמענשטויס מיט אונזער פּאָליטישן אַני־מאַמין. ווי ריכטיק עס זאָלן ניט זיין די קלאַסישע אַרגומענטן פון ליבעראַלע עקאָנאָמיסטן, האָבן זיי זיך שטענדיק אָנגעשלאָגן אָן שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם און געבליבן אימפּאָטענט. עס האָבן זיך אויסגעפונען אומבאַוווס־טע טעריטאָריעס באַזעצט פון פּרימיטיווע פעלקער, וועלכע מען האָט געקענט אַנטדעקן און עקספּלאָאַטירן. ממילא, האָבן די מיט נאַציאָ־נאַליזם דורכגעפּרעסענע מלוכות געמוזט קומען אין קאָנפליקטן איינע מיט די אַנדערע, פון וועלכע עס איז אָפן דער בלוטיקער וועג צו צוזאַמענשטויסן און מלחמות.

אייגנטלעך, האָט דאָס, וואָס מיר רופן וועלט־האַנדל, זייער ווייניק צו טאָן היינט צו טאָג מיט קאָמערץ. גיכער קען מען עס אָנ־רופן: עקאָנאָמישער קריג. דער לייט־מאָטיוו, וואָס דאָמינירט אַלע זיינע מעשים, איז ניט קאָמערציע, ניט פּראָדוקציע, ניט געברויך פון פּראָדוקטן, ניט אַפילו פּראָפיט, נאָר דער באַשלוס צו פאַרשטאַרקן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען דאָס עקאָנאָמישע מאַכט.

פאַרקלאַמערט אין משוגעים־העמדער פון נאַציאָנאַליסטישע מלוכות, קען זייער נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק פונקציאָנירן נאָר אויפן סמך פון פאַלשן און אויפגעבלאָזענעם פּאַטריאָטיזם.

דאַן האָט דער קאַפּיטאַל פאַרנומען זיך אויפן וועג פון געראנגל מיטן קאָנקורענץ, כדי אים איינגאַנצן צו פאַרניכטן. עס זענען גע־שאַפן געוואָרן פרייער „טראָסטן" און נאָכער „קאַרטעלן", דער צוועק פון וועלכע עס איז געווען אָפּצונאַרן די אייזערנע געזעצן פון נאָכ־פראַגע און פאַרשלאָג. די קאַפּיטאַליסטן האָבן געזען די רעטונג אין געפּלאַנירטער עקאָנאָמיק, זוכנדיק דערמיט אויסצומיידן איבער־פּראָ־דוקציע און אויף אַזאַ אופן אָנהאַלטן הויכע פרייזן.

מ. דוכאָוויטש

פון דער אַנדער זייט, האָבן אַרבעטער אָרגאַניזירט סינדיקאַטן און געגרינדעט פּאָליטישע פּאַרטייען, כּדי צו קענען באַאיינפלוסן דאָס געזעצגעבונג און דאָמינירן די רעגירונג.

אין דער מערבֿ־וועלט הייבן זיך שטימען, וואָס באַשולדיקן די פירער פון „טראַסטן" און „קאַרטעלן", ווי אויך די לידערס פון אַר־בעטער־פּאַרטייען און סינדיקאַטן, אַז ביידע צדדים פּאַרניכטן פּער־זענלעכע פרייהייט. עס ווערט פּאַרזיכערט, אַז פּלאַנירטע עקאָנאָמיק פירט צו דיקטאַטור און צום פּאַרגוואַלטיקונג פון דעמאָקראַטיע.

עס איז ניטאָ דער מינדסטער ספק, אַז די פּאַרזיכערונג איז ריכטיק.

סיי די „קאַרטעלן" און סיי די אַרבעטער־סינדיקאַטן שטויסן די דעמאָקראַטיעס צו אַלץ גרעסערע פּרווון פון אָפיציעלער דאָמי־נירונג, און צו אַלץ ווייניקערע פּערזענלעכע פרייהייטן. און מאָדנע איז, וואָס די קאַמפּעאָנען פון פרייהייט גיבן זיך ניט די מי צו אַנאַ־ליזירן דעם קריזיס, וועלכן די וועלט מאַכט דורך.

דאָס פּערזענלעכע רעכט, וואָס איז פאַר אַזאַ טייערן פּרייז גע־וואונען געוואָרן צום ענדע פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ווערט איצט גע־טראָטן מיט די פיס פון דעם נייעם טיראַן — דער נאַציאָנאַליס־טישער רעגירונג. די וויגאָדעס פאַרן בירגער פון אַ פרייען עקאָנאָ־מישן סיסטעם, ווי: אַ העכערער לעבנס־סטאַנדאַרט, מער רייכטום, בעסערע וווינונגען, בעסערע דערציאונג, מער רו — קריגן אין זיינע אויגן אַ סך אַ קלענערן ווערט, ווי זיינע אייגענע לײַדנשאַפטן צום נאַציאָנאַליזם, צום אידעאַל פון זיין נאַציע און זיינע סימבאָלן.

אַזוי אַז פרייע עקאָנאָמיק — מיטן אויסנאָם פון אַ קורצן פּע־ריאָד באַלד נאָכן געבורט פון דעם אינדוסטריעלן סיסטעם — האָט אין דער פּראַקטיק קיינמאָל ניט עקזיסטירט. דער פּאָליטישער קרע־דאָ פון מלוכה־נאַציע האָט זי מינירט און פּאַרניכטעט, איידער זי האָט צייט געהאַט צו אַנטוויקלען זיך. אין אַלע לענדער האָט דער נאַציאָנאַליסטישער סיסטעם באַרויבט די פרייהייט פון אונטערנע־מונג און געפירט מיט יעדן מאָל אַלץ מער צו מאַכט פון דער רעגי־רונג, צו דער אָדער אַנדער פאָרם פון טאָטאַליטאַריזם און צום פאַר־שווינדן פון פּערזענלעכער פרייהייט.

פון אלטן קוואל

אויך אין סאָציאַליסטישע לענדער הערשן די זעלבע טענדענצן. סאָציאַליזם און קאָלעקטיוויזם זענען פּרוּוון צו היילן די וואונדן, וואָס דער צוזאַמענשטויס צווישן אינדוסטריאַליזם און נאַציאָנאַליזם האָט פאַראורזאַכט. דער כאַאָטישער צושטאַנד אין וועלכן די וועלט געפינט זיך, האָט געשאַפן אַ דרינגנדע נויטווענדיקייט, אַז די רעגירנדע מאַכט זאָל זיין וואָס מער שטאַרק און מעכטיק. און דאָס האָט געפירט צום דאָמינירן פון דער רעגירונג איבער דעם יחיד.

אין ניינצן זיבעצן איז אַ גרויסע לאַנד פון אונזער פּלאַנעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומענדלעכער סאָציאַליסטישער לאַבאָראַטאָריע. דער קאָמוניזם האָט פאַרניכטעט דעם אַלטן רעזשים — איינצייטיק דעם צאַריזם און דעם קאַפּיטאַליזם. עס איז אים, דעם קאָמוניזם, אָבער ניט געלונגען איינצושטעלן עקאָנאָמישע גלייכהייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט.

די עקספּערימענטירנדע סאָציאַליסטן האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז אַזוי שנעל, ווי די ערד און אייגנטום וועלן אַריבער פון פּריוואַטע הענט אין די הענט פון דער רעגירונג, וועט זיך גלייך איינשטעלן אין לאַנד סאָציאַלע גלייכהייט און עס וועט געשאַפן ווערן אַ גליקלעכע און פּראָגרעסירנדע געזעלשאַפט.

עס זענען אַוועק נאָר עטלעכע יאָר נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע און עס איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדן דענקנדן מענטשן, אַז אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור און קען בשום אופן ניט ווערן אַ רעאַלע זאַך. פּריוואַטע איניציאַטיוו איז אומבאַדינגט נויטיק פאַרן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, און מענטשלעכע פריייהייט פאָדערט אייגנטום אין אַ וועלכער עס איז פאָרם. דאָן זענען געמאַכט געוואָרן אַ גאַנצע סעריע רעפאָרמען, וועלכע האָבן געפירט צו פאַרשידענע גראַדואַציעס פון רייכקייט און מאַכט.

צוויי צענדליק יאָר האָט דאָס רוסישע פאָלק ענערגיש געאַרבעט צו צעמענטירן אַ גרויסע אינדוסטריעלע מאַכט, און שאַפן די נויטיקע געווער אין פאַל אַ שונא וועט אָנפאַלן פון דרויסן. ניט קוקנדיק אָבער אויף דער קאָלאָסאַלער פּראָדוקציע, איז דער לעבנס־

מ. דוכאָוויטש

ניוואָ פון ארבעטער געבליבן זייער נידעריק, און ער האָט געלעבט אין ערגערע באַדינגונגען ווי זיין קאַמעראַד אין די מערב־דעמאָ־קראַטיעס.

די באַציאונגען פון ארבעט־געבער — אין דעם פאַל — די רעגירונג — צו די ארבעטער זענען כמעט די זעלבע, ווי אין די קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער. די גרעסטע מערהייט ארבעטער זענען גע־בונדן צו זייער פאַבריק, מינע אָדער קאָלכאָז, אָן רעכט צו בייטן דאָס ארבעט־פּלאַץ.

אין שטענדיקער מורא פאַר אַן אָנפאַל, איז די הויפּט־אָנשטרענ־גונג פון די סאָוועטישע פעלקער געווען כסדר געווענדעט צו פאַר־שטאַרקן די מיליטערישע מאַכט פון דער צענטראַלער רעגירונג, שאַפנדיק פון דעם גרויסן לאַנד איין פעסטן מאָנאָליט, וועלכער זאָל קענען ביישטיין די גרעסטע שטורעמס.

האָבנדיק שטענדיק אין אויג אָט די נאַציאָנאַליסטישע אידייע פון באַשיצן און באַשירמען דאָס אייגן פאָטערלאַנד פון אַלדאָס בייז, האָט זיך די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע אידייע פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלע. זי, די נאַציאָנאַלע אידייע, איז געשפּייזט גע־וואָרן דורך פּאַטריאָטישע רעדעס און צעפּלאַמט געוואָרן דורך לאָ־זונגען, נאַציאָנאַלע פאָנען, מיליטער־אוניפאָרמען און מוזיק — די זעלבע וואָפן, וואָס האָבן געברויכט פאַר דעם זעלבן צוועק די קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער.

כדי אויפצושטעלן אַ מעכטיקע רעגירונג, וואָס זאָל האָבן מיט וואָס צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַ פיינט, האָבן די סאָוועטישע פעלקער געמוזט אויף אַ לאַנגע צייט אָפּזאָגן זיך פון מאַטעריעלע נויטווענדיקייטן. די פּראָדוקציע פון געברויך־אַרטיקלען איז פאַרקלע־נערט געוואָרן ביז אַ מינימום, און די גאַנצע ענערגיע, מוסקולאַרע און מאַרך־קראַפט זענען געווענדעט געווען צום פאַבריצירונג פון כל־ערליי תכסיסי מלחמה. ביז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט מלוכה־נאַציע, מיט אַן אַלמעכטיקער ביוראָקראַטיע און מעכטיקסטע אַרמייען.

דער פאַקט, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז קאָמוניסטיש און די איבעריקע לענדער קאַפּיטאַליסטיש, האָט קיין שום באַדייטונג

פון אלטן קוואל

ניט אין דער פראגע, וואס מיר באהאנדלען דא. וואס עס איז יא וויכטיק צו וויסן און אונטערשטרייכן איז דאס, וואס דער סאוועטן־פארבאנד איז געווארן א מעכטיקע מלוכה דערפאר, וואס עס עקזיס־טירן נאך אנדערע מעכטיקע מלוכות, און כל־זמן עס זענען פאראן פארשידענע סווערענע מאכטן, וואס קומען אין קאנטאקט איינע מיט די אנדערע, סיי אויפן פאליטישן און סיי אויפן עקאנאמישן באדן, וועט פריער אדער שפעטער קומען צו א קאנפליקט, אויסער־האלב זייערע פאליטישע און עקאנאמישע סיסטעמען, וואס הערשן ביי זיי אין דער היים.

מיר זעען קלאר, אז די סאוועטישע פאליטיק אריענטירט זיך אין איינקלאנג אט מיט דער ווירקלעכקייט. אין אלע קאנפערענצן, וואס זענען פארגעקומען נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען די סאוועטישע פארשטייער באשטאנען אויף טעזיסן, וואס גייען ארויס פון סווערען־נאציאנאליסטישן שטאנדפונקט.

און אויב די זאך שטייט אזוי, פארן דאך אלע — אי די קאפּיטאליסטישע מלוכות, אי דער סאוועטן־פארבאנד — אויף דעם זעלבן נאציאנאליסטישן וואגן, און דערפארן וועלן זיי אלע — צום טאטאליטאריזם.

אלזא, די אומפארמיידלעכע געשעענישן פון די לעצטע פאר צענדליק יאר האבן געבראכט אלע אינדוסטריעלע לענדער, סיי קאפּיטאליסטישע, סיי קאמוניסטישע, צו דער אלמעכטיקער נאציאנאליסטישער מלוכה.

אין אייניקע לענדער, ווו דער דרוק פון אויבן איז געווען שטארקער, האט מען אפן פארווארפן די דעמאקראטישע פרינציפן און אויף זייער פלאץ איז איינגעשטעלט געווארן א נייער פאשיס־טישער קרעדא, אין וועלכן עס ווערט פראקלאמירט, אז די מלוכה איז דאס העכסטע און דאס לעצטע דערגרייכונג פון דער מענטש־לעכער געזעלשאפט.

וואס איז פאשיזם?

דער בעסטער ענטפער אויף דער פראגע איז געגעבן געווארן

מ. דוכאָוויטש

אין אַן אַרטיקל „פאַשיזם“, — געשריבן פון בעניטאָ מוסאָליני, פאַר דער איטאַליענישער ענציקלאָפּעדיע.

פאַשיזם איז אַ רעאַקציע קעגן די טענדענצן פון די לעצטע צוויי־הונדערט יאָר. דער מענטש איז צומישט און פאַרצווייפלט פון זיין אומזיכערקייט אין דער וועלט, פון באַנקראָט פון דעם דעמאָ־קראַטישן אינדיווידואַליזם אין אַן ערא פון קאָנפליקטן צווישן די מלוכה־נאַציעס.

פאַרן פאַשיסט — שרייבט מוסאָליני — איז אַלץ אין דער מלוכה. קיין זאַך, וואָס האָט צו טאָן מיט מענטשלעכקייט, גייסטי־קייט אָדער אין אַלגעמיין מיט זאַכן פון עפּעס אַ ווערט, עקזיסטירט ניט אויסער דער מלוכה. זי, די מלוכה, איז דער אוניווערסאַלער עטישער ווילן און די שעפערן פון געזעץ. זי רעגלאַמענטירט דאָס לעבן פון דעם יחיד, און רעדוצירט ממילא דעם אינדיווידום צו אַ שקלאַפן־לעבן.

אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות איז ניט געווען קיין איין קאַפּיטאַליסטיש דעמאָקראַטיש לאַנד, וואָס זאָל זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ קאָמוניסטישע. עס האָבן זיך אָבער נאָענט צו צוויי דאָזן פון זיי יאָ פאַרוואַנדלט אין פאַשיסטישע.

רוסלאַנד, וואָס האָט איינגעשטעלט דעם קאָמוניזם דורך אַ רעוואָלוציע, איז קיינמאָל ניט געווען אַ דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליס־טישע לאַנד. דאָס איז געווען אַ לאַנד פון פּויערם ערד־אַרבעטער און פון קליין־הענדלער, זייער אַן אָפּגעשטאַנענע לאַנד, וואָס איז רעגירט געוואָרן דורך אַ זעלבסטהערשערישע דינאַסטיע. אָבער פון דעם מאָמענט, אין וועלכן די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע האָט איינ־געשטעלט איר סדר העולם אין לאַנד, האָט פּאַסירט פּונקט דאָס זעלבע, וואָס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — דאָס שנעלער שטרעבן צום צענטראַליזם פון דער ביוראָקראַטיע, וואָס רעגירט. דאָס ווייזט אונז קלאָר, אַז אונטער די זעלבע באַדינגונגען מאַר־שירט דער קאָמוניזם אין דער זעלבער ריכטונג, ווי דער קאַפּיטאַ־ליזם, דאָס הייסט — צום טאָטאַליטאַריזם.

אין משך פון איין דור נאָר האָבן מיר שוין געקענט זען באַ־

פון אלטן קוואל

שיינפערלעך, ווי סיי דער קאפיטאליזם, סיי דער סאציאליזם פירן צו דער מלוכה־דאמינירונג, וואס איז פאשיזם.

צו וואס נוצט דער אומצוטרוי, די גרויסע שנאה און דער שטענדיקער געראנגל צווישן קאפיטאליסטן און סאציאליסטן, ווען אין דער אמתן ווערן זיי ביידע גלייך פארוואנדלט אין פאשיסטן און טאטאליטאריסטן. ווער לאנגזאמער, ווער שנעלער, אבער ביידע גייען און וועלן קומען פריער אדער שפעטער צום זעלבן פאשיסטישן סלוף.

עס איז שוין צייט, אז מיר זאלן מיט אפענע אויגן זיך אפגעבן א רעכענונג פון דעם אומבאשרייטבארן אמת, און אנהייבן א קאמף פאר דעם מענטשנס פרייהייט און ווילזיין מיט דעם אמתן אל־מענטשלעכן שונא — מיט דער מלוכה־נאציע.

די בירגער פון דעמאקראטישע מלוכות, וואס פרווון לייזן די פראגע ווו די געפאר ליגט, אין קאמוניזם אדער אין פאשיזם, מיינען, אז זיי זענען פריי צו באשליסן אן ענטפער אויף דער פראגע. דאס איז אבער נאר א חלום: זיי קענען קיין ענטפער ניט האבן, ווייל מיר אלע גייען צום פאשיזם, און אין א גרויסן טייל זענען מיר שוין געקומען צו אים.

ניט דער אינדיווידואליסטישער קאפיטאליזם און ניט דער קאלעקטווער סאציאליזם קענען פונקציאנירן אין דער סטרוקטור פון א מלוכה־נאציע: ביידע באוועגן דעם פאשיזם אונטער די ספעציפישע באדינגונגען, וואס ווערן געשאפן פון דעם נאציאנאליזם. עס איז קיין אונטערשייד וועלכן וועג מיר וועלן אויסקלייבן — אויב ער איז „נאציאנאל", וועט ער ברענגען צום פאשיזם.

אויך אויפן רעליגיעזן פעלד ברענגט דער נאציאנאליזם גיפטיקע פרוכט. יעדער פרינציפ פון אוניווערסאלער אלמענטשלעכער מאראל, הערט אויף צו זיין מאראל און אוניווערסאל זאפארט ער ווערט באגרענעצט נאר פאר איין אפגעזונדערטער גרופע. „ניט הרגע!" — למשל — קען פארטייטשט ווערן צווייזייטיק: א מענטש פון דיין נאציע טארסטו ניט טויטן, אבער דאס קען דיך ניט אפהאלטן צו טויטן מענטשן פון פרעמדע נאציעס, פארקערט, דאס איז נאך א טוגנד, ווען דו ציינגסט ארויס פאטריאטיזם און הרגעסט וואס מער פון זיי. און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

מ. דוכאָוויטש

דאָס אַלץ ברענגט אונז צום פעסטן געדאַנק, אַז דער ריכטי־גער שלום אויף דער וועלט קען קומען נאָר דורך אַ וועלט־מלוכה, וואָס איז געגרינדעט אויף אַ באַזע פון געזעץ און ניט פון אינטער־נאַציאָנאַלע אָפּמאַכן.

דער קריזיס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס אונזער פּלאַ־נעט מאַכט דורך, מוז זיך פאַרענדיקן מיט אַן אַלוועלטלעכן קאָנטראָל [illegible]ירט אויף געזעץ.

די פארבארגענע וועלט

אַסטראָנאָמיע אויפֿן שפּיץ מעסער

די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, איז אַזוי פּאַרפּאַסקודיעט, אַז — גלויבט מיר — עס איז כּדאַי וואָס אַפּטער אָפּקערן זיך פֿון איר און ווענדן אונזערע גייסטיקע בליקן צו די אומצייליקע וועלטן פֿון דעם אין־סוף.

מיר וועלן דאָפּלט געווינען פֿון דעם; ערשטנס, וועלן מיר כאָטש אויף אַ ווײַלע פֿאַרגעסן אָן די רשעים, מיט וועלכער אונזער וועלטל איז באַזעצט. און, צווייטנס, וועלן מיר באַגרייפֿן די אומגעהויערע נישטיקייט, די אַבסאָלוטע קליינלעכקייט און פֿאַרלאָרנקייט פֿון דער פּיציניאַנינקער פּינטעלע, וואָס הייסט ערד. דאָס וועט אונז מאַכן פֿאַרשטיין, אַז מיר זענען גאָר נישט אַזעלכע יחסנים, און אַז עס איז נישטאָ מיט וואָס איבערצונעמען זיך.

בעסער, ערגער — אונזער דאָ זײַן, וואָס איז, אין פֿאַרגלײַך מיט די אייביקייטן פֿאַר אונזער קומען און נאָך אונזער אַוועקגיין פֿון לעבן, — אפֿילו נישט קיין מיליאָנטל חלק פֿון אַ כהרף עין, איז נישט ווערט, אַז מיר זאָלן זיך פּלאָגן און מאַטערן פֿאַר דעם.

אונזער ערד איז איינע פֿון די קלענערע מיטגלידער פֿון דער זון־משפּחה, וואָס הייסן פּלאַנעטן. די פּלאַנעטן זענען נײַן אין צאָל, אויסער דער גרופּע קליינע פּלאַנעטן־קאַרליקן — עטלעכע הונדערט גאָר קליינע און עטוואָס גרעסערע, וועלכע האַלטן זיך צוזאַמען, ווי אַ טשערעדע צוטריבענע שאָף, און אַ סברא, אַז זיי זענען טאַקע די ברוכוואַרג פֿון איין גרויסן פּלאַנעט, וואָס איז דורך אַ צוזאַמענ־שטויס מיט אַ צווייטן הימלשן קערפּער, אָדער דורך אַן אַנדער סיבה, צובראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך.

אַלע פּלאַנעטן דרייען זיך אַרום דער זון און אין דער זעלבער צייט — אַרום זייער אַקס. אַרום יעדן פּלאַנעט דרייען זיך איינע אָדער מער לבנות.

מ. דוכאַוויטש

אַלע באַקומען זיי ליכט און וואַרימקייט, דאָס הייסט — לעבן, פון זייער מוטער — זון.

אונזער ערד באַוועגט זיך אַרום דער זון פון דרייסיק קילאָ־מעטער אַ סעקונדע. איר וועג מאַכט זי דורך פונקט אין אַ יאָר צייט. איר קענט זייער לייכט אויסרעכענען דעם קאָלאָסאַלן שטח, וואָס דער ראָד, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער עליפּס — אַ לענגלעכער ראָד — פאַרנעמט אין דעם וועלט־רוים.

די זון אַליין מיט אַלע אירע פּלאַנעטן און זייערע לבנות דרייט זיך אַרום איר אייגענעם צענטער, מיט אַ גוואַלטיקער שנעלקייט פון צוויי־הונדערט־אַכציק קילאָמעטער אַ סעקונדע.

אונזער זון איז שוין גאָרנישט קיין קאַרליקל. צו באַקומען אַ קוגל גרויס ווי די זון, דאַרף מען צוזאַמענגליינען אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט אַזעלכע קוגלען, ווי אונזער ערד.

און אָט דער גיגאַנט איז נישט מער, ווי אַ קליין שטערנדל, וואָס פאַרלירט זיך אינגאַנצן צווישן די ביליאָנען שטערן־זונען, פון וועלכער עס באַשטייט דער אַזוי־גערופענער „מילך־וועג", צו וועלכן עס געהערט אויך אונזער זון.

אין אַ פינסטערער נאַכט, ווען דער הימל איז ריין, קענט איר זען אַ לאַנגן מילכיקן פּאַס, וואָס ציט זיך איבערן גאַנצן הימל, פון צפון צו דרום. מען רופט עס — דער „מילך־וועג". ווען מען קוקט אויף אים דורך אַ טעלעסקאָפּ, זעט מען, אַז ער באַשטייט פון מי־ליאָנען און מיליאָנען שטערן, וואָס זענען אַזוי שרעקלעך ווייט פון אונז, אַז זייער ליכט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין מילכיקן פּאַס.

אָט די מיליאָנען שטערן פון דעם „מילך־וועג" און אונזערע „נאָענטע שכנים" — די אומגעפער זעקס טויזנט איינציקע שטערן, וואָס מיר זעען מיט די פּשוטע אויגן, שטעלן צוזאַמען דעם אַזוי־גערופענעם גאַלאַקסי — אַ גרופּע שטערן, איינער פון וועלכן איז אויך אונזער זון.

דערביי מוזן מיר געדענקען, אַז יעדער שטערן איז אַ זון, ענלעך צו אונזער אייגענער זון, דאָס הייסט, אַ צענטער, אַרום וועלכן עס דרייען זיך פּלאַנעטן וואָס באַקומען זייער חיות — ליכט

פון אלטן קוואל

און וואַרימקייט — פון זייער מוטער־זון, פונקט ווי עס טוען עס אַלע פּלאַנעטן פון אונזער זון.

אונזער זון, נישט קוקנדיק אויף איר אומגעהויערער גרויס, איז ווייט נישט דער גרעסטער הימלשער קערפּער. דאָס רוב שטערן־זונען זענען אין צענער, הונדערטער, טויזנטער און אפילו הונדערט־טויזנ־טער מאָל גרעסער פון אונזער זון.

די שטחים צווישן די שטערן זענען אַזוי גוואַלדיק גרויס, אַז מען רעכנט זיי נישט אין מיילן אָדער קילאָמעטערס, נאָר אין ליכט־יאָרן, דאָס איז דער שטח, וואָס אַ ליכט־שטראַל וועט אָפּלויפן אין משך פון אַ יאָר צייט.

אַ ליכט־שטראַל לויפט דריי הונדערט טויזנט קילאָמעטער אין איין איינציקער סעקונדע. אויסרעכענענדיק וויפל רגעס עס זענען פאַראַן אין אַ יאָר, און כפּלנדיק עס אויף דריי הונדערט טויזנט, וועט איר באַקומען די צאָל קילאָמעטער פון איין ליכט־יאָר.

דאָס וועט זיין די פאַנטאַסטישע צאָל וואָס שרייבט זיך אַזוי:

9.467.280.000.000

דער נאָענטסטער שטערן צו אונז איז דער „א" פון דער שטערן־גרופּע „צענטאַוור", און ער איז 4 ליכט יאָר און 128 ליכט־מעג ווייט פון אונז.

דער בריליאַנט פון אונזערע הימלען, דער פּרעכטיקער שטערן „סיריאוס", איז ווייט פון אונז קאַרגע צען ליכט־יאָר.

דער „אַרקטור", אויף אַן ערשטקלאַסיקער שטערן, וואָס לייכט אויף אונזערע הימלען, איז קאַרגע פינף און דרייסיק ליכט־יאָר ווייט פון אונז.

אַ ליכט־שטראַל פון דעם פּאָלאַר־שטערן, וואָס איז אין משך פון טויזנטער יאָרן, איידער מען האָט דערפונדן דעם קאָמפּאַס, גע־ווען דער וועג־ווייזער פאַר אַלע עוברי ימים, געברויכט 36 מיט אַ האַלב יאָר ביז ער דערגרייכט צו אונז.

עס זענען דאָ שטערן, וואָס שטייען אָפּ פון אונז אויף צענדלי־קער און הונדערטער טויזנטער, און אפילו מיליאָנען ליכט־יאָרן.

די גרעסטע מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען זיך נישט פאָרשטעלן די מוראדיקע גרויס פון אַזעלכע שטחים.

מ. דוכאָוויטש

[illegible] דער לעצטער וואָרט פֿון דעם אוניווערס. נאָך אַן אומגעהויערן, שרעקלעכן תהום פֿון פּוסטקייט, וועלן מיר זיך אָנשטויסן אויף אַ צווייטער גאַלאַקסי, אויף אַ דריטער, אויף אַ צענטער, אויף אַ טויזנטער, אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג.

ביליאָנען זונען מיט נאָך מער ביליאָנען פּלאַנעטן־ערדן, דרייען זיך אַרום זייערע זונען און באַקומען פֿון זיי לעבן.

צווישן די אָן אַ צאָל און אָן אַ סוף וועלטן, זענען זיכער דאָ אַזעלכע, וואָס שטייען נאָך אויף אַ נידעריקער שטופּע פֿון אַנטוויקלונג, אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זענען אומגעהויער ווייט אוועק אין זייער פּראָגרעס, און וווּ דער לעבן פֿאַר אַלע באַשעפֿענישן דאָרטן איז שוין אַן אמתער גן־עדן.

צייט און רוים ווערט נישט גענומען אין אַכט פֿאַר דער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס פֿון דעם אוניווערס.

מיליאָנען יאָרן זענען ווי איין רגע פֿאַר דעם וועלט־באַשאַף, און אַ שטח פֿון הונדערטער טויזנטער ליכט־יאָרן — ווי איין אייניציקער טריט.

אונזער אייגענע שפּלדיקע ערד, ניט קוקנדיק אויף די קאָנווולסיעס פֿון אכזריות און רשעות, וואָס באַהערשן איר מענטשהייט פֿון צייט צו צייט, גייט אויך אומפֿאַרמיידלעך צו יענעם באַחרית הימים, וועלכן די ווינציקע גרויסע גייסטער האָבן נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק פֿאָרויסגעזאָגט.

איידער מיר טרעטן צו צו באַטראַכטן די ערד מיט איר לבֿנה, די פּלאַנעטן פֿון אונזער זון־משפּחה, און אויך די זון אַליין — די מאַמע, וואָס אין איר זכות לעבן אַלע אירע קינדער, איז נויטיק צו וואַרפֿן אַ בליק אויף צוריק, כּדי צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי די זון און איר פֿאַרצווייגטע משפּחה זענען געבוירן געוואָרן, לאַנגזאַם אַנטוויקלט זיך און דערגרייכט דעם צושטאַנד אין וועלכן זיי געפֿינען זיך איצט. דאָס, פֿאַרשטייט זיך, וועט געטאָן ווערן אין די ראַמען פֿון פֿיזישע, כעמישע און ביאָלאָגישע נאַטור־געזעצן צו וועל־

פון אלטן קוואל

בע עס זענען שטרענג אונטערוואָרפן אַלע אומצייליקע וועלטן פון דעם אין־סוף.

די געלערנטע אַסטראָנאָמען, פיזיקער און כעמיקער, באַנוצנדיק זיך אָט מיט די אייזערנע געזעצן, מוזן אָבער אָנקומען צו היפּאָטעזן — השערות, וואָס זענען, אויפן גרונט פון די דערמאָנטע געזעצן, קרובים לאמת. זיי מוזן עס טאָן דערפאַר, וואָס קיינער פון זיי איז ביי דעם געבורט פון דער קלענסטער וועלטל אפילו ניט געווען, און קיין עדי־ראיה וואָס זאָלן קענען דערציילן ווי די זאַך איז צוגעגאַנגען, זענען אויך נישטאָ.

אָט די השערות זענען זייער פיל מאָל דורך גאָר אַ סך וויסנשאַפטסלייט דורכגעטראַכט און דורכגעלייטערט געוואָרן, און זענען כמעט דערפירט געוואָרן צו אַ צושטאַנד פון אמת מובהק.

דער הויפּט־געזעץ וואָס הערשט אין וועלט־רוים, און וואָס האָט דער ערשטער — מיט זיין אייזערנער קראַפט — גורם געווען דאָס באַשאַף פון זונען און ערדן, איז דער געזעץ פון גראַוויטאַציע, פון צוציאונגס־קראַפט, וואָס יעדער אַטאָם פון מאַטעריע באַזיצט.

די אומענדלעכע שטרעקעס פון רוים, וואָס זענען פאַררעכנט פאַר אַבסאָלוט ליידיקע פון וועלכער עס איז מאַטעריע, זענען אין דער אמתן ניט אַזוי. דאָ דאָ, דאָ דאָרט אין דעם אין־סוף שוועבן אַרום קאָלאָסאַלע מאַסן פון גאַז־מאָלעקולן. זיי פאָרמירן זייער שיטערע נעפּלען, וועלכע זענען צושפּרייט אויף אַ שטח פון טויזנטער מיליאָן מייל.

די אַסטראָנאָמיע־וויסנשאַפט ציילט זיי אַ סך, פון פאַרשידענער גרויס. און וואָס מער עס ווערן פאַרפולקאָמט די טעלעסקאָפּן, דורך וועלכע אַסטראָנאָמען שטודירן דעם הימל, אַלץ מער ווערן אַנטדעקט אָט די אומגעהויער גרויסע דעפּאָזיטן פון מאַטעריאַל פאַרן אויפבוי פון נייע וועלטן, וואָס גייט אָן אין דער נאַטור אָן אָפּשטעל.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַזאַ גיגאַנטישע נובלינע, וואָס האָט זיך צושפּרייט איבערן גאַנצן שטח, וואָס עס פאַרנעמען אונזער זון מיט אירע פּלאַנעטן. די גאַז־טיילכלעך, וואָס האָבן באַוויזן צוזאַמענציען זיך און פאָרמירן אַ קליינעם צענטער, ווירקן מיט זייער צוציאונגס־קראַפט אויף די לייכטערע טיילכלעך, וואָס זענען

מ. דוכאָוויטש

צושפּרייט אַרום. דאַן קומט פּאַר — פון אָנפאַנג זייער אַ לאַנגזאַמע, און וואָס ווייטער — אַלץ אַ שנעלערע באַוועגונג אין דער גאַנצער גאַז־נובלינע, ביז וואַנען עס קומט אַ מאָמענט, ווען זי פאַנגט־אָן צו דרייען זיך מיט אַ גרויסער שנעלקייט, אַ דאַנק וועלכער די גאַז־מאַסע באַקומט די פאָרם פון אַ קוגל. דאָס איז אַ פיזישער געזעץ. אַ טראָפּן וואַסער, וואָס קייקלט זיך איבערן גלאַטן טיש, האָט די פאָרם פון אַ קיילעכל, ווייל קייקלענדיק זיך, פילט דער טראָפּן דעם זעלבן דרוק אויף זיך פון אַלע זייטן און דאָס גיט אים צו די קוגל פאָרם.

וואָס מער אונזער גאַז־קוגל ציט זיך צוזאַמען אַלץ שנעלער ווערט זיין באַוועגונג אַרום זי ך אַליין. מיטן פאָרגרעס פון זיין שנעלקייט וואַקסט אָבער אויך דער פאָרגרעס פון דער קראַפט, וואָס הערשט אין אַ שנעל זיך באַוועגנדיקן קוגל אַרום זיך אַליין, און וואָס שטרעבט אָפּוואַרפן די טיילן פון צענטער צום פעריפעריע — צו די ־אַנדן. און עס קומט אַ מאָמענט, ווען די קראַפט שטייגט אַריבער די קראַפט פון גראַוויטאַציע, און דאַן רייסט זיך אָפּ אַ שטיק מאַטע־ריע פון דעם קוגל, אין דער פאָרם פון אַ רינג, און ווערט אָפּגע־שליידערט פון אים אויף אַ גרויסן שטח. די גראַוויטאַציע־קראַפט פון דער הויפט גאַז־מאַסע לאָזט דעם רינג אָבער נישט פאַלן אומ־ענדלעך, און צווינגט אים אָנפאַנגען זיין באַוועגונג אַרום איר; אין דער זעלבער צייט האַלט־אָן דער רינג זיין באַוועגונג אַרום זיך אַליין, אָדער אַרום זיין אייגענער אַקס, ווי די געלערנטע רופן עס.

אָט אַזוי איז פאָרגעקומען דאָס געבורט פון אַלע פּלאַנעטן פון אונזער זון־סיסטעם, אָנפאַנגענדיק פון דעם ווייטן פּלאַנעט פּלוטאָן. נאָך אים איז געקומען אויף דער וועלט נעפּטון, אוראַן, נאַכער סאַטורן, יופּיטער, מאַרס, די אָרימע קליינע פּלאַנעטן וואָס באַוועגן זיך אַרום דער זון צווישן דעם מאַרס און אונזער ערד. פונקט אַזוי איז פאָרגעקומען דאָס געבורט פון דער ערד, פון דעם בריליאַנט, וואָס באַשיינט אונזער הימל פּעריאָדיש — אַלס מאָרגנשטערן און פאַרנאַכטשטערן — ווענוס און מערקור — דעם לעצטן און נאָ־ענטסטן צו דער זון.

און אַז די מאַמע האָט געבוירן פון איר טראַכט אַזאַ שיינע

פון אלטן קוואל

משפּחה, אַן עין־הרע, איז זי געוואָרן היפּש עלטער. איר בליץ־באַוועגונג איז געוואָרן געלאַסענער און זי האָט פאַרלאָרן איר געבורטפּעאיקייט. עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז אום צו קענען געבוירן נאָך אַ קינדערלע, דאַרף אונזער מאַמע באַוועגן זיך אַרום איר אַקס מיט 219 מאָל שנעלער, ווי זי באַוועגט זיך איצט. איז דאָס דען מעגלעך פאַר אַן עלטערער מוטער, וואָס איז געוואָרן שווער־לייביק און קען שוין מער נישט שפּרינגען ווי אַ יונגער צוציק?...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַט די אַלע געבורטן זענען פאַרגעקומען אין אַ משך פון צייט, וואָס איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן. אַלנפאַלס האַנדלט זיך דאָ פון אַ סך טויזנטער מיליאָנען יאָרן.

די קינדערלעך, ספּריטנע לאַשעקעס, האָבן אין די יונגע יאָרן נאָכגעטאָן דער מאַמען און אויך אָנגעהויבן קינדלען — ווער מער, ווער ווייניקער און ווער, נעבעך, איז געבליבן אַן עקר. סאַטורן, למשל, האָט אַכט קינדער־לבנות מיט אַ צוגאָב נאָך פון עטלעכע רינגען אַרום זיך. יופּיטער האָט פינף קינדערלעך. מאַרס אַ פּאָרל. אונזער ערד — אַ בת־יחידקע, די פּאָעטישע לבנה. אוראַן — פיר שטיק. ביי דעם ווייטן נעפּטון האָט מען דערווייל אַנטדעקט נאָר איין זינדל. מעגלעך ער האָט זיי מער, נאָר עס איז שווער זיי צו אַנטאַפּן. ווענוס און מערקור זענען קינדערלאָז. אַזוי לכל הפּחות, דענקט מען. עס קען גרייזלעך זיין, אַז זיי האָבן אויך קינדערלעך, נאָר אַזוי ווי די צוויי פּלאַנעטן זענען זייער נאָענט צו דער זון, ווערט דאָס קליינוואַרג פאַרבלענדט פון אירע שטראַלן און מען קען זיי נישט זען.

מיר רעזומירן דאָס געזאָגטע:

פון דער נעפּלדיקער גאַס־מאַסע — דער צוקונפטיקער זון — רייסן זיך פּעריאָדיש אָפּ טיילן, וועלכע באַוועגן זיך אַרום דער הויפּט־מאַסע, און לאַנגזאַם צוזאַמענציענדיק זיך, ווערן פאַרוואַנדלט אין פּלאַנעטן־ערדן. פון די אָפּגעריסענע טיילן — צוליב זייער בליץ־שנעלער באַוועגונג אַרום זיך אַליין — רייסן זיך אויך אָפּ שטיקער, וועלכע פאַרמירן די אַזוי־גערופענע פּלאַנעטן־באַגלייטער, אָדער לבנות.

די אָפּגעריסענע טיילן ווערן אין משך פון הונדערטער מיליאָנען יאָרן צוזאַמענגעצויגן, צינדן זיך אָן און, לאַנגזאַם אָפּקילנדיק זיך, שאַפן סאָלידע פּלאַנעטן.

יופיטער

מיט יעדן טאג ווערט אלץ שווערער צו אטעמען אין דער פאר־סמטער אטמאספערע, אין וועלכער מיר לעבן איצט.

די גאנצע וועלט איז פארפלייצט מיט ליגנערישער, אומפאר־שעמטער פראפאגאנדע, מיט אכזריותדיקע רשעות מיט בלוטיקע טרערן, מיט זודיקן מענטשן־בלוט איז אנגעזאפט די ערד.

דאס בלוט שרייט און רופט פון דער ערד, אבער עס איז נישטא קיינער, וואס זאל זיך צוהערן צו דעם געשריי, וואס זאל אויפכאפן דעם רוף. אין א ווילדן חיהשן דזשאנגל לעבן מיר!...

און דעריבער גלויב איך, איז עס א לעבנס־נויטווענדיקייט פאר אונזער גייסט, — אויף וויפל ער איז נאך דא ביי אונז, — אפרייסן זיך פון צייט צו צייט פון דער טרויעריקער ערד און ווענדן אונזע־ער בליקן צום הימל.

דארט — אין די אומענדלעכע שטרעקעס פון דעם אוניווערס, אין די אומציילבארע זונען און ערדן פון דעם אין־סוף, אין די פאר אונז אומבאגרייפלעכע שפעריישע כוחות, וואס בויען שטענדיק וועלטן, מאכן זיי חרוב און אויף די חורבות פון די צעשטערטע וועלטן ווערן געשאפן נייע, — דארט וועלן מיר געפינען רו פאר אונזער באטריבטן געמיט; דארט וועלן מיר קלאר באגרייפן, אז דאס קליינע זעמדעלע וואס רופט זיך ערד, און אויף וועלכער מיר צאפ־לען זיך אין ווייטאקדיקע אנגסטן, איז אן אבסאלוטער נול אין פאר־גלייך מיט די מילי־מיליאנען וועלטן, גיגאנטן, וואס טראגן זיך מיט אומגעהויערער שנעלקייט ארום זייערע זונען אין דעם אין־סופיקן רוים. און אויב עס איז אזוי, היינט וואס פאר א ווערדע קענען שוין האבן אונזערע, מ׳שטיינס געזאגט, פראבלעמען, אונזערע לײדן און פריידן אויף אט דעם נישטיקן פינטעלע, וואס פארלירט זיך אינ־גאנצן אין די אומבאגרעניצטע רוימען פון דעם אוניווערס.

פון אלטן קוואל

ווען איינעם אזא גיגאנט פון אונזער אייגענער זון־משפחה וועלן מיר איצט פירן אונזער שמועס.

ווען איר וועט ארום ניין אזייגער אוונט ארויסגיין אינדרויסן און אויפהייבן אייערע אויגן צום הימל, וועט איר איבער אייער קאפּ, עטוואס אפּגענייגט צו דרום, דערזען א ליכטיקן ווייסן שטערן, וואס לייכט מיט א רואיקן נישט פינקלענדיקן ליכט.

דאס איז דער פּלאנעט יופּיטער, דער קאלאס פון אלע פּלאנעטן, וואס דרייען זיך ארום אונזער זון און באקומען פון איר ליכט און לעבן.

שטעלט זיך פאר א קוגל, וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן פון טויזנט דריי הונדערט קוגלען אזעלכע, ווי אונזער ערד, און דאן וועט איר האבן א באגריף פון דעם גיגאנטישן יופּיטער.

ער איז ווייט פון דער זון ארום אכט הונדערט מיליאן קילאמעטער, דאס הייסט כמעט פינף מאל אזוי פיל ווי אונזער ערד. און מאכט זיין וועג ארום איר אין עלף יאר, צען חדשים און אכצן טעג. דאס מיינט צו זאגן, אז א יאר אויפן יופּיטער געדויערט כמעט צוועלף אונזערע יאר.

דערפאר אבער דרייט ער זיך מיט א גרויסער שנעלקייט ארום זיין אקס. א פולן דריי ארום זיך אליין מאכט דער פּלאנעט דורך אין קאריגע צען שעה, אזוי דאס דער טאג און די נאכט אויפן יופּיטער זענען נישט מער ווי צו פינף שעה.

דער פּלאנעט איז שטארק צוזאמענגעדריקט ביי די פּאליוסן — אומגעפער אכצן מאל מער, ווי אונזער ערד, אויך איז זיין אקס כמעט נישט אנגעבויגן, און דערמיט שיידט זיך יופּיטער אויך אפּ פון אונזער ערד, וועלכע לויפט איר ארביטע ארום דער זון היפּש אנגעבויגן.

דאס מאכט, אז אויפן יופּיטער איז די לענג פון טאג שטענדיק דאס זעלבע, ווי פון דער נאכט. אויך זענען דארט צוליב דעם נישטא קיין פיר ציטן פון יאר, נאר איין איינציקע ציט — אייביקער פרילינג.

נאר אט דער פרילינג וואלט זיך אונז אויסוויזן פאר דעם שטרענגסטן ווינטער דערפאר, וואס א דאנק דער מוראדיקער שטרע־

מ. דוכאַוויטש

[illegible], וועלכע טיילט אָפּ דעם פּלאַנעט פון דער זון, באַקומט יופּיטער ליכט און וואַרעמקייט פון אונזער שותפותדיקער מאַמען זיבן און צוואַנציק מאָל ווייניקער ווי די ערד.

ווען מיר קוקן אויפן פּלאַנעט דורך אַ טעלעסקאָפּ, זעען מיר אַ גאַנץ היפּשן פּיסק, וועלכער איז באַדעקט מיט טונקעלע און העלע פּאַסן. דאָס זענען געדיכטע, דיקע וואָלקנס, וואָס באַדעקן אים כמעט שטענדיק. זייער זעלטן געלינגט עס צו כאַפּן אַ קוק אויפן באָדן פון דעם פּלאַנעט.

און וואָס באַווייזט דאָס? — דאָס באַווייזט, אַז יופּיטער האָט גענוג וואַרימקייט, וועלכע איז נויטיק צו פאַרמירן אַזעלכע דיקע, שווערע וואָלקנס.

די וואַרימקייט באַקומט ער, וואַרשיינלעך נישט נאָר פון דער זון, נאָר אויך פון זיך אַליין. אַלץ מאַכט דענקען, אַז יופּיטער געפינט זיך איצט אין אַ צושטאַנד, אין וועלכן אונזער ערד האָט זיך געפונען מיט הונדערטער מיליאָנען יאָרן צוריק, דאָס הייסט, אַז דער [illegible]לאַמאַלער צעשמאָלצענער פייערדיקער קויל הייבט זיך ערשט אָן אָפּצוקילן און צודעקן זיך מיט אַ האַרטן שאָלאַכץ. און פאַרשפּעטיקט נאָך זיך דער גיגאַנט אין זיין אַנטוויקלונג טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי אומגעהויער גרויס און האָט — פאַרשטייט זיך — נישט געקענט אָפּקילן זיך אַזוי שנעל ווי אונזער קאַרליק־ערד.

יופּיטער האָט פינף לבנות, וואָס דרייען זיך אַרום אים. די לבנות זענען פון פאַרשיידענער גרויס, און זענען דערווייטערט פון דעם פּלאַנעט אויף פאַרשיידענע שטרעקעס. זיי מאַכן אויך זייער אָרביטע אַרום דעם פּלאַנעט אין פאַרשיידענע צייטן — פון צוועלף שעה ביז זיבעצן טעג.

די גרעסטע לבנה פון יופּיטער איז „גאַנימעד”, אַ קערפּער וואָס איז פינף מאָל גרעסער פון אונזער אייגענער לבנה און האָט פינף טויזנט אַכטהונדערט קילאָמעטער אין דיאַמעטער — אַ גאָר נשקשה־דיק וועלטל.

לפנים, אַז מיט אַ שטיקל צייט צוריק, אַזוי אומגעפער מיט אַ הונדערט מיליאָן יאָרן, איז יופּיטער געווען אַ זעלבסטשטענדיקע זון־

פון אַלטן קוואַל

סיסטעם מיט זיינע פינף ערדן, וואָס האָבן באַקומען פון אים ליכט און וואַרימקייט.

איצט, אַז דער פּלאַנעט קילט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער [illegible] און וועט מיט דער צייט ווערן אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער [illegible] וועט אויף אים און אויך אויף זיינע לבנות־ערדן זיך אַנטוויקלען אַ לעבן, צוגעפּאַסט צו דער מאָס ליכט און וואַרימקייט, וואָס דער פּלאַנעט באַקומט פון זיין מוטער־זון.

דאָס וועט זיין אַ לעבן אינגאַנצן אַנדערש פון אונזער לעבן אויף דער ערד, אָבער אָן שום ספק אַ לעבן, וואָס וועט ברויזן [illegible] אַנטוויקלען זיך גרויס און ברייט אויף דעם גאַנצן קאָלאָסאַלן [illegible] פון דעם פּלאַנעט־גיגאַנט.

פלעקן אויף דער זון

כדי צו קריגן א באגריף פון די זון־פלעקן, מוז מען פריער אין קורצן באקאנען זיך מיט דעם מהות פון דער זון אליין: איר גרויס, דאס ליכט און ווארימקייט, וואס זי פארשפרייט אין וועלט־רוים, די קאלאסאלע כוחות, וואס שטורעמען־אויף איר אויבערפלאך און רייסן ארום פייער־צונגען פון איר אינגעווייד, וואס הייבן זיך אויף צענדליקער און הונדערטער טויזנטער קילאמעטער.

אונזער זון — דאס איז א פייערדיקער קוגל, וואס באשטייט פון אנגעגליטע גאזן, אין וועלכע עס שווימען ארום פונקען די גרויס לאמיר זאגן — ווי די אלפן־בערג. די גאזן, וואס באשטייען אממערסטן פון דעם זייער לייכטן וואסער־שטאף גאז, געפינען זיך וארשיינלעך שטארק צוזאמענגעדריקט, צוליב דעם מוראדיקן דרוק, וואס עס איבט־אוים אויף זיי דאס שטענדיקע צוזאמענציען זיך פון דעם קאלאסאלן קוגל. דאס האלט אבער ניט אפ די פלאמיקע שטראמען, וואס רייסן זיך כסדר ארויס מיט אומבאשרייבלעכן אימפעט, און ווערן אפגעשליידערט אין רוים אויף שטרעקעס — אפטמאל — פון צוויי־דריי הונדערט טויזנט קילאמעטער.

ווי גרויס איז די זון? — איר דיאמעטער איז פון 1,382,000 קילאמעטער. איר אויבערפלאך פארנעמט זעקס ביליאן קוואדראט קילאמעטער. דער גאנצער קוגל אנטהאלט אין קובישע קילאמעטער: 1,390 (מיט פופצן נולן).

דאס איז אזא צאל, וואס די רייכסטע מענטשלעכע פאנטאזיע קען ניט באגרייפן.

פון דער זון וואלט מען קענען אויסקנעטן א מיליאן מיט צוויי הונדערט אכציק טויזנט קוגלען די גרויס ווי אונזער ערד.

לאמיר נעמען א מער צוגענגלעכן ביישפיל פאר אונזער שוואכן באגריף.

פון אַלטן קוואַל

אין אַן עמער, וואָס אַנטהאַלט צוועלף מיט אַ האַלבן ליטער, גייען אַריין 123 טויזנט קאָרן־קערנער. כדי צו האָבן 1,280,000 קערנער, דאַרפן מיר נעמען אַ גרויסן זאַק פון 10½ עמער.

איצט שטעלט זיך פאָר, אַז פון איין זייט ליגט פאַר אונז איין איינציקער קערנדל, און פון דער צווייטער — אַ קופּע קאָרן פון צען מיט אַ האַלבן עמער, און איר וועט באַקומען דעם ריכטיקן באַגריף פון דער ערדס און זונס גרויס.

נעמט אַראָפּ פון דער קופּע איינס, פינף, צען, הונדערט קער־נער און זי וועט בלייבן די זעלבע קופּע, מען וועט עס גאָרנישט מערקן.

אונזער ערד באַקומט פון דער זון אַ מיקראָסקאָפּישע טייל פון ליכט און וואַרימקייט, וואָס זי פאַרשפּרייט אין וועלט־רוים. עס איז אויסגערעכנט, אַז דאָס איז איין טייל פון 2,135 מיליאָן, און דאָך איז עס גענוג צו שאַפן לעבן אין אַלע זיינע אומצייליקע פאָרמען.

ווען מען באַאָבאַכטעט די זון אין אַ שטאַרקן טעלעסקאָפּ, זעט מען אַן אויבערפלאַך באַדעקט מיט פינקלדיקע גרייפּעלעך. די שטרע־קעס צווישן די גרייפּעלעך זענען פיר־פינף מאָל גרעסער פון די גרייפּעלעך אַליין, און זענען טונקעלער פון זיי.

אָפטמאָל פּאַסירט, אַז די גרייפּעלעך אָדער קערנער צערוקן זיך און פאָרמירן גרעסערע טונקעלע שטרעקעס, וואָס מיר רופן פלעקן.

די פלעקן זענען פון פאַרשידענער גרויס, און אין דער צייט וואָס דער דיאַמעטער פון די לייכטנדע קערנער וואַקלט זיך צווישן צוויי און דריי הונדערט קילאָמעטער, דערגרייכט דער דיאַמעטער פון די פלעקן דאָס גרויס פון דער ערד און נאָך מער.

וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די פלעקן אויף דער זון איז נאָך אַלץ ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. עס זענען דאָ מיינונגען, אַז די פלעקן זענען גרויסע שטרעקעס פון דער זונס אויבערפלאַך, וואָס פאַרלירן צייטווייליק זייער אינטענסיוון שיין צוליב טיילווייזער רע־לאַטיווער אָפּקילונג, וואָס ווערן אָבער אין משך פון טעג, אַמהעכסטן וואָכן, ווידער צושמאָלצן פון די העלישע פלאַמען וואָס הערשן אַרום זיי און אונטער זיי. דאָס זענען אָבער אַלץ ניט באַשטעטיקטע היפּאָטעזן.

מ. דוכאָוויטש

זיכער איז, אַז די פּלעקן זענען שטענדיק א פּועל־יוצא פון גרויסע פּערטורבאַציעס, שטורמס און איבערקערעניש, וואָס קומען אַזוי אָפּט פאָר אויף דעם שטענדיק אומרואיקן פלאַך און קאָכיקן אינגעווייד פון דער זון, און דערפאַר מאַקע איז גרויס זייער ווירקונג אויף דער מעטעאָראָלאָגיע פון דער ערד, און, ווי אַנדערע ווילן האָבן, אויך אויף דעם אינעווייניקסטן צושטאַנד פון אונזער פּלאַנעט.

אין די דערשיינונגען פון די פּלעקן איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן א פּעריאָדישער צו־און אָפּ־פלוס. דער פּעריאָד באַשטייט פון עלף יאָר און קען דערוויל מיט קיין זאַך ניט אויסגעטייטשט ווערן.

קאמעטן

די צייטונגען האבן ניט לאנג געבראכט א ידעה, אז א קאמעט פון גרויסן פארנעם דערנענטערט זיך צו דער ערד, און אז אינגיכן, ווי אסטראנאמען האבן אויסגערעכנט, וועט ער דערשיינען פאר אונז אין זיין גאנצן פראכט.

אט די ידיעה — קען זיין — האט אויפגערעגט אן עקזאל־טירטן גלח פון קאליפארניע, וועלכער איז ארויסגעקומען מיט אן אנזאג, אז אין געציילטע טעג וועט חרוב ווערן די וועלט. ווען דער טאג, וואס ער האט אנגעגעבן, איז פאריבער און די וועלט איז גאנץ געבליבן, האט ער אפגעלייגט די געשעעניש אויף נאך עלף טעג. יענע עלף טעג זענען אויך אוועק און — גארנישט.

דער גלח פון קאליפארניע איז ניט דער ערשטער. אויף וועמען קאמעטן ווארפן־אן א טויט־שרעק. פון אוראלטע צייטן, אין אלע לענדער און ביי אלע פעלקער האט דאס פלוצלונגע דערשיינען אויפן הימל פון א שטערן מיט א קאלאסאלן בלישטשנדן עק, וואס צוליגט זיך אפט איבער א גרויסן שטח, ארויסגערופן א געפיל פון א גרוי־זאמער, שרעקלעכער קראפט, וואס טראגט מיט זיך פארשידענע אומ־גליקן און קאטאסטראפעס. מענטשן האבן געזען אין די קאמעטן פיי־ערדיקע שווערדן, דראגאנען, שלאנגען מיט צועפנטע מיילער, ברע־נענדיקע צלמים און וואס ניט. זעענדיק אזעלכע שרעק אויפן הימל, זענען מענטשן געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז געקור־מען די ענדע פון דער וועלט, און אויף דעם סמך האבן זיי אפגעזאגט זייערע פארמעגנס צו די מאנאסטירן, כדי צו ראטעווען זייערע זינ־דיקע נשמות, פארגעסנדיק דערביי, אז אויב די וועלט גייט חרוב ווערן, וועלן דאך די מאנאסטירן אויך אומקומען, איז צו וואס וועט זיי נוצן די אלע פארמעגנס? — די כיטרע מאנאכן האבן אבער ניט

מ. דוכאָוויטש

געשראָקן זיך פאַרן נאָענטן סוף און זייער גערן צוגעגנומען, וואָס מען האָט זיי נאָר געבראַכט.

דער באַרימטער קאָמעט פון 1680־טן יאָר, וואָס איז באַוווסט אין אַסטראָנאָמיע, ווי גאַללעיס קאָמעט, האָט געשאַפן אַ פּאַניק אין איראָפּע. אפילו דער באַוווסטער מאַטעמאַטיקער בערנוללי האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון די הערשנדע אַבערגלויבנס; ער האָט געמאָלדן אַז דער קאָמעט אַליין מיינט טאַקע גאָרנישט, נאָר דער עק זיינער, אָ, דער עק — איז אַ גרויאַזמער צייכן פון גאָטס כעס, און איז אַן אָנזאָג פון גרויסע אומגליקן.

אַ צווייטער געלערנטער פון יענער צייט, אואיסטאָן, האָט אויס־גערעכנט, אַז דער מבול, וואָס ווערט באַשריבן אין חומש, איז פאָר־געקומען אונטער דער ווירקונג פון דעם זעלבן גאַללעי־קאָמעט. אמת, זיינע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס הינקען שטאַרק אונטער, אָבער ניט דאָס אינטערעסירט אונז איצט.

אפילו אין דעם ציוויליזירטן 19־טן יאָרהונדערט קען מען גע־פינען מאָדנע אַבערגלויבנס וועגן קאָמעטן, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן עולם.

דער פראַנצויזישער אַסטראָנאָם דאַמואַזאָ האָט דאַן אויסגע־רעכנט, אַז דער ביעלאַ־קאָמעט וועט דערשיינען אויף די איראָפּעאי־שע הימלען דעם 29־טן אָקטאָבער 1832, אַרום האַלבער נאַכט, און וועט אין זיין וועג דורכקרייצן דעם וועג פון דער ערד אַרום דער זון.

די צייטונגען האָבן באַלד אויפגעכאַפּט די מעלדונג און האָבן עס אויסגעטייטשט, אַז דער קאָמעט מוז אומפאַרמיידלעך צוזאַמענ־שטויסן זיך מיט דער ערד. מענטשן זענען געוואָרן אומרואיק, און פאַרשידענע שרעקן זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל.

כדי צו באַרואיקן די געמיטער, האָט דער באַרימטער געלערנ־טער אַראַגאָ געפונען פאַר נויטיק אָנצושרייבן אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער דערווייזט, אַז דער קאָמעט וועט טאַקע איבערשניידן די אָרביטע פון דער ערד, נאָר אויף אַ שטרעקע פון פינף און זיבעציק מיליאָן קלאָמעטער ווייט פון איר.

פון די פילע אויספאָרשונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, האָט מען פעסטגעשטעלט דאָס קאָמעטן באַוועגן זיך אַרום דער זון אויף

פון אלטן קוואל

זייער צוזיינענע ארביטן, דאס הייסט ניט קייליעכדיקע, נאר זייער לאנגע עליפסן, איינציקע פון זיי אזוי לאנג, אז דאס קאמעט נעמט טויזנטער יארן צו פארענדיקן זיין וועג ארום דער זון.

ווי עס ווייזט אויס, איז די אנטשטייאונג פון קאמעטן פאר־שידן, ווי די פון פלאנעטן. זיי טראגן זיך אין די אומענדלעכע רוימען אין אלע ריכטונגען, און צוקומענדיק נאענט צו דער זון, פאלן זיי־אונטער אונטער איר גראוויטאציע־קראפט און פאנגען־אן צו באוועגן זיך ארום איר.

די זון ווירקט אויף די קאמעטן מיט אירע עלעקטרישע כוחות און באשאפט אין זיי פארשידענע עלעקטרישע שטראמען; אויסער דעם, ווירקט זי אויף זיי מיט אן אפשטויסנדער קראפט, דעם מהות פון וועלכער מיר וויסן נאך דערוויייל ניט, און שליידערט זיי אפ פון זיך אויף קאלאסאלע שטרעקעס, איינציקע ווינציקער, איינציקע מער לאנג.

א קאמעט באשטייט פון א צענטראלן סאלידן קערפער, וואס האט אפט עטלעכע הונדערט קילאמעטער אין דיאמעטער, און וואס איז ארומגערינגלט מיט זייער לייכטע גאזן. זיין לאנגער עק — דאס זענען ליכט אדער עלעקטרישע שטראלן, וואס דער קאמעטווארפט אפ פון זיך אויף מיליאנען קילאמעטער.

אריינפאלנדיק אין אונזער זונס קעניגרייך, הייבט־אן דער קא־מעט גלייך פילן די ווירקונג פון איר. וואס מער ער דערנענטערט זיך צו איר, אלץ מער שטייגט זיין טעמפעראטור און אלץ מער עלעק־טרישע שטראמען בושעווען אויף זיין אויבערפלאך און רופן ארויס די עלעקטרישע אויסשטראלונגען, וואס ווערן אפגעווארפן אין רוים אויף אומענדלעכע שטרעקעס, שטענדיק פון דער זייט פון קאמעט, וואס איז ניט געווענדט צו דער זון.

עס איז אנגענומען, אז גאר א סך קלענערע קאמעטן ווערן פארצערט פון דער זון, ווען זיי זענען אמנאנטסטן צו איר: זיי פאלן אין דעם קאלאסאלן קאלך־אויוון און דינען אלס ברען־מאטעריאל פאר אונזער מאור היום. די גרעסע קאמעטן וועלכע עס געלינגט דורכצוטראגן זיך מיט א מוראדיקער שנעלקייט ארום דער זון און ניצול ווערן פון איר צוציאונגס־קראפט, ווערן, ווי געזאגט, אפגע־

מ. דוכאָוויטש

וואָרפֿן דורך אונז אומבאַוווּסטער קראַפֿט אויף אומגעהויערע ווייטע שטרעקעס, וואָס דריקן זיך אויס אין ביליאָנען קילאָמעטער און דערגרייכנדיק אַ באַוווּסטן פּונקט, ווו דער אַפּוואַרף־קראַפֿט האָט שוין אויף זיי קיין שליטה ניט, טרעט אַריין אין שפּיל די צוציאונגס־קראַפֿט פֿון דער זון, און הייבט־אָן — פֿריער זייער לאַנגזאַם — צו איינציקע מילימעטער אין אַ מינוט — און וואָס ווייטער אַלץ שנע־לער און שנעלער שלעפּן צו זיך דעם וואַגלער פֿון אין־סוף, ביז וואַנען ער קומט ווידער־צו צו דער זון און די געשיכטע חזרט זיך איבער.

אַמאָל טרעפֿט אַז אַ קאָמעט, ביים דורכרייסן זיך אַרום דער זון, פֿאַרלירט אַ טייל פֿון זיין וועזן, אָדער ווערט צושפּאָלטן אויף צוויי־ען, און דאַן זעען מיר צוויי קאָמעטן אַנשטאָט איינעם, וואָס גייען יעדער באַזונדער זיין אייגענעם וועג. עס האָט שוין זאָגאַר געטראָפֿן, מיט אַ קאָמעט — דאָס איז דער ביעלאַ־קאָמעט — אַז ער איז צו־שאָטן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך און האָט געשאָפֿן אַ שטראָם פֿון קלענערע און גרעסערע שטיינער, וועלכע פֿאַלן אויף דער ערד אין דער פֿאָרם פֿון פֿאַלנדע שטערן.

זענען די קאָמעטן אַ געפֿאַר פֿאַר אונזער ערד? — קען פּאַסירן אַ צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי קערפּערשאַפֿטן? —

דער דערמאָנטער געלערנטער אַראַגאָ האָט אויסגערעכנט, אַז אַזאַ צוזאַמענשטויס האָט 280 מיליאָן שאַנסן פֿאַר „ניין" קעגן איין שאַנס פֿאַר „יאָ". דאָס רוים פֿון אין־סוף איז אומענדלעך, און אונ־זער ערד פֿאַרנעמט אין יעדן מאָמענט פֿון איר באַוועגונג אַן אומ־געהויער קליין פּינטעלע אין פֿאַרגלייך מיטן מדבר אָן גרענעצן, וואָס דער אוניווערס־רוים שטעלט מיט זיך פֿאָר.

מיסטעריעס פון דער נאַכט־וואַנדלערין

איר שטויסט זיך אַן מסתמא, ווענן וואָס עס האַנדלט זיך, ווייל ווי איר זאָלט ניט זיין פאַרהאַוועט און פאַריאָגט, דאָך דער־מאָנט איר אַמאָל די יונגע יאָרן, ווען איר האָט ביים פאַרבענקטן שיין פון אָט דער „נאַכט־וואַנדלערין" געשפּאַצירט האַנט ביי האַנט מיט יענער „געטלעכעס וועזן", וואָס איז — דאַרף מען פאַרשטיין — נישט געוואָרן אייער פרוי...

מען האָט די לעצטע צייט זייער פיל גערעדט וועגן איר — וועגן דער לבנה הייסט עס, און מען פּלאַנעוועט אַרויסשיקן צו איר אַ ראַקעטע, וואָס וועט אַנטהאַלטן אַן אויטאָמאַטישן ראַדיאָ־אַפּאַ־ראַט, וועלכער וועט אונז געבן צו וויסן די טעמפּעראַטור פון דער לבנה. דערפאַר, גלויבן מיר, אַז עס איז ניט איבעריק אָפּפרישן אין געדאַנק דאָס ביסל, וואָס מיר וויסן וועגן איר אויבערפלאַך.

פריער פון אַלץ דאַרף מען אין זינען האָבן אַז די טאָפּאָגראַ־פיע פון אונזער באַגלייטערין איז גאַנץ אַנדערש ווי די פון דער ערד. גאָר אַ גרויסער טייל פון איר באָדן איז באַדעקט מיט זייער טיפע און ברייטע, אַזוי־גערופענע, קראַטערן, וועלכע זענען אַרומגע־רינגלט מיט זייער הויכע בערג־שפּיצן. מיר רופן זיי קראַטערן, ווייל אַזוי זעען אויס קראַטערן סיי פון פאַרלאָשענע, סיי פון אַקטיווע וואולקאַנען. מער נישט, וואָס אונזערע קראַטערן האָבן אַ דיאַמעטער — העכסטן פון עטלעכע הונדערט מעטער, אין דער צייט וואָס דער דיאַמעטער פון אַ סך לבנה־קראַטערן האָט 100 קילאָמעטער. גאָר אַ נשקשהדיקער מויל, וואָס האָט אַמאָל געשפּריצט מיט פייער און זודי־קע לאַווע.

די אַלגעמיינע מיינונג פון געלערנטע איז, אַז אויף דער לבנה איז ניטאָ קיין לופט, און אויב עס איז יאָ דאָ עפּעס, איז עס אַזוי שיטער, אַז מען האָט קיינמאָל נישט באַמערקט אויף איר קיין סימן

פון וועלכע עס איז אויסראַמפּפונגען. שוין אָפּגערעדט פון וואָלקנס, צו דער פאַרמירונג פון וועלכע איז נויטיק וואַסער, וואָס פעלט אויך אויף איר.

קומט איצט דער אַסטראָנאָם פּערסי ווילקינס, איינער פון די אָנגעזענסטע מיטגלידער פון דער בריטישער אַסטראָנאָמישער געזעל־שאַפט, און דערציילט אונז, אַז אין צענטער פון דעם פאַרשאָטנטן אויבערפלאַך פון גיגאַנטישן קראַטער, וועלכן מען האָט אָנגערופן פּלאַטאָן, האָט ער באַמערקט פלעקן, וואָס פלעגן זיך באַווייזן און אין א צייט אַרום פאַרשווינדן. זיין מיינונג איז, אַז אָט די פלעקן האָבן זיך געקענט פאַרמירן פון אויסראַמפּפונגען פון אייז, וואָס גע־פינט זיך טיף אין קראַטער.

פיל באַאָבאַכטער, מיט א פעסטער רעפּוטאַציע פון ערנסטע געלערנטע, זענען מיט דער מיינונג, אַז די פלעקן, וואָס ווילקינס האָט געזען, פאַרמירן זיך דערפאַר, וואָס די לבנה — גלויבן זיי — איז אינגאַנצן באַדעקט מיט א דיקן שיכט אייז. איז די זאַך אַזוי:

ווען די לבנה וואָלט האָבן די זעלבע גראַוויטאַציע־קראַפט, ווי אונזער ערד, וואָלט פון דעם צוגאַנגענעם אייז געוואָרן וואַסער־מאָ־לעקולן, דאָס הייסט, לופט־מאָלעקולן, אָנגעזאַפּט מיט וואַסער, און פון זיי וואָלטן זיך פאַרמירן וואָלקנס. אָבער אַזוי ווי קיין לופט איז כמעט ווי ניטאָ אויף דער לבנה און איר צוציאונגס־קראַפט איז זעקס מאָל קלענער, ווי ביי אונז דאָ אויף דער ערד, איז אין דעם מאָמענט, ווען פון דערוואַרימטן אייז ווערט א וואַסער־מאָלעקול, לייזט ער זיך מאָמענטאַל אויף און ווערט נים. די היץ אין מיטן פון דעם לבנה־טאָג, ווען די זון־שטראַלן פאַלן פּערפּענדיקולאַר, דער־גרייכט 214 גראַד לויטן פאַרנהייט־טערמאָמעטער. דאַן קענען זיך פאַרמירן יעדע טיילכל פון א רגע מיליאָנען און מיליאָנען וואַסער־מאָלעקולן, וועלכע — איידער זיי לייזן זיך אויף — גיבן אויף א גאָר קליינעם מאָמענט דעם איינדרוק פון א פלעק, און דאָס האָט ווילקינס געזען.

דערווייל ווייס מען נאָך ניט קיין זאַך קלאָר, און עס איז א מיסטעריע.

און אָט איז א צווייטע מיסטעריע — דער קראַטער „טיכאָ".

פון אַלטן קוואַל

ביי אַ פּולער באַלייכטונג פון דעם קראַטער, דאָס מיינט, ווען די זון־שטראַלן פאַלן גלייך אויף אים, ווערט ער אַ קאָלאָסאַלער צענטער פון בריליאַנטענע שטראַלן, וואָס פאַרבלענדן דאָס אויג און וואָס צעשפּרייטן זיך אויף טויזנטער קילאָמעטער אין אַלע זייטן פון קראַטער. מען דענקט, אַז דאָס זענען גראַנדיעזע גלעטשערס — קאָלאָסאַלע אָנהויבונגען פון אייז־מאַסן, וואָס גליטשן זיך פון די בערג־זייטן אין די טאָלן און גליען אונטער דער ברענענדער זון ווי געשליפענע בריליאַנטן.

עס איז דאָ אָבער אַ יש אומרים, וואָס מיינען, אַז דאָס קען זיין אַ סאָרט גלאָז, מיט וועלכן דער אויבערפלאַך פון יענעם טייל פון דער לבנה איז באַדעקט. אַלעס אַ מיסטעריע, ניטאָ קיין זיכערקייט אין גאָרנישט.

אין די הימלען

קיין זאך מאכט אונז נישט פילן איינצייטיק אזוי קליין און אזוי גרויס, ווי דאָס פאַרשן פון די הימלען...

שטייענדיק פאַר דער אייביקייט פנים אל פנים, און אריינדרינגנדיק אַלץ טיפער און ברייטער אין דעם אומענדלעכן אוניווערס, ווייזט אונז די אסטראָנאָמיע דאָס גאַנצע נישטיקייט פון אונזער וועזן צוזאַמען מיט אונזער ערד און צוזאַמען אפילו מיט דער גאַנצער זון־סיסטעם אונזערער, לגבי דער גראַנדיעזער אומצאָלבאַרקייט און אומענדלעכקייט פון די זון־סיסטעמען און גאַלאַקס־גרופּן פון הונדערטער מיליאַנען זון־סיסטעמען — וואָס זענען צעוואָרפן אין דעם וועלט־אַל.

אין דער זעלבער צייט אָבער פילן מיר זיך דערהויבן, וואָס אונז — שוואַכע שטערבלעכע באַשעפענישן, פאַרוואָרפענע ערגעץ אויף אַ קליין אינדזעלע אין דעם קאָלאָסאַלן אָקעאַן פון וועלט־רוים, איז געלונגען אַרויסצורייסן פון באַשאַף כאָטש אַ שמץ פון זיינע סודות, און באַגרייפן מיט אונזער באַגרענעצטן פאַרשטאַנד אַ קליין טראָפּנדל פון זיין גראַנדיעזער סטרוקטור.

פאַר דער לעצטער צייט האָט די אסטראָנאָמיע געמאַכט קאָלאָסאַלע פאָרגרעסן און דערפינדונגען. מען מעג זאָגן, אַז זי האָט אַנטדעקט פאַר אונז נייע הימלען. זי איז געקומען צום באַשלוס, אַז דער אוניווערס, וואָס איז ביז דאָ נישט לאַנג, צוגענגלעך געווען פאַר דעם מענטשנס פאַרשן, איז אומבאַגרייפלעך גרעסער, ווי מיר האָבן זיך דאָן פאָרגעשטעלט.

אין אונזער אויסגעשטערנטן הימל קאָן מען מיטן אויג — אָן דער הילף פון טעלעסקאָפּ — אַנציילן ביז זעקס טויזנט שטערן. אָבער אַז מען שטעלט־אָן דעם טעלעסקאָפּ אויף איינִיקע פלעצער פון הימל דערזעט מען אין זיין פעלד טויזנטער שטערן, וואָס פינקלען ווי

פון אלטן קוואַל

בריליאַנטן, וואָס דער טעלעסקאָפּ איז גרעסער, אַלץ מער שטערן אַנטדעקט ער. איבערהויפּט ווערט מען אַנטציקט, ווען מען ווענדט דעם אָקולאַר פון טעלעסקאָפּ אויף וועלכן עס איז פּונקט פון דעם אַזוי גערופענעם מילך־וועג — אַ ברייטער ווייסלעכער פּאַס, וואָס ציט זיך איבערן גאַנצן לענג פון הימל. — אין טעלעסקאָפּ באַווייזן זיך מיליאָנען קליינע פינקלדיקע שטערנדלעך, וואָס זענען אַזוי מוראַדיק ווייט פון אונז, אַז פאַרן פּראָסטן אויג גיסן זיי זיך צוזאַמען אין איין ווייסלעכן פלעק.

אונזער זון מיט אַלע אירע פּלאַנעטן און מיט אַלע שטערן, וואָס מיר זעען אויפן הימל, זענען מיטגלידער פון דער גרופּע, וואָס צו־זאַמען מיט די שטערן פון דעם מילך־וועג, שטעלן־צונויף דעם גאַ־לאַקסי, אין וועלכן, לויט די לעצטע פאָרשונגען און אויסרעכענונ־גען פון אַסטראָנאָמען, געפינען זיך אַרום הונדערט מיליאָן שטערן, אייניקע פון זיי קלענער פון אונזער זון און אַנדערע — נישט אַן ערך גרעסער פון איר.

די שטערן פון גאַלאַקסי זענען אַזוי שרעקלעך ווייט איינע פון די אַנדערע, אַז צווישן אייניקע פון זיי איז דאָ אַ מהלך פון הונ־דערט טויזנט ליכט־יאָר. (אַ ליכט־יאָר — דאָס איז אַן אַסטראָנאָ־מישע מאָס פון אומגעהויער גרויסע שטרעקעס. דאָס ליכט לויפט־דורך אין איין רגע דריי הונדערט טויזנט קילאָמעטער. רעכנט אויס וויפל עס וועט דורכמאַכן אין אַ יאָר, און דאַן כופלט עס אויף הונ־דערט טויזנט — וועט איר האָבן אין קילאָמעטער די ווייטקייט פון איין שטערן צום צווייטן).

אָפּגעטיילט פון אונזער גאַלאַקסי מיט תהומען פון פּוסטקייט, וואָס הגם מען קאָן עס אויסדריקן אין ציפערן, וועלן אָבער די אַסטראָנאָמישע צאָלן גאָר נישט זאָגן אונזערע מענטשלעכע באַ־גריפן, ווייל עס זענען דאָ נאָך פיל גאַלאַקסיס. ביז איצט האָט מען זיי אָנגערעכנט העכער הונדערט טויזנט. און מיט דער פאַרפולקאָמענ־הייט פון אָקולאַר־אינסטרומענטן, וועט אויך זיכער פאַרגרעסערט ווערן זייער צאָל.

מיר זאָגן — תהומען פון פּוסטקייט. אין דער אמתן זענען די תהומען נישט פּוסט. דער רוים, וואָס איז דערגרייכבאַר פאַר אַסטראָ־

נאָמישן אינסטרומענטן, איז פול מיט גאַז, שטויב און אפילו האַר־טע, סאָלידע שטיקער פון פאַרשידענעם גרויס. דאָס אַלץ קומט אין ברוך־שטיקער. עס באַגעגענען זיך אָבער אויך קאָלאָסאַלע גאַזאָווע שטרעקעס, וואָס זענען צעשפּרייט אומגעהויער און כדי דורכלויפן פון איין עק זייערן צום צווייטן וועט אַ ליכט־שטראַל פאָדערן צוויי טויזנט יאָר.

די וויסנשאַפטלייט ווילן האָבן, אַז דאָס זענען די לאַבאָראַטאָ־ריעס פון דעם אוניווערס, ווו וועלטן ווערן באַשאַפן.

פאַר דער אייביקייט עקזיסטירט נישט קיין צייט. אין משך ווער ווייסט פון וויפל הונדערטער מיליאָנען יאָרן, אונטערן דרוק פון דעם גראַוויטאַציע־געזעץ, וואָס טרייבט די מיקראָסקאָפּישע גאַזאָווע טיילכעלעך צוציען זיך איינער צום צווייטן, ווערן די קאָלאָסאַלע גאַזאָווע נובלינעס צוזאַמענגעפּרעסט און הייבן אָן לייכטן מיט אַ בלאַסן ליכט. נאָך שפּעטער צינדן זיי זיך אָן און פלאַקערן מיט העלישן פייער, באַקומענדיק — אַדאַנק אַנדערע פיזישע געזעצן — די פאָרם פון אַ קוגל און אומפאַרמיידלעכע באַוועגונגען אַרום דער איינענער אַקס, טראָגנדיק זיך אין דער זעלבער צייט אַרום אַ צענ־טער מיט פאַרשידענע, אָבער שטענדיק גרויסע, שנעלקייטן.

פון די „נובלינעס", לויטן געזעץ פון צענטער־אַנטלויפנדער קראַפט רייסן זיך אָפּ שטיקער און ווערן אָוועקגעשליידערט אין רוים אויף פאַרשידענע ווייטקייטן, ביז וואַנען די מאַמע, וואָס האָט זיי געבוירן, — שוין דעמאָלט אַ זון — פאַרהאַלט די קינדערלעך מיט איר צוציאונגס־קראַפט און נויט זיי צו באַוועגן זיך אַרום איר.

און אַזוי ווערן באַשאַפן גאַנצע זון־סיסטעמען.

וועלטן ווערן נישט נאָר באַשאַפן, זיי ווערן חרוב אויך.

אַסטראָנאָמען ווערן אָפּט דערשטוינט פון אַ נייעם שטערן, וואָס צינדט זיך מיט אַמאָל אָן אין הימל. ער שיינט מיט יעדן טאָג און אַמאָל יעדן שעה פאַרגרעסערטן און העלערן ליכט. דערנאָך ווערט זיין ליכט אַלץ שוואַכער און שוואַכער ביז וואַנען ער לעשט זיך אויס אינגאַנצן און פאַרשווינדט.

דער שטערן איז נישט קיין נייער. מיר האָבן אים אָבער נישט געזען אפילו דורך די מעכטיקסטע טעלעסקאָפּן, אַזוי ווייט איז ער

פון אלטן קוואל

פון אונז. און אַט האָט ער עקספּלאָדירט, אַ מוראדיקע קאַטאַסטראָפע פאַר זיינע פּלאַנעטן, וואָס ציען פון אים די חיונה, אַ זיכערער מאָמענטאַלער טויט: די שרעקלעכע היץ, וואָס דער אויפרייס פון זייער זון האָט געשאַפן, האָט זיי צעשמאָלצן אין איין כהרף-עין און פאַרוואַנדלט אין גאַז. עקספּלאָדירנדיק, האָט ער אַנטוויקלט אַזוי-פיל הונדערטער טויזנטער מאָל מער ליכט, אַז מיר האָבן אים דערזען. זיין ביליאָנען-יאָריקער לעבן איז געווען פאַרבאָרגן פאַר אונז, און נאָר ביים שטאַרבן האָט ער זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער פּראַכט. דאָס איז אָבער דער פּראַכט פון גסיסה. אַט באַלד, אין גאָר קורצע עטלעכע טעג, וועט ער זיך פאַרוואַנדלען פון דער מוראדיקער היץ אין אַ גאַזאָווער „נובלינע" און וועט ווידער פאַרשווינדן אין דער אייביקייט. דורך ביליאָנען און ביליאָנען יאָרן וועט ער דורכמאַכן דעם ציקל פון אַנטוויקלונג און ווידער ווערן אַ לעבעדיקער שטערן-זון מיט אַ גרויסער משפחה פון קינדער און קינדס-קינדער (לבנות, וואָס ווערן געבוירן פון די פּלאַנעטן ביי זייער פאָרמירן זיך).

אַזוי ווי די אייביקייט איז אייביק און דער אין-סוף האָט קיין אָנהייב און קיין סוף נישט, איז אַט דאָס דער וואונדערבאַרער אמת פון בונה עולמות ומחריבם.

נישט ביי אַלע שטערן קאָנען מיר זיין וויטע באַאָבאַכטער פון זייער יציאת-נשמה. מיליאַרדן, ביליאָנען פון זיי אין אומענדלעך-וויטע „גאַלאַקסי", לעבן און שטאַרבן פאַרבאָרגענע פון אונזער אויג.

לויט די קאָמפּליצירטע אויסרעכענונגען פון וויסנשאַפטלייט, לעבט אַ שטערן דורכשניטלעך צוועלף טויזנט מיליאָן יאָר. וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ מער ווערט ער צונויפגעפּרעסט, און דאָס שאַפט אַזאַ שרעקלעכע היץ אין זיין אינגעווייד, אַז ער מוז אויפרייסן.

אונזער זון איז אינגאַנצן ערשט אַרום דריי טויזנט מיליאָן יאָר אַלט, נאָך גאָר אַ יונגער צוציק, און דאָך איז אין איר אינגעווייד שוין גאַנץ וואַרים — פערציק מיליאָן גראַד... לויטן כלל, הייסט עס, האָט נאָך אונזער זון צו לעבן אַן ערך ניין טויזנט מיליאָן יאָר, גענוג צייט, אַז מיר, אונזערע קינדער און אַפילו אונזערע אור-אייניקלעך, זאָלן רואיק אויסלעבן זייערע יאָרן...

די פאַרבאָרגענע נאַטור־כוחות

א מאָדנע בריה איז דער מענטש. ער זוכט, ער נישטערט אַריינ־צודרינגען וואָס טיפער אין די סודות פון דער נאַטור, קיינע שווע־ריקייטן שטעלן אים ניט אָפּ. און ווען עס געלינגט אים אַנטדעקן א נייעם פאַרבאָרגענעם כוח, וואָס קען וועלטן איבערקערן, ווערט ער באַצויבערט פון זיין אייגענעם אויפטו און הערט ניט אויף צו רעדן און טראַכטן וועגן דעם. אָבער ניט אויף לאַנג. עס גייט פאַרי־בער א שטיקל צייט און דער מענטש ווערט געוויינט מיטן געדאַנק וועגן דעם ניי אַנטדעקטן כוח און פאַרגעסט אָן אים. נאָר די וויסנ־שאַפטסלייט, אַט די היוון, וואָס רירן שטענדיק דעם טייג, גייען ווייטער אָן מיט זייער אַרבעט און פאָרשן, און עקספּערימענטירן, כדי וואָס מער אַרויסצוציִען ביי דער נאַטור אירע טיף פאַרבאַהאַלטענע סודות.

איינגאַנצן זענען פאַריבער געציילטע יאָרן זינט די וועלט איז אויפ־געטרייסלט געוואָרן פון דער אַטאָמישער באָמבע, וואָס האָט באַ־וויזן, וואָס פאַר א מוראדיקע קראַפט עס איז באַהאַלטן אַט אין דעם אומבאַגרייפלעך קליינעם אַטאָם, און שוין זענען מענטשן צוגעוויינט געוואָרן און כמעט ווי פאַרגעסן אָן דעם.

עס איז אָבער כדאי פון צייט צו צייט דערמאָנען דער וועלט, פון איין זייט — וועגן דעם גרויסן וווּנדער, וואָס איז באַהאַלטן אַט אין דעם פּיצעניאַנינקן קערפּערל, און פון דער צווייטער — פון דער שרעקלעכער געפאַר פון אומקום, וואָס באַדראָט דער גאַנצער מענטש־הייט אַט פון דעם בייזן וווּנדער, אויב זי — די מענטשהייט — וועט זיך ניט פאַרקירעווען אויף נייע וועגן.

עס איז זייער שווער פאַר א געוויינלעכן מענטשן פאַרצושטעלן זיך די אומגלויבלעך קליינע מאָס פון אַן אַטאָם. אונזערע חושים קענען נישט באַגרייפןביידע עקסטרעמען — סיי אומענדלעך גרויס,

פון אלטן קוואַל

סיי אומענדלעך קליין. דערפאַר וועלן מיר דאָ פּרוּוון דורך אַ פאַר־גלייך געבן אַ באַגריף פון דער אומענדלעכער קליינקייט פון דעם אַטאָם.

דער אַטאָם פון אוראַניום, דאָס איז דער מינעראַל, וואָס איז געווען דער הויפּט־מחותּן ביים דערפינדונג פון דער אַטאָם־באָמבע, וועט אונז דינען אַלס אַ מוסטער. אין אַ שטח, וואָס פאַרנעמט אַ סענטימעטער, דאָס הייסט אַ הונדערט חלק פון אַ מעטער, קען מען אויסלייגן אַכט הונדערט מיליאָן אַזעלכע אַטאָמען. דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלעס. דער נוקלעאָ, דאָס האַרץ פון דעם אַטאָם, אין וועלכן עס איז באַהאַלטן זיין אויסערגעוויינלעכע קראַפט, איז אין באַצוג צו דער גרויס פון גאַנצן אַטאָם ווי איינס צו הונדערט טויזנט, דאָס הייסט, דאָס האַרץ פון אַטאָם איז מיט הונדערט טויזנט מאָל קלע־נער פון דעם אַטאָם אַליין. מיינט עס, אַז אין דעם זעלבן לענג פון איין סענטימעטער קענען זיך אויסלייגן אָט די „הערצער" אַכט הונ־דערט מיליאָן געדאָפּלט אויף הונדערט טויזנט, דאָס איז אַ סומע, וואָס שרייבט זיך — אַכט מיט דרייצן נולן.

איצט וויטער. אין דעם שטח פון אַטאָם, וואָס איז הונדערט טויזנט מאָל גרעסער פון זיין צענטער, פון זיין האַרץ, געפינען זיך 92 עלעקטראָנען וועלכע באַוועגן זיך אַרום צענטער, ווי די פּלאַנעטן אַרום דער זון.

און איצט קומט די פאַנטאַסטישע טייל פון אַטאָם, דאָס אומ־באַגרייפלעכסטע. אָט דער קליינער צענטער, וואָס איז הונדערט טויזנט מאָל קלענער פון דעם אַטאָם־קערפּערל, אַנטהאַלט 99 פּראָ־צענט פון דער אַלגעמיינער מאַסע פון אַטאָם; הונדערט טויזנט, כמעט, פאַרפאַקט אין איינס, איז דאָס ניט אַ פאַנטאַזיע וואָס אונזער שכל קען ניט באַנעמען?

און אַז דער צענטער, דאָס אַטאָם־האַרץ ווערט צושפּאַלטן, באַ־פרייט עס אַן אומגעהויערן סכום פון קראַפט, וואָס קען וועלטן חרוב מאַכן. דאָס איז ריכטיק אין באַצוג צו אַלע קעגנשטאַנדן, וואָס געפינען זיך אויף אונזער ערד און אויף אַלע ערדן און זונען פון אוניווערס, — 99 פּראָצענט פון זייער מאַסע אַנטהאַלטן די הערצער פון זייערע אַטאָמען.

מ. דוכאָוויטש

מיט 40 יאָר צוריק האָט דער גרויסער איינשטיין אין זיין באַרימטער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע געלייגט דעם גרונדשטיין פון דער איצטיקער נייסטער דערפינדונג — פון דער אַטאָם־ענערגיע. אין דער דערמאָנטער טעאָריע האָט ער דערוויזן, אַז ענערגיע קען זיך פאַרוואַנדלען אין מאַטעריע און מאַטעריע — אין ענערגיע, וואָס עס איז איצט באַשטעטיקט געוואָרן פולקאָם. נאָך מער, ענערגיע, ווי מאַטעריע, האָט איר וואָג, האָט איינשטיין געזאָגט, און עס דערווייזן מיט עקספּערימענטן. איצט איז שוין געלונגען אָפּוועגן די אומגעהויערע קראַפט, וואָס דאָס האַרץ פון אַטאָם אַנטהאַלט, און פאַרצייכענען אין טאַבעליצעס די וואָג פון יעדן סאָרט אַטאָם־נוקלעאָ. אַלע זיי — אָן אויסנאַם — האָבן די פאָרמע פון אַ פּילקע, און באַוועגן זיך מיט אַ מוראַדיקער שנעלקייט אַרום זייער אַקס — עטלעכע מיליאָן מאָל אין אַ רגע.

אונזער קערפּער, ווי אַלע קערפּערס, באַשטייט אויך פון אַטאָמען, די הערצער פון וועלכע באַזיצן די אויסערגעוויינלעכע קראַפט, וואָס עס באַזיצן די אַטאָם־הערצער פון אַנדערע קערפּערס פון אוניווערס. מיט אונזער טויט ווערן די עלעמענטן פון וועלכע עס באַשטייט אונזער קערפּער, צופאַלן דורכן פּראָצעס פון פוילן, און זיינע פאַרשידענע אַטאָמען באַהעפטן זיך אין פאַרשידענע קאָמבינאַציעס און שאַפן נייע קערפּערס. קיין פיזישער טויט עקזיסטירט ניט אונטער דער זון, בלע המות לנצח.

די אַסטראָנאָמיע פון מאָרגן

זינט גאַלילײ האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַסטראָנאָמיע באַוויזן צו פאַרפאַרטיקן אַ קלײנעם פּרימיטיוון טעלעסקאָפּ דורך וועלכן ער האָט מיט נײַגער באַאָבאַכטעט די פינף לבנות פון יופּיטער, זענען פאַריבער העכער דרײַ הונדערט יאָר. פאַר דער צײַט האָט מען ניט אויפגעהערט צו פאַרגרעסערן די אָקוליאַרן פון טעלעסקאָפּ, וועלכער האָט אַלץ מער און מער געעפנט פאַר אונז די הימלען און אַנטפּלעקט זײערע סודות.

דער נײַסטער טעלעסקאָפּ, וואָס האַלט בײַם פאַרענדיקט ווערן אין מאָנטע פּאַלאָמאַר, קאַליפאָרניע, וועט זײַן דער גיגאַנט צווישן דעם קלאַס אינסטרומענטן. ער בויט זיך שוין היפּשע עטלעכע יאָר און האָט ביז איצט שוין אָפּגעקאָסט איבער זעקס מיליאָן דאָלאַר. זײַן אָקוליאַר — די שפּאַקטיווע, וואָס כאַפּט אויף די דינסטע ליכט־שטראַלן, האָט פינף מעטער אין דיאַמעטער. דורך אַ קאָמפּליצירטער סיסטעם פון אָקוליאַרן און שפּיגלען דערגרײכן די שטראַלן צום אויג פון באַאָבאַכטער און צײגן אים קעגנשטאַנדן פאַרגרעסערטע, אָדער ריכטיקער געזאָגט — נענטערע אויף טויזנטער מאָל.

אויף דעם גיגאַנטישן טעלעסקאָפּ וואַרטן אַסטראָנאָמען פון גאָר דער וועלט מיט דעם גרעסטן אומגעדולד, ווײַל זײ האָפן דורך איבעזן זאַכן, וואָס וועלן שאַפן אַ נײַע עפּאָכע אין אַסטראָנאָמישער ווּיסנשאַפט.

די בלוטיקע מלחמה, וואָס נוטיקט זיך אין פערפעקטע פאַרשידענע זע־און־הער־אַפּאַראַטן, טרײַבט די געלערנטע צו אַרבעטן אָנגעשטרענגט אין זײערע לאַבאָראַטאָריעס און קאַבינעטן. פון דעם ביסל, וואָס דאָס מיליטער־מאַכט דערלויבט צו דערקונדיקן זיך, ווײסן מיר, אַז עס איז שוין דאָ אַן אַפּאַראַט, וואָס האַלט נאָך אין פאַרפולקאָמט ווערן, וועלכן מען קען אָנרופן: עלעקטראָנישער טע־

לעסקאָפּ. ווען ער וועט פּאַרטיק ווערן, וועט דער גיגאַנטישער טעלעסקאָפּ פון מאָנטע פּאַלאָמאַר אויסקוקן קעגן אים, ווי פערד און וואָגן קעגן אַן עראָפּלאַן.

אין דעם עלעקטראָנישן טעלעסקאָפּ וועט די אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט זיך מתחתן זיין מיט ראַדיאָ און טעלעוויזיע, ווייל עס ווערן אין אים אָנגעווענדעט די זעלבע פּרינציפּן וואָס אין די צוויי וווּנדערבאַרע דערפינדונגען, דאָס זענען די פּרינציפּן פון גאָר קליינע עלעקטרישע שטראָמען און זייער ווירקונג אויף זאַכן.

דער נייער צוקונפטיקער טעלעסקאָפּ וועט קאָסטן, לפי ערך, זייער ביליק, פאַר דעם געלט, וואָס עס קאָסט־אָפּ דער טעלעסקאָפּ פון מאָנטע פּאַלאָמאַר, וועט מען קענען אויפשטעלן עטלעכע טויזנט טעלעסקאָפּן. דאָס וועט פאַרמערן די צאָל מענטשן, וואָס וועלן פאָרשן דעם אוניווערס; און אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַקט, וואָס דער עלעקטראָנישער טעלעסקאָפּ וועט אומגעהויער מער ווי די איצטיקע טעלעסקאָפּן פאַרגרעסערן קעגנשטאַנדן און ציִיגן זיי דעם באַאָבאַכטער אין אַ קלאָרן און גלענצנדן צושטאַנד, וועלן זיך פאַרמערן אַנטדעקונגען, וועגן וועלכע מיר חלומען אפילו ניט.

נאָך אַ רעוואָלוציע וועט דער נייער טעלעסקאָפּ אַריינטראָגן אין דעם הינזיכט, וואָס אַזוי ווי איין ראַדיאָ־סטאַנציע פאַרשפּרייט קלאַנגען איבער אַ גרויסן שטח און טויזנטער ראַדיאָ־אַפּאַראַטן כאַפּן זיי אויף און ברענגען זיי אין אונזערע היימען, אַזוי אויך וועט איין טעלעסקאָפּ, דורך אַ סיסטעם פון טריובן אַריינגעצויגענע אין טויזנטער היימען, געבן די מעגלעכקייט טויזנטער באַאָבאַכטער איינצייטיק שטודירן די הימלען אין דער צייט, וואָס מיטן איצטיקן טעלעסקאָפּ קען זיך איינצייטיק באַנוצן נאָר איין פּערזאָן.

עס איז באַוווסט, אַז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם טעכנישן פּראָגרעס אויף פאַרשידענע געביטן, אײַבערהויפּט אויפן געביט פון לופט־פליערײַ. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט דאָך אויך געבראַכט אַ סך טעכנישע נייע דערפינדונגען און פאַרבעסערונגען פון די שוין דערפונדענע, און דאָס גרעסטע אויפטו אויף דעם פעלד וועט זיין דער נייער טעלעסקאָפּ.

מעז יצא מתוק — אין דעם קין־ביין פון טויטן לייב האָט מען

פון אלטן קוואל

געפונען זיסן האָניק, און פון די ביינער פון טויטע טיגערס, וועלן גיפטיקע שלאַנגען וועלן אַרויסוואַקסן נייע זאַכן וואָס וועלן פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון צוקונפטיקע דורות. ווי דערלעבט מען עס, אַז אָט די חיות רעות זאָלן שוין זיין טויט!...

װולקאַנען

מיר לעבן איצט אין שרעקלעכע צייטן; יעדער מאָמענט קען דער קעלער מיט דינאַמיט, אויף װעלכן מיר זיצן, אויפרייסן, װי א װולקאַן. מיר ברויכן טאָקע גאַנץ אָפט אָט דעם פאַרגלייך: װי א װולקאַן.

דענקט איר נישט, אַז עס װאָלט כדאי געװען דורכשמועסן זיך װעגן אָט די װולקאַנען, און טאָקע נענטער באַקאַנען זיך מיט זייער מהות, מיט זייער נאַטור — פון װאַנען נעמען זיי זיך, און װאָס פאַר א ראָל זיי שפּילן אין דעם לעבן פון דער מאַמע־ערד?

איך מיין, אַז יאָ. ערשטנס, װעלן מיר אַריינדרינגען טיפער און אַרומרעדן ברייטער די מערקװירדיקע דערשיינונג אויף אונזער ערד, װאָס הייסט — װולקאַן. און צװייטנס, װעלן מיר פון דעם אפשר אַראָפּנעמען א מוסר־השכל און עפּעס לערנען װעגן יענעם װולקאַן, װאָס שלעבטע, בלוטדורשטיקע מענטשן װילן אויפרייסן מיט זייערע אייגענע הענט.

אונזער ערד, װי אַלע פּלאַנעטן פון דער זון־משפּחה, איז אַרויס פון איר מוטער־זונס טראַכט, און איז דורכגעגאַנגען א סך עטאַפּן פון אַנטװיקלונג, ביז זי האָט דערגרייכט דעם איצטיקן צושטאַנד אירן.

די טעאָריע פון באַשאַף פון אונזער זון־סיסטעם, װי פון אַלע אומציילישע זון־סיסטעמען אין אוניװוערס איז אין קורצן אַזאַ:

מיט טויזנטער מיליאַנען יאָר צוריק איז אויף דעם קאָלאָסאַלן שטח, װאָס פאַרנעמט איצט אונזער זון מיט אירע פּלאַנעטן, געװען צושפּרייט זייער א דינער גאַז, װאָס איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון דעם לייכטסטן װאַסער־שטאָף־גאַז.

אָט דעם גאַז, אין פאָרם פון אומגעהויער־גרויסע װאָלקנס, װאָס שפּרייטן זיך אויף טויזנטער ביליאָנען קילאָמעטער, געפינען מיר נאָר א סך אין דעם אין־סוף'יקן רוים פון אוניװוערס, און ער — דער

פון אלטן קוואל

גאז — איז עס דער מאטעריאל, פון וועלכן וועלטן ווערן באשאפן.

איצט לאמיר זיך פארשטעלן אט דעם גיגאנטישן גאז־וואלקן, וואס איז צעשפרייט אויף דעם מוראדיק־גרויסן שטח, — ער האט נישט קיין שום פארם. אבער א דאנק דעם געזעץ פון גראוויטאציע — פון צוציאונגס־קראפט, — וואס הערשט שטרענג אין דעם אוני־ווערס, פאנגען אן די גאז־טיילכעלעך פון דעם וואלקן צוציען זיך איינע צו די אנדערע, און עס שאפט זיך א באוועגונג אין דער אינערטער מאסע.

יענער טייל פון דער מאסע, וואס איז פריער צוזאמענגעצויגן געווארן, שאפט א קאמפאקטן צענטער, וואס ציט צו זיך די ווייטע טיילן, וואס זענען צעווארפן איבערן וואלקן. עס קומט פאר פריער א לאנגזאמע און וואס ווייטער אלץ א שנעלערע באוועגונג פון דער גאנצער גאז־מאסע, ביז וואנען זי הייבט זיך אן דרייען מיט א מוראדיקער שנעלקייט.

לויט א פיזישן געזעץ, איז יעדע מאסע, וואס באוועגט זיך אין א קענגנשטאנד, ווו דער דרוק אויף איר איז פון אלע זייטן גלייך, נעמט אן די פארם פון א קוגל, און אט די פארם נעמט אויך אן אונזער גאז־וואלקן.

וואס מער דער גאז־קוגל ציט זיך צוזאמען, אלץ שנעלער דרייט ער זיך. אם ענדע קומט אזא מאמענט, ווען די טרייב־קראפט, וואס ווארפט אפ טיילן פון צענטער פון א מאסע, וואס דרייט זיך, ווערט שטארקער פון דער צוציאונגס־קראפט פון די טיילכלעך פון דער מאסע, און דאן רייסט זיך אפ פון דעם קוגל א גאז־רינג און ווערט, מיט דער געוואקסענער טרייב־קראפט פון צענטער, אפגעשליידערט אין רוים, ווו דער רינג דרייט זיך מיט דער פריערדיקער שנעלקייט, באַ־קומט דעריבער אויך די פארם פון א קוגל און צוזאמענציִענדיק זיך אלץ מער, ווערט ער פארוואנדלט אין א פלאנעט, וואס דרייט זיך ארום דער מאמע־זון.

אזוי זענען באשאפן געווארן אלע פלאנעטן און אויך אזוי — זייערע לבנות, וועלכע האבן זיך אויף דעם זעלבן אופן אפגעריסן פון די פלאנעטן, ווען זיי זענען נאך געווען אין דער פארם פון א גאז־קוגל.

מ. דוכאָוויטש

אלזאָ, אונזער ערד, אין דער פאָרם פון א גאַז־קוגל, טראָגט זיך אין רוים אַרום דעם קאָלאָסאַלן צענטראַלן גאַז־קוגל, וואָס מיר רופן זון.

זי ציט זיך אַלץ מער צוזאַמען און פון דעם דרוק שאַפט זיך וואַרימקייט וואָס פאַרגרעסערט זיך מיטן פאַרגרעסערן פון דרוק, און צינדט אָן דעם גאַז־קוגל.

מיטן ווייטערדיקן צוזאַמענדרוק, ווערט דער גאַז פאַרוואַנדלט אין שיטערן פייער. ביסלעכווייז ווערט דער פייער פון אויבן אָפּגע־קילט, און אונזער ערד דעקט זיך צו מיט א האַרטן שאָלאַכץ וועלכער ווערט אַלץ דיקער, וואָס מער דער פייער קילט זיך אָפּ.

ווען דער שאָלאַכץ איז נאָך דין געווען, פּלעגט אָפט דער פייער־קוגל דורכרייסן דעם שאָלאַכץ און פאַרפּלייצן גרויסע שטחים מיט שיטערן פייער.

וואָס ווייטער אָבער, פלעגן די דערשייַנונגען אַלץ ווערן זעל־טענער, ווייל דער שאָלאַכץ, א מער דיקער, פלעגט זיך נישט לאָזן אַזוי לייכט דורכרייסן ביז וואַנען עס איז געקומען א צייט, ווען דער אינעווייניקסטער פייער פון דעם ערד־קוגל מיט די אָנגעזאַמלטע גאַזן האָבן זיך געקענט דורכרייסן נאָר אין געציילטע ערטער, אין דער פאָרם פון א חלל, וואָס ציט זיך פון די צעגליטע טיפענישן פון דער ערד ביז צו איר אויבערפלאַך.

די פייערדיקע פּראָדוקטן, וואָס פלעגן זיך אַרויסרייסן דורך אָט די לעכער, האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום יעדן חלל און געשאַפן הויכע בערג, וועלכע מיר רופן ווולקאַנען. אייניקע פון זיי זענען שוין פאַר־לאָשן געוואָרן, אייניקע אַרבעטן פון צייט צו צייט, און ווידער אַנ־דערע זענען שטענדיק אַקטיוו.

די שאָלאַכץ פון אונזער ערד איז נאָך נישט גאָט ווייס ווי פעסט, זי איז אינגאַנצן וועלכע אַכציק קילאָמעטער דיק, און אין שייכות צום דיאַמעטער פון אונזער ערד־קוגל, וועלכער האָט צוועלף טויזנט זיבן הונדערט צוויי און פערציק קילאָמעטער, איז עס נאָר איין אַכציק־חלק, נעמענדיק אין אַכט די גרעב פון דעם שאָלאַכץ פון ביידע זייטן פון דעם ערד־קוגל, דאָס הייסט הונדערט זעכציק קילאָ־מעטער. נאָר דאָך איז עס גענוג צו צוימען די העלישע פייערן, וואָס

פון אלטן קוואל

בושעווען אין בויך פון אונזער ערד, מיט דער הילף פון די וואל־קאנען, וועלכע דינען אלס קלאפאנעס צום קאכעדיקן קעסל, און דורך וועלכע עס רייסן זיך ארויס די גאזן מיטן פייער, וואס דאס מאכט, אז דער קעסל זאל אינגאנצן נישט אויפרייסן.

איצט ווילט איר דאך וויסן דעם מוסר־השכל דערפון? — אט איז ער.

אין דער „אוטראבע" פון דער מענטשהייט, וואס איז דערוייל נאך א זווערינייע פון צווייפיסיקע חיות, בושעוועט שטענדיק דער פייער פון רשעות, פון בלוטדורשטיקייט. און כדי דער פייער זאל נישט דורכרייסן דורך דער דינער קארע פון קולטור, און זאל נישט פארפלייצן מיט רשעות און בלוט דאס ביסעלע מענטשלעכקייט, וואס די מענטשהייט האט מיט אזוי פיל מי און ליידן דעראבערט, איז נויטיק — פון צייט צו צייט — עפענען די קלאפאנעס און ארויס־לאזן די גיפטיקע גאזן פון חיהשה אכזריות. דאס זענען אונזערע „וואלקאנען", וואס שפייען מיט גיפט און פייער, וואס גיבן אבער דער מענטשהייט די מעגלעכקייט לאנגזאם „אפקילן" זיך, און אזוי שטארק פארפעסטיקן איר קולטור־„שאלאכץ", אז קיין וואלקאן זאל אים נישט קענען דורכברעכן.

פון די פענצטער פון מיין הויז, וואס קומען ארויס צו מזרח, זעען זיךביידע פארלאשענע וואלקאנען, די העכסטע וואס מעקסיקע פארמאגט, — דער אלטער, גרויער פאפאקאטעפעטל און דער אויס־געצויגענער אין דער פארם פון מיטן פנים ארויף ליגנדער פרוי, און אויך מיט א סך יארן זאטער, איקסטלאסיהואטל, וואס מיינט אין דער אצטעקישער שפראך — די שלאפנדע פרוי.

זינט דער פאריקוטין, דער ניי־געבארענער וואלקאן, איז געווארן דער קוימענקערער פון דער ערד און קערט אויס פון איר אינגע־ווייד, מיט פייערדיקער קנאלעריי מיליאנען טאנען סאזשע און דינסטן שטויב, האבן מיר דא אין דער הויפטשטאט נישט געהאט קיין קלארן הימל, און ביידע דערמאנטע וואלקאנען זענען פארבארגן געווען פון אונזערע אויגן. איצט, ווען איך שרייב די שורות, איז דער ערש־טער טאג, ווען דער האריזאנט האט זיך אפגערייניקט און ביידע וואל־

מ. דוכאָוויטש

קאָנען האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז. אָבער — נאָט אין הימל! — אין אַ וועלכן קלאָגעדיקן צושטאַנד מיר האָבן זיי דערזען! — דער גלאַנציקער, ווייסער קאָנוס פון דעם פּאָפּאָקאַטעפּעטל, וואָס בליצט שטענדיק מיט מיליאַרדן בריליאַנטן און ציט זיך מיט זיין שטאָלצן קאָפּ צו דער גאָלדענער זון, איז פאַרחושכט און פאַרשוואַרצט געוואָרן. וור־נישט־ווו זעען זיך נאָך ווייסע שניי־פלעקן, אָבער זיי זענען אויך פאַרסאַזשעט און פאַרשמוצט און זעען אויס נעבעכדיק.

דער קאָפּ מיט די לאַנגע צעפלאָשעטע האָר פון דער אביסל פאַרשייט אויסגעצויגענער דאַמע איז כמעט אינגאַנצן שוואַרץ. איר הויכע ברוסט איז אין שוואַרצע, צעפליקטע שמאַטעס איינגעהילט, און איר, ווי מאַרמאָר ווייסער, בויך און מעכטיקע אַ קאַפּעטשקע צוזאַמענגעצויגענע אַלעבאַסטער־קלאָרע פיס, זענען אַשיק־גרוי און פול מיט טינט־פלעקן.

דאָס האָט זיי דער יונגער צוציק, וואָס האָט זיך מיט געוואַלדן אַרויסגעריסן פון דער מאַמעס בויך אָפּגעטאָן דעם שפּיצל און פאַרשוואַרצט זייערע שטענדיק ליכטיקע פּנימער.

פון די ווולקאַנען ביזן פּאַריקוטין איז העכער פינף הונדערט קילאָמעטער, און דאָס עופהלע האָט שוין קיין עין־הרע גענוג קראַפט צו דערגרייכן זיי מיט זיין שוואַרצן אָטעם.

מיר גייען אויף אונזער ערד מיט פאַרדריסענע קעפּ און מיינען, אַז איר אויבערפלאַך איז אייזן־פעסט. מיר מאַכן אָבער אַ גרויסן טעות.

לאָמיר עס באַטראַכטן אַביסעלע קלאָרער. דער דיאַמעטער פון אונזער ערד־קיילעך האָט גענויע דרייצן טויזנט קילאָמעטער. ווען מיר נעמען לאָמיר זאָגן, אַז אייזערנעם פּרענט פון דרייצן טויזנט קילאָמעטער די לענג און שטעכן מיט אים דורך די ערד, וואָלט דער צווייטער עק פון דעם פּרענט באַוויזן זיך פון דער ערד־אַרויס אַקוראַט קעגנאיבער דעם אָרט, ווו מיר האָבן אים אַריינגעשטאָכן.

די ערד אונזערע איז איר מאַמעס אַ קינד. ווען די מאַמע האָט זי אויסגעכאָוועט און, אַדאַנק דעם געזעץ פון צענטער־אַפּוואַרפנדיקער קראַפט, אָפּגעוואָרפן פון זיך, איז זי געווען איין שטיק פלאַמענדער גאַז. ריכטיק ווען דאָס האָט פּאַסירט קענען מיר נישט וויסן,

פון אלטן קוואל

נאָר לויט די קאָמפּליצירטע אויסרעכענונגען פון וויסנשאַפטסלייט דאַרף עס זיין אַן ערך מיט פינף טויזנט מיליאָן יאָר צוריק, אַ גאַנץ היפּשער צייט־אָפּשניט.

דאָס קינד איז געגאַנגען אין דער מאַמעס דרכים און געטאַנצט דעם זעלבן טאַנץ, וואָס די מאַמע האָט איר געלערנט, — געדרייט זיך ארום זיך אַליין און אין אַ גרויסן ראָד — ארום דער מאַמען, גישט צו פאַרלירן זי פון אויג אַפילו אויף אַ מאָמענט.

פון אַ ברענענדן גאַזאָוון קוגל, וואָס האָט זיך כסדר, אין משך פון אַן האַלבן מיליאַרד יאָרן, לויט דעם געזעץ און גראַוויטאַציע, צוזאַמענגעצויגן, איז געוואָרן אַ פלאַקערנדיקער קוגל פון שיטערן פייער.

אַזוי זענען זיך געגאַנגען די מיליאָנען יאָרן. די פייערדיקע פּיל־קע האָט זיך אַלץ מער צוזאַמענגעדריקט, געוואָרן מאַסיווער, און אין דער זעלבער צייט ביסלעכווייז אָפּגעקילט אין דעם קאַלטן וועלט־רוים איר פלאַמענדן קערפּער, ביז וואַנען עס איז אַנטשטאַנען אַ מאָ־מענט, ווען זי האָט זיך באַדעקט מיט אַ האַרטן דינעם שאָלאַכץ.

זייער אָפט פלעגן די קאָכיקע פייערן אונטער דעם שאָלאַכץ אים דורכרייסן און אַרויסשיסן מיט שיטערע פלאַמען. וואָס ווייטער איז דער שאָלאַכץ אַלץ דיקער געוואָרן, ער איז אָבער געווען נאָך גענוג דין, אַז דער אינעווייניקסטער פייער זאָל אים אָנגליען ווי אַ זו־דיקן אייזן.

די גאַזן, וואָס פלעגן זיך הייבן אין דער הויך פון די דורכגע־ריסענע ערטער, אָדער ווולקאַנען, ווי מיר רופן זיי איצט, פלעגן זיך אָפּקילן און פאַלן צוריק אויף דער ערד אין דער פאָרם פון שלאַקס־רעגנס. דאָ פלעגן זיי פון דער באַרירונג מיט דעם זודיקן אויבערפלאַך, מאָמענטאַל פאַרוואַנדלט ווערן אין דאַמפף, אויפהייבן זיך אין דער הויך און ווידער אַראָפּפאַלן אין וואַסער־שטראָמען אויף דער ערד.

דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען ביז וואַנען דער ערד־שאָלאַכץ איז געוואָרן גענוג דין און אָפּגעקילט. דאַן האָט זיך דער גאַנצער ערד־קוגל באַדעקט מיט וואַסער. דאָס וואַסער איז לאַנגזאַם אַלץ קעל־

־טער געוואָרן, און די ערשטע לעבעדיקע ברואים אין דער פאָרם פון פּראָטאָפּלאַזמען האָבן זיך באַוויזן אין אים.

פון אַלע פּעריאָדן, וואָס אונזער ערד האָט דורכגעמאַכט, איז דער פּעריאָד, ווען זי איז אינגאַנצן באַדעקט געווען מיט וואַסער, דער לענגסטער. זייער לאַנגזאַם האָט זיך דאָס לעבן אַנטוויקלט אין וואַסער. נאָך די פּראָטאָפּלאַזמען זענען געקומען וואַסער־געוויקסן, קאָראַלן, מאָלוסקן, מעדוזן. די קאָראַלן האָבן אין משך פון טויזנטער יאָרן געבויט אונטערן וואַסער און געשאַפן שטיקער יבשה, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון וואַסער אין דער פאָרם פון אינזלען.

די פּילצאָליקע ווולקאַנען, וואָס האָבן דורכגעריסן דעם ים־גרונט און געשפּיגן מיט צושמאָלצענער פייערדיקער לאַווע, האָבן אויך געפורמט אינזלען פון די אַרויסגעשלידערטע פּראָדוקטן.

דאָס וואַסער האָט געשטראָמט אין די אונטערוואַסער־קראַטערן און געזאַמלט זיך אין די פּוסטקייטן פון דער ערד־אויטראָבע, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין איר שאָלאַכץ צוליב איר אָפּקילן און צוזאַמענרוקן זיך. אויף אַזאַ אופן איז דער סכום וואַסער אויפן אויבערפלאַך פון דער ערד געוואָרן אַלץ ווייניקער, און די העכערע ערטער פון דעם ים־גרונט האָבן זיך אַנטבלויזט און זייער לאַנגזאַם געשאַפן מאַטעריקן. אין די מיליאָנען יאָרן פון אַנטוויקלונג, וואָס זענען פאַריבער, איז אויף דער ערד אַנטשטאַנען אַ ברויזנדע טעטי־קייט פון לעבן אין זיינע פאַרשידענע פאָרמען. עס איז געקומען דער מענטש, דער בחיר היצורים, און האָט מיט זיין דערשיינען פאַרענדיקט די גראַדואַלע פּיראַמידע פון לעבעדיקע ברואים.

די ערד האָט זיך פאַר דער צייט נאָך מער אָפּגעקילט און צו־זאַמענגעפּרעסט, אָבער איר שאָלאַכץ איז, לויט די לעצטע אויספאָר־שונגען, נישט מער ווי ביז זיבעציק קילאָמעטער דיק.

איצט באַרעכנט נאָר — אַ פייערדיקע קויל, דרייצן טויזנט קי־לאָמעטער דיק, האָט אַ דין שאָלאַכץ־הייטעלע פון זיבעציק קילאָמעטער דיק פון יעדן זייט, דאָס הייסט — אויף צוועלף טויזנט אַכט הונ־דערט זעכציק קילאָמעטער שיטערן פייער, אָדער ווי איינישע וויסנ־שאַפטלער ווילן האָבן — צוזאַמענגעפּרעסטן גראַניט־האַרטן פייער, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין שיטערער פייערדיקער לאַווע ביים באַ־

פון אלטן קהאל

פרייען זיך פון דעם שוידערלעכן דרוק פון דער ערד־קאָרע — איז דאָ אינגאַנצן הונדערט פערציק קילאָמעטער הארטער שאָלאַכץ; דאָס איז דאָך נאָר אַ הונדערט חלק פון איין פּראָצענט. איז דען אַ וואונדער, וואָס די גרויזאַמע כחות פון איר אינגעווייד רייסן זיך דורך פון ציים־צו־צייט און מאַכן אָן אַ חורבן, וועלכער וואָלט געווען ניט אין ערך גרעסער און קאַטאַסטראָפאַלער, ווען די פּאַרטיקע קלאַפּאַ־נעס, מיט וועלכע די נאַטור האָט אונז באַשיצט, וואָלטן נישט עק־זיסטירט אויף דער ערד.

דאס לעבן איז א סור

דער גרויסער סוד

ווען מען קומט אויפן בית־עולם און מען הייבט אָן באַקענען זיך מיט זיין „באַפעלקערונג" — אָט דאָ ליגט דער און דער, און דאָרטן — זעט נאָר — איך דערוויס זיך ערשט איצט, אַז ער איז גע־שטאָרבן, — און מען גייט פון שטיין צו שטיין, און מען לייענט, אָפט אַביסל פריקרע, שבחים וועגן פאַרשטאָרבענעם, באַגרייפט מען ערשט דעם טיפן זין, וואָס ליגט אין דעם נאָמען: בית־עולם — דאָס אייביקע הויז.

און מאָדנע: אַז מיר גייען דינגען אַ דירה אויף אַ יאָר, זאָל זיין אויף צוויי, אויף דריי יאָר, טאַפּן מיר אויס יעדן ווינקעלע, צי וועט אונז דאָרט זיין באַקוועם; מיר קוקן עס אָן עטלעכע מאָל — אַ קלייניקייט עפּעס, מיר דאַרפן דאָך דאָרט וווינען עטלעכע יאָר!... און די דירה, וווּ מיר דאַרפן פאַרבלייבן אויף אַלע אייביקייטן, אינ־טערעסירט אונז ווי פאַראַיאָריקער שניי; מיר פאַרגעסן גאָר אינ־גאַנצן, אַז אַזאַ זאַך, וואָס וואַרט אויף אונז, און וואָס מיר קענען ניט אויסמיידן עקזיסטירט ערגעץ.

איך קאָן אַ סך מענטשן, וואָס ווערן פאַרטרייסלט ווען מען דערמאָנט זיי די דירת קבע, וווהין זיי שמעקן קיינמאָל נישט אַריין, אָבער וווהין מען וועט זיי פּייערלעך אַוועקטראָגן און איבערלאָזן אין דער ענגער דירה — צי זיי ווילן, צי זיי ווילן ניט. — אויף נאַמנות, נאַרישע מענטשן!...

לאָמיר באַטראַכטן די זאַך אַביסעלע טיפער. פאַר אונז — איי־דער מיר זענען געבאָרן געוואָרן — ליגט אַן אומענדלעכער תהום פון צייט, וואָס קיין מענטשלעכער פאַרשטאַנד קען עס אפילו נישט באַ־נעמען. וואָס איז געווען אונזער ראָל אין יענער אייביקייט? — אַן אַבסאָלוט אינערטנע, נישט עקזיסטירנדע — אַ טויטע.

און אָט זענען מיר דאָ אויף אַ קליינער ווײַלע, צווישן אומצייר־

מ. דוכאָוויטש

ליקע ביליאָנען לעבנס, וואָס טויכן אויף יעדע רגע אויף אונזער פּיציניאַנינקער ערד, בליצט אויף אויך אונזער לעבן. בליצט אויף, גייט דורך אַ ציקל פון אַנטוויקלונג, און דאַן — אויב עס קומט ניט דער סוף דורך גוואַלט אָדער פון אַנשטעקנדע קראַנקהייטן — פאַנגט זיך אָן דער פּראָצעס פון ירידה, פון וועלקן, און עס קומט דער נאַטירלעכער סוף.

די גאַנצע געשיכטע, וואָס דאַכט זיך אונז אויס גאָט ווייס ווי לאַנג — אַ גאַנצער לעבן, דויערט, אין באַצוג צוביידע אייביקייטן, וואָס לויערן פאַר און נאָך אונזער דאָ זיין, אפילו ניט קיין מיליאָנטל חלק פון אַ רגע. מיר קומען פון דער אייביקייט, פאַרהאַלטן זיך דאָ אויף אַן אויגנבליק און פאַרשווינדן אין דער אייביקייט, וו אונזער צושטאַנד איז ווידער — טויט.

הייסט עס, אַז אונזער נאַטירלעכער צושטאַנד אין ביידע אייביקייטן איז דער צושטאַנד פון טויט. דער לעבן — דאָס איז נאָר אַן איבערגאַנג־מאָמענט, וואָס קומט און פאַרשווינדט. היינט וואָס איז דאָ צו שרעקן זיך און צוליב וואָס דאַרף מען אַזוי מרעיש־עולם זיין, ווען עס שלאָגט אונזער שעה אומצוקערן זיך אַהין, פון וואַנען מיר זענען געקומען?

און איצט דאָס צווייטע זייט פון דער מטבע — צוליב וואָס זענען מיר דאָ אויף דער קורצער ווײַלע,און וואָס איז אונזער אויפגאַבע דאָ אויף דער ערד?

אין די זאַך אַזוי. אויב איר זענט אַ גלויביקער און זענט זיכער, אַז די נשמה, וואָס איז אַריינגעבלאָזן געוואָרן אין אונזער גוף, איז גענומען געוואָרן פון די גנזי הנשמות — דעם דעפּאָזיט פון נשמות, וואָס כביכול האָט באַהאַלטן אין זיינע אומענדלעכע גן־עדן גערטנער, און וואָס בעטן זיך מיט טרערן ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל זיי ניט אַראָפּשיקן אויף דער זינדיקער ערד. און נאָכדעם, ווען דער שעפער הערט זיך ניט צו צו זייערע יללות און באַפעלט זיי אַראָפּנידערן אויף דער ערד און מגולגל ווערן אין אַ מענטשן־גוף, דאַרף דעם מענטשנס לעבן אינגאַנצן זיין געווידמעט צו דעם איינאיינציקן ציל — ניט צו פאַרשמוצן די ריינע אומשולדיקע נשמה

פון אַלטן קוואַל

און אומקערן זי ניט קיין פאַרפלעקטע צו איר מקור, פון וואַנען זי איז גענומען געוואָרן.

אויב איר זענט פעסט אין אייער גלויבן, איז פאַר אייך די זאַך פשוט און קלאָר.

אמת, עס זענען דאָ צוויי קשיאלעך אָפּצופרעגן.

ערשטנס, פאַרוואָס זשע גייט איר ניט מיט דעם גלייכן, רעכט־פערטיקן וועג און רייסט זיך כסדר אָפּצוקערן אויף פאַרשידענע קרו־מע און רעכטלאָזע וועגן?

צווייטנס, איז ניט פאַרשטענדלעך דער גאַנצער עסק. צוליב וואָס נעמען ריינע, ציכטיקע נשמות, וואָס ווילן נעבעך ניט גיין, און וואַרפן זיי אויף דער זינדיקער ערד, כדי זיי זאָלן זיך האַלטן אין דער מעלה און אומקערן זיך אַזוי ריין, ווי זיי זענען פריער געווען? ווו איז דאָ דער צוועק און אין וואָס באַשטייט ער?

ווייס איך, אַז אויף דער ערשטער קשיא איז דער ענטפער: דער יצר־הרע, ער, ימח שמו, פירט אונז אַראָפּ פון גלייכן וועג, און אין דעם איז טאַקע די גבורה — אונטערלייגן אים אויףביידע לאָפּאַט־קעס. — איזהו גבור — הכובש את יצרו.

און אויף דער צווייטער — וועט איר מיר ענטפערן: נסתרים דרכי השם — פאַרבאָרגן זענען גאָטס וועגן, און מיר טאָרן וועגן דעם אפילו נישט קלערן...

אויב אָבער איר זענט אַ פריי־דענקער און איר הייבט אָן דער־ציילן מעשיות, אַז קיין נשמה, ווי די גלויביקע פאַרשטייען עס, איז איבערהויפּט נישטאָ; אַז אַלע לעבנס־פונקציעס פון דעם מענטשן זע־נען עלעקטרישע דערשיינונגען, פון וועלכע דאָס גרעסטע טייל איז גאָר נישט אויסגעפאָרשט: אַז ס׳ יש מאַין — עפּעס פון גאָרנישט — קען ניט באַשאַפן ווערן, און אַז די לעבנל־פייערן, וואָס פלאַקערן אין אונז, האָבן שוין ווער ווייסט וויפל מאָל געברענט אין אַנדערע ברואים הן פון דער וועלט פון חיות און הן פון דער וועלט פון פלאַנצן; אַז נאָכדעם ווי די פייערן וועלן זיך אין אונז אויסלעשן, וועלן זיי ניט פאַרלאָרן גיין, אפילו איין פונק פון זיי וועט נישט פאַרשווינדן; עס איז אַן אומענדלעכע קייט פון לעבן אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף — קיין טויט עקזיסטירט גאָר נישט אויף דער ערד;

מ. דוכאָוויטש

אַז דער צוועק פון דעם אַלעם איז — צו דערגרייכן דאָס העכסטע גראַד פאָלקאָמענהייט פון דעם מענטשלעכן מין אויף דער ערד, און ממילא אויך — דעם העכסטן שטאַפּל פון גליק פאַר אַלע ברואים, דאָס הייסט, אַ גן־עדן התחתון אין דעם ריינסטן זין פון וואָרט, — מוז איך אייך זאָגן, אַז דאָס זענען אפשר גאַנץ נישקשהדיקע קאָפּ־סברהס און מאַרך־אָנשטרענגונגען, אָבער — אין דעם הינזיכט פון די אומגעהערטע רציחות און מערדערייען, וואָס פאַרפּלייצן די וועלט — הייבן זיך נישט די הענט צו מאַכן אָט די סברהס פאַר אונזער אני־מאמין, ווייל נישט צום האָמאָ סאַפּיענס — צום פאָלקאָמענעם מענטשן גייט די וועלט, נאָר — צו דער חיה אין וואַלד...

מיר ווייסן גאָרנישט, און כל־זמן מיר וועלן נישט צוימען די חיה רעה אין זיך, וועלן מיר אויך גאָרנישט ווייסן.

צו באַגרייפן דעם טיפן סוד פון טויט און לעבן, דאַרף די מענטשהייט אַרויס פון וואַלד און אָנהייבן לעבן ווי מענטשן. די ענערגיע וואָס ווערט איצט פאַרשווענדט אויף פאַרניכטונג און חורבן, וועט דאַן אויסגענוצט ווערן צו פאַרטיפן זיך אין אָט דעם גרויסן סוד, און סוף כל סוף וויסנשאַפטלעך אויפדעקן דעם שלייער, וואָס באַהאַלט אים פון אונז.

החיים והמות

דאָס לעבן און דער טויט — אַ פּאָר, וואָס גייט שטענדיק צו־זאַמען; מיר רעדן עס אָרוים בנשימה אחת; מיר טראַכטן זיך אָבער ניט אַריין אין דעם מהות פון דיביידע, וואָס זענען די איינציקע הער־שער אין דעם אוניווערס. לאָמיר עס טאָן איצט.

דאָס לעבן, ווי מיר זעען אים אויף אונזער קליינעם פּלאַנעט, פאַרלאָרענעם אין דער אומענדלעכקייט פון אין־סוף, שפּראָצט, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אויף זיין גאַנצן שטח. ער איז אומעטום — אויף דער יבשה, אין די וואַסערן פון ימים און טייכן, אין דער לופטן, אפילו אין די נאָענטע טיפענישן פון דער ערד. עס איז — מלא כל הארץ כבודו.

אָט קומט איצט דער ליבער פרילינג און, מיט דער הילף פון די גאָלדענע זון־שטראַלן, כישופט ער אַרוים פון דער ערד אומציילִיקע לעבנס, וואָס ווערן געבאָרן, צעוואַקסן זיך, גייען דורך דעם גאַנצן ציקל פון זייער קורצן דאָ זיין און פאַלן אַריין אין די מעכטיקע אָרימס פון דעם צווייטן הערשער — דעם טויט. אויפן אָרט פון די פאַרשווונדענע לעבנס, וועלן דעם קומענדן פרילינג אויפטויכן נייע, וואָס וועלן דורכמאַכן דעם זעלבן וועג.

זייט ביי זייט מיט אָט די קורצע, פּרימיטיווע לעבנס גייען אויך די העכערע און לענגערע פון פילע באַשעפענישן, אַריינרעכענענדיק אויך דעם בחיר היצירה — דעם מענטש. זיי מאַכן אויך דורך דעם זעלבן ציקל, נאָר מיט לענגערע פּעריאָדן, און פאַרענדיקן אויך מיטן טויט.

ווען מיר ווענדן זיך צום רוים און דרינגען דורך מיטן קוק פון דער וויסנשאַפט די אומענדלעכע אָפּגרונטן פון שטח, זעען מיר, אַז אויך דאָרטן הערשן די אייזערנע געזעצן פון לעבן און טויט, מיט דעם איינציקן חלוק, וואָס אונזער לעבנס־טאָג געדויערט דאָרטן מי־

ליאַרדן יאָרן. אומצייליקע ביליאָנען זונען שיינען לאַנגזאַם אויף, פאַרמירנדיק זיך פון די קאָלאָסאַלע נובלינען פון זייער דינעם שטאָף, אַנטוויקלען זיך אויך אַזוי לאַנגזאַם, אין משך פון ביליאָנען יאָרן, אין מעכטיקע זון־סיסטעמען מיט זייער פּלאַנעטן־משפּחה, לעבן דורך זייער פּעריאָד פון צייטיקייט נאָך אַ לענגערן פון די פּאָריקע פּע־ריאָדן, גייען דורך זייער אַ לאַנגן פּעריאָד פון ירידה, און שטאַרבן־אָפּ — ווערן פאַרלאָשן, וואָס מאַכט אויך פאַרגיין זייערע פּלאַנעטן, וואָס גערייען מיט זייער ליכט און וואַרימקייט.

אַ סברא, אַז אָט די אויסגעלאָשענע זונען און אָפּגעשטאָרבענע ערדן־פּלאַנעטן, אָט די קאָלאָסאַלע קברים, וואָס טראָגן זיך אין שטח מיט מוראדיקע שנעלקייטן קענען אין משך פון ווער ווייסט וויפל מיליאַרדן יאָרן, — ביי דער אייביקייט שפּילט צייט קיין שום ראָלע ניט — צוזאַמענשטויסן זיך, און פון דעם שרעקלעכן קלאַפּ זיך אָנצינדן און שנעל צושפּרייטן זיך אין אומענדלעכע נובלינען פון דעם דינסטן שטאָף.

און דאַן וועט זיך ווידער אָנפאַנגען דער פּראָצעס פון באַשאַף, אָט דער פּראָצעס, וואָס אַלץ וואָס לעבט אויף אונזער ערד מאַכט דורך נאָכן טויט: צופאַלט אויף די עלעמענטן, פון וועלכע יעדער קערפּער באַשטייט, און די עלעמענטן גייען ווידער אַריין אין נייע לעבעדיקע קערפּערס. אַ קייט פון לעבן, אין וועלכער דער טויט איז נאָר אַן אומפאַרמיידלעכער רינג.

אַ באַשטעטיקונג צו דער סברא זעען געלערנטע אין דעם, וואָס פון צייט צו צייט צינדט זיך פּלוצלונג אָן אויפן הימל אַ נייער שטערן, וואָס אין משך פון עטלעכע נעכט ווערט ער אַלץ ליכטיקער און פּינקלט מיט אַ בלויען שיין. דערנאָך מאַנגט ער אָן ווערן טונ־קעלער מיט יעדער נאַכט און לסוף פאַרשווינדט ער אינגאַנצן. אַזעל־כע פאַלן האָבן אַסטראָנאָמען באַאָבאַכטעט אויפן הימל, זינט ער, דער הימל, ווערט געפאָרשט פון זיי, גאַנצע פיר און צוואַנציק.

פאַרטיפנדיק זיך אין דעם אייביקן סוד פון טויט און לעבן, שטרעבנדיק כאָטש וויפל עס איז אַריינדרינגען אין דער מיסטעריע, וואָס הילט אים איין, מוזן מיר קומען צו דער מסקנא, אַז „אל תבכו למת" איז געזאָגט געוואָרן מיט גרויס וויסן און פילאָזאָפישע באַ־

פון אלטן קוואל

טראכטונגען פון דעם ענין. נאָך מיט מער לעבנס-חכמה און פאַר־שטאַנד פאַרענדיקט זיך דער זאָג מיטן — „בכו בכה להולך". דאָס הייסט, וויינען דאַרפן מיר אויף דעם, וואָס גייט נאָך דאָ אַרום צווישן אונז און פאַרשטייט ניט, אַז דאָס וויינען אויף דעם אַוועקגייענדן האָט אַבסאָלוט ניט קיין זין, ווייל דער טויט איז נאָר אַ בריק, וואָס פירט צו אַ נייעם לעבן.

מענטשן וועלן לעבן 125 יאָר און מער

אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועט מען שוין ניט ווינטשן: ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אָט אַזוי ווי מען ווינטשט איצט ניט — דערלעבט ביז זיבעציק יאָר, פשוט דערפאַר, וואָס מענטשן וועלן דערגרייכן די עלטער פון 125 יאָר און מער, אַזוי ווי זיי דערגרייכן איצט זיבעציק און מער. אַז מען וועט דאַן וועלן צווינטשן איינעם, וועט מען זאָגן: דערלעבט אין פריידן ביז צוויי הונדערט יאָר. עס איז ניט קיין וויץ, מיינע פריינט, די זאַך איז גאַנץ ערנסט.

דער באַוווסטער מעדיצין־פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָ־וויטש באָגאָמאָליעץ, האָט געאַרבעט מיט אַ גאַנצן סטעף דאָקטוי־רים, זיינע אַרויסהעלפער, אין די מאָסקווער לאַבאָראַטאָריעס, כדי צו געפינען אַ מיטל קעגן דער שרעקלעכער קאַנסער־חולאת, וואָס ברענגט־אום אַזויפיל מענטשלעכע לעבנס.

דער רעזולטאַט פון די פאַרש־דענע עקספּערימענטן איז געווען דער, וואָס פּראָפעסאָר באָגאָמאָליעץ האָט אַנטדעקט אַ סעריום — אַזאַ סיוואָראָטקע, וועלכע מען קען פעסט אָנרופן לעבן־עליקסיר.

און אַזוי ווי קריסטאָפאָר קאָלומבוס האָט מיט פיר הונדערט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק געלאָזן זיך שווימען איבערן אַטלאַנ־טיק, כדי צו געפינען אַ נעענטערן וועג קיין אינדיע, און האָט אָנשטאָט דעם אַנטדעקט דעם אַמעריקאַנער מאַטעריק, וואָס איז געווען, איז און וועט נאָך מער זיין אין דער צוקונפט אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט, אַזוי אויך פּראָפעסאָר באָגאָמאָליעץ האָט זיך אַוועקגעלאָזן שווימען אין דעם ים פון וויסנשאַפט, כדי צו באַפרייען די מענטשהייט פון קאַנסער, און האָט אַנטדעקט אַ מיטל, וואָס היילט גרינטלעך: קאַנסער, אַרטריטיס — די געלענקען־קראַנקהייטן, ווי רעאומאַטיזם, פּאָדאַגרע און אַנדערע ענלעכע משחיתים, וואָס פאַראורזאַכן מוראדיקע יסורים, לונגען, לעבער־קראַנקהייטן, היילט שנעל פאַרשידענע ווונדן, העלפט

פון אַלטן קוואַל

צובראָכענע ביינער זיי זאָלן זיך שנעל צענויפוואַקסן, היילט מאָגן און געדערים־אולסערס, און ועל כולם, איז פּראָפעסאָר באַגאָמאָליעץ זיכער, אַז זיין וווּנדער־עליקסיר וועט פאַרלענגערן דעם מענטשנס לעבן ביז 125 יאָר און מער.

ער שפּריצט אַריין זיין סיוואָראָטקע אין זייער מינימאַלע דאָזעס — אַ הונדערט חלק פון אַ קוביק־סענטימעטער, איין מאָל אין דריי־פיר טעג, און עס טוט אויף ממש וווּנדער. ער האָט שוין מיט זיין מיטל געראַטעוועט טויזנטער לעבנס אויף די רוסישע פראָנטן. צענד־ליקער טויזנטער הענט און פיס, וואָס האָבן געדאַרפט אַמפּוטירט ווערן, זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך זיינע איינשפּריצונגען.

זיין דערפינדענעם מיטל האָט פּראָפעסאָר באַגאָמאָליעץ אָנגע־רופן: „אַקס", דאָס זענען ראשי־תיבות פון דריי מעדיצינישע טער־מינען, וואָס זענען שווער אָנצושרייבן און נאָך שווערער אַרויסצו־רעדן. אין דעם נאָמען זעען מיר ווירקלעך די וווּנדערבאַרע וועגן פון דער השגחה: אָט דער טריפהנער נאָמען, די טייוולאָנישע „אַקס", וואָס האָט מיט אַזויפיל בלוט די וועלט פאַרגאָסן, זאָל אויך זיין דער געבענטשטער נאָמען פון אַ מיטל, וואָס וועט ברענגען לעבן און פרייד דער מענטשהייט.

וואָס איז אַזוינס באַגאָמאָליעצעס מיטל?

פון נאָר וואָס פאַרשטאָרבענע יונגע, געזונטע מענטשן, וואָס זע־נען אומגעקומען פון נישט אָנשטעקנדע קראַנקהייטן, נאָר פון אַן עקסידענט, אָדער וואָס זענען געשאָסן געוואָרן, ציט ער אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער, וועלכער איז אין משך פון זעקס ביז צען שעה נאָכן טויט פון מענטשן נאָך פולקאָם פריש, פּרעפּאַרירט אים אויף אַ באַזונדערן פון אים דערפינדענעם אופן, און שפּריצט דעם פּרע־פּאַראַט אַריין אַ פערד, אָדער אַ ציג, דאָס בלוט פון וועלכע ווערט דאַן דער סעריום, וואָס שאַפט די אויסגערעכנטע וווּנדער.

פּראָפעסאָר באַגאָמאָליעץ באַזירט זיין רעוואָלוציאָנערן הייל־מעטאָד אויף דער מעדיצינישער טעאָריע, אַז דער זיג איבער אַלע קראַנקהייטן, אַלטקייט אַריינגערעכנט, איז אָפּהענגיק פון געזונטן און טעטיקן צושטאַנד פון די געוועבן פון קערפּער, וואָס שאַפן אַ נעץ פון צעלן, וועלכע וויקלען אַרום אונזערע מוסקולן, אונזערע ביינער;

מ. דוכאַוויטש

פאַרמירן צודעקן פאַר די מוסקולערע בינדער און דינען ווי וויקעלעך ארום די אינדיווידועלע צעלן; זיי פאַרבינדן אין איין גאַנצן אָרגאַניזם אַלע טיילן פון קערפּער.

פריער האָט מען אָט די געוועבן גערעכנט נאָר ווי אַן עלאַסטישן סקעלעט, וואָס האָט קיין שום ווירקונג ניט אויפן גוטן אָדער שלעכטן צושטאַנד פון געזונט. נאָכער האָט מען אַנטדעקט, אַז אין די געוועבן זענען צושפּרייט צעלן, וואָס פרעסן באַקטעריעס. אַזעלכע צעלן האָט מען אָנגערופן: פאַגאָציטן.

ווען דער מענטש איז אין אַ נאָרמאַלן געזונט־צושטאַנד, פאַרניכטן די פאַגאָציטן די מיקראָבן, וואָס כאַפּן זיך אריין אין קערפּער. ווען אָבער די דאָזיקע פאַגאָציטן פונקציאָנירן שלעכט, קענען זיי נישט פּראָטעזשירן דעם קערפּער, און ער ווערט אַ קרבן פון פאַרשידענע באַקטעריע־מחבלים.

די איינשפּריצונגען פון דעם סעריום „אקס" סטימולירט די פאַגאָציטן, האַלט אויף אין אַ פּערפעקטן צושטאַנד זייער טעטיקייט און ווירקט אויפלעבנדיק אויף דער גאַנצער נעץ, וועלכע האָט אויך די שליחות צו אַסימילירן די שפּייז און זויערשטאָף פאַר דעם בלוט.

לאָמיר צוזאַמען מיט די עקספּערטן אויך גלויבן, אַז, ווי שטענדיק, וועט די זון אויפגיין פון מזרח און ברענגען לעבן און פרייד פאַר אירע אויסגעמאַטערטע קינדער.

אריכת ימים

לאנג לעבן — אן אנציִיענדע טעמע, וואָס לאָקט די מענטשהייט זינט זי עקזיסטירט אויף דער ערד, און וואָס איז, אייגנטלעך, איינע פון די אמייסטן פאַלשע פייערלעך, נאָך וועלכע דער מענטש יאָגט זיך. און פאַלש איז דאָס קאַלטע פייער דערפאַר, וואָס ווען אפילו ער, דער מענטש, זאָל עס דערגרייכן און דאָס לעבן אויף דער ערד זאָל טאַקע פיל פאַרלענגערט ווערן, וועט מען ערשט דאַמאָלסט ארומזען זיך, אז די גאַנצע יאָגעניש איז אומזיסט געווען, ווייל מיט דאָס ביסעלע גוטע, אמתע און ערלעכע, וואָס איז דאָ אויף דער ערד, וועט דאָך אויך פאַרלענגערט ווערן דאָס פולע בייזע, רשעותדיקע און פאַלשע, וואָס פאַרפלייצט זי פון עק ביז עק. האָט דען ניט מער צוועק און זין צו יאָגן זיך נאָך א לעבן, הגם ניט זייער קיין לאַנגן, אָבער א ריינעם, ניט קיין פאַרשמוצטן, איידער נאָך א זייער לאַנגן, אָבער וואָס לענגער אַלץ מער אין רשעות און בלוט איינגעטונקטן? — נאָר ניט דאָס בין איך איצט אויסן.

איך וויל דערמאָנען דעם פאַרשטאָרבענעם געלערנטן וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן געווידמעט דעם פראָבלעם פון אריכת-ימים, און וואָס האָט געלאָזן בירושה אן אויסגעאַרבעטע באַזע, אויף וועלכער די וויסנשאַפטלייט וועלן קענען אויפבויען א פעסטע געביידע לדורות. איך רעד וועגן אַלעקסאַנדער באָגאָמאָליעץ, דעם פאַרשטאָרבענעם פרעזידענט פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אקאַדעמיע, וועמענס וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן צו 64 יאָר פון זיין לעבן — א טרויעריקער וויץ פון גורל.

אין קאַווקאַז איז דאָ א שטיק געבירגיק לאַנד, וואָס הייסט אבכאַזיא, און וואָס געפינט זיך אין די גרעניצן פון דער גרוזינישער סאָוועטישער רעפּובליק. דאָס שטיק לאַנד דאַרף אָנגערופן ווערן: דאָס לאַנד פון לאַנג לעבן. דער קלימאַט, דאָס וואַסער און נאָך אנ־

מ. דוכאָוויטש

דערע פאַקטאָרן מאַכן, אַז דאָס לעבן דאָרט זאָל פאַרלענגערט ווערן אויסערגעוויינלעך.

נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן דאָס לאַנד באַזוכט צוויי גרופּן וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיטן פּראָבלעם פון געראַנגל קעגן אַלטקייט און האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן מיט אַ סך מענטשן, וואָס זענען געווען עדות פון געשעענישן אין 1812 און 1820. דער זכרון פון די אַלטיטשקע איז אַזוי פריש און קלאָר, אַז זיי געדענקען זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט 120־130 יאָר צוריק, אָט ווי זיי וואָלטן געשען נעכטן. זיי האָבן אויך קאָנסערווירט אַרבעטס־פעאיקייט אין פולער מאָס, און ציינגן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס צו אַלע דערשיינונגען פון לעבן.

אויספאָרשנדיק מיט אַ סך איינצלהייטן פיל פון אַזעלכע אויסערגעוויינלעך לאַנגע לעבנס, זענען די געלערנטע געקומען צו אַ פעסטן באַשלוס, אַז דאָס נאָרמאַלע מענטשלעכע לעבן איז ניט פון זעכציק ביז זיבעציק יאָר, נאָר — פון 125 ביז 150.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָט דער גרויסער רוסישער געלערנטער מעטשניקאָוו געווידמעט זיין לעבן אויף אויסצופאָרשן מיטלען, כדי צו פאַרלענגערן דאָס לעבן ביז יענע גרעניצן, ווען דאָס האַרמאָנישע און נאַטירלעכע אַלטקייט באַרענדיקט זיך מיטן טויט, ווי מיט אַן אומפאַרמיידלעכן ביאָלאָגישן פּראָצעס.

היינט צו טאָג זענען דאָ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פיל געלערנטע, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דעם זעלבן פּראָבלעם, אין שפּיץ פון וועלכע עס איז געשטאַנען דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער אַקאַדעמיק אַלעקסאַנדער באָגאָמאָליעץ.

לויט באָגאָמאָליעצעס טעאָריע, איז די סיבה פון פריצייטיקער אַלטקייט דאָס אויסנוצונג פון די סאָסודיסטע געוועבן, וואָס באַהעפטן אין איין גאַנצן און וויקלען אַרום דעם מענטשנס אָרגאַניזם. און ווען עס זאָל געלינגען אַנטדעקן אַ מיטל, ווי אַזוי אָפּצופרישן די פריצייטיק פאַרעלטערטע געוועבן, וואָלט דער גאַנצער קערפּער אָפּגעפרישט געוואָרן מיט נייע כוחות און ווידערשטאַנד קעגן קראַנקהייטן און פריצייטיקן עלטער.

פון אלטן קוואל

נאָך לאַנגיאָריקע פאָרשונגען און עקספּערימענטן איז באַגאַמאָ־ליעצן געלונגען אַנטדעקן אַ סערום, וואָס ווערט אַריינגעשפּריצט אין קערפּער און טוט אויף ווונדער ביי אַ סך געפערלעכסטע קראַנקהייטן.
אין דער לעצטער מלחמה האָט דער מיטל געראַטעוועט אָן אַ צאָל לעבנס פון מענטשן וואָס זענען שטערבלעך פאַרווונדעט געוואָרן. דער דערפינדער האָט דאָס פולע זיכערקייט, אַז אויך אין געראַנגל מיט פּריצייטיקער אַלטקייט וועט זיין מיטל אויפטאָן ווונדער. זיין סערום האָט באַגאַמאָליעץ אָנגערופן „אַקס״ — ער ציט אים אַרויס פון מאַרך און די ביינער פון מענטשלעכע קערפּערס, וואָס זענען ערשט געשטאָרבן דורך אַן עקסידענט, נאָר ניט דורך קראַנקהייטן.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די איינשפּריצונג פון „אַקס״ באַנייט אַ גאַנצע ריי פון פיזיש־כעמישע און פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן אין קערפּער, וואָס פאַרשווינדן אינגאַנצן אָדער ווערן אָפּגעשוואַכט מיטן קומען פון עלטער. עס איז ווי דער סערום וואָלט אָפּגערייניקט די געוועבן פון קערפּער פון אַלע שעדלעכע סובסטאַנצן וואָס קלייבן זיך דאָרט אָן און וואָלט אים באַנייט צו אַ נייעם און אַקטיוון לעבן.

דאָס האַרץ פון דעם גרויסן מענטשן איז נאָך מיט יאָרן צוריק קראַנק געוואָרן, און אַפילו זיין דערפונדענער סערום האָט דאָ ניט געקענט העלפן: עס האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און אויפגעהערט קלאַפּן.

באַגאַמאָליעץ, זיין פיזישער קערפּער, איז טויט, ער וועט אָבער אייביק בלייבן לעבן אין זיינע געניאַלע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען און אַנטדעקונגען צו פאַרלייכטערן די ליידן פון דער ליידנדער מענטשהייט.

דאָס לעבן

האָט איר ווען נישט איז באַמערקט ווי אין אַ פינסטערער, שטאָק־פינסטערער נאַכט רוקט זיך מיט אַמאָל אָן אַ געדיכטער נעפּל און דאַן ווערט די פינסטערניש אַזוי געדיכט, אַז מען קען עס ממש מיטן האַנט אָנטאַפּן.

און אָט איז אַ פאַנאַר ביים ראָג גאַס, וואָס באַלויכט מיט אַ מוטנעם, פאַרטונקלטן ליכט אַ קליינעם סירקל אַרום זיך. מענטשן גייען פאַרביי הין און צוריק, שטעלט זיך אָן אַ זייט און קוקט זיך צו. וואָס זעט איר?

ווען נישט ווען שלייכט זיך אַריין אַ שאָטן. ער קומט פון דער טיפער פינסטערניש, גייט שנעל דורך דעם שלעכט באַלויכטענעם, פאַרנעפּלטן ראָד און פאַרשווינדט ווידער אין דער פינסטערניש, אָט ווי קיינמאָל גאָרנישט געוועזן...

אָט דאָס איז דאָס לעבן.

מיר קומען פון דער פינסטערניש — פון דער אייביקייט, גייען דורך דעם האַלב־פינסטערן קרוג פון לעבן און פאַרשווינדן ווידער אין דער פינסטערניש — אין דער אייביקייט... און ווען מיר פאַר־גלייכן דעם נישטיקן מאָמענט, וואָס נעמט אונז דורכצוגיין דעם קרוג פון לעבן, מיט די צוויי אייביקייטן פאַר אונז און הינטער אונז, ווערט אונז קלאָר די שפּלדיקייט פון אונזער זיין דאָ, און מיר באַגריפן דעם דיכטער, וואָס האָט פאַרגליכן דעם מענטשנס לעבן צום צל עובר — צו אַ שאָטן, וואָס שלייכט זיך דורך...

און כדי אונזער דערשיינען אין דעם טונקעלן לעבנס־סירקל און די עטלעכע טריט, וואָס מיר מאַכן אין אים, זאָלן נישט זיין זינלאָז, מוזן מיר מיט אונזער קורצן לעבן אַריינטראָגן אַביסעלע ליכט אין דעם פינסטערן אַרום.

— דו זעסט — אין דעם מוטנעם נעפּל בראָדיען אומגליקלע־

פון אלטן קוואל

כע באַשעפעניש. נישט געגוג, וואָס אַרום איז אַזוי טונקל זענען זיי נאָך אַליין האַלב־בלינדע און ווייסן נישט וווהין זיי גייען.

און אויב דו ביזט גליקלעכער פון זיי: אויב דו האָסט אויגן, וואָס זעען קלאָר, אויב דו האָסט וויסן, וואָס באַלייכט דיר דעם וועג און צעטרייבט די פינסטערניש, — טו עפּעס אויך פאַר די, וואָס זעען נישט דעם וועג, באַלייכט עס פאַר זיי אַביסל, און דיין זיין דאָ — אין דעם חושכדיקן ראָד פון לעבן — וועט זיין נישט אומזיסט.

איך... איך האָב שוין באַלד דערגרייכט דעם צווייטן זייט פון סירקל. איך בין אים דורכגעגאַנגען מיט אָפענע אויגן, צוקוקנדיק זיך צו מיינע מיטגייער, און איך זאָג דיר, אַז נאָר אַזוי און נישט אַנדערש, האָט אַ זין צו לעבן.

קוק, אָט שפּרייזט איינער מיט שווערע טריט. ער מאַכט מיט די הענט, שטופּט זיך און וואַרפט־אָפּ אַ סך פון די, וואָס קומען מיט אים אין באַרירונג, אין די פינסטערע ווינקלען. ער איז ברוטאַל — ער טרעט אָפּט איבער שוואַכע, אָפּגעשטאַנענע, געפאַלענע און שטרעבט אַלץ פאָרויס... צום צווייטן זייט פון לעבנס־ראָד, ווו ער פאַרשווינדט, ווי אַ רויך... הינטער זיך אָבער לאָזט ער אַ געיאָמער פון די דערדריקטע און — זיין גערעכעניש ווערט געפּלוכט און זיין נאָמען ווערט פאַרשאָלטן...

מענטשן רופן אַזאַ איינעם: דער שטאַרקער, דער מעכטיקער. אָ, מענטשן זענען פאַלש, היפּאָקריטיש: ער איז דער נידעריקסטער, דער בלינדסטער פון אַלע בלינדע...

עס זענען אָבער דאָ אויך גייער מיט שטילע, ערלעכע טריט, זיי שטופּן זיך נישט, פאַרשטעלן קיינעם נישט דעם וועג. פאַרקערט — זיי באַלויכטן אים און פאַרגרינגערן דעם דורכגאַנג פון די, וואָס וואַקלען זיך אין דער פינסטערניש און פאַלן אָפּט, ווי אָפּגעשניטענע זאַנגען...

און אויב דו ביזט אָט פון די ווייניקע, האָט דיין אייגענער וועג אַ ציל און אַ זינען. דיין לעבן איז דאַן פול ביז די ברעגן און דיין נאָמען ווערט געבענטשט.

צוריק - צום אלטן קוואל

דער בוך פון די ביכער

עס איז גוט פון צייט צו צייט פארטיפן זיך אין דעם בוך פון ביכער און נאכפאלגן טריט ביי טריט די וועגן אויף וועלכע עס זע־נען געגאנגען אונזערע פאטריארכן, און זייער פירונג אין פאמיליען־לעבן, וואס האט אויסגעאיבט א קאלאסאלע ווירקונג אויפן צו־קונפטיקן גורל פון זייערע קינדער, פון וועלכע עס האט זיך אויסגע־פורעמט די יידישע אומה.

אברהמס לעבן ליגט פאר אונז ווי אן אפענער בוך. און אריינ־קוקנדיק אין דעם בוך, שטויסן מיר זיך גלייך אן אויף דעם וואנדער־לוסט, וואס האט באוועלטיקט אברהמען — לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך — גיי דיר אוועק פון דיין לאנד, פון דיין אפשטאם און פון דיין פאטערס הויז, צו דעם לאנד וואס איך וועל דיר ווייזן, — דאס איז געווען די שטים, דער אימפעראַ־טיוו, וואס האט אים געטריבן צום וואנדערן, כדי אויסצוזוכן נייע ערדן, נייע לענדער, ווו — ואעשך לגוי גדול — איך וועל דיך מאכן פאר א גרויס פאלק. היינט וואלט מען אט די אברהמס געדאנקען און שטרעבונגען אנגערופן — אימפעריאליזם. פיל מאל ווערט איבער־געחזרט: שא נא עיניך וראה — צפנה ונגבה, וקדמה, וימה, כי את כל הארץ אשר אתה ראה לך אתננה ולזרעך עד עולם — הייב אויף דיינע אויגן און קוק — קיין צפון און קיין דרום, און קיין מזרח, און קיין מערב, ווארים דאס גאנצע לאנד וואס דו זעסט, וועל איך געבן צו דיר און צו דיינע קינדער אויף אייביק.

און ווייטער — דיינע קינדער וועלן זיין ווי שטויב אויף דער ערד, אז אויב עמיצער וועט קענען ציילן דעם שטויב פון דער ערד, וועלן אויך דיינע קינדער געציילט ווערן. דאס זענען אלץ געדאנקען, וואס האבן רוען ניט געלאזט דעם אלטן אברהמען און געטריבן אים

מ. דוכאָוויטש

מיטן וואנדער־שטעקן אין האַנט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער מאַן האָט פאַרמאָגט אַ סך רייכטימער — פי, זילבער און גאָלד.

אין יצחקן, אברהמס זון, באַמערקן מיר ניט דעם אומרואיקן גייסט וואָס האָט באַוועלטיקט זיין פאָטער. און אפילו ווען עס איז אַ הונגער אין לאַנד, קען זיך יצחק ניט באַשליסן צו פאַרלאָזן זיין געבורט־אָרט און אַראָפּגיידערן קיין מצרים, דאָס ברויט־שפּייכלער פון דער אַנטיקער וועלט, און דאָך קוועלן אין אים די „אימפּעריאַליסטי־שע" טרוימען פון אַברהמען, וואָס באַפעלן אים: גור בארץ הזאת, כי לך ולזרעך אתן כל הארצות האלו — ווײַזן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָרים צו דיר און צו דיינע קינדער וועל איך געבן אַלע די דאָזיקע לענדער.

אין יעקבן, אברהמס אייניקל, וואַכן ווידער אויף דעם זיידנס חלומות — הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה ולזרעך. והיה זרעך כעפר הארץ, ופרצת ימה וקדמה, וצפנה, ונגבה, — דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דערויף, צו דיר וועל איך עס געבן און צו דיינע קינ־דער. און דיינע קינדער וועלן זיין אַזוי ווי שטויב פון דער ערד, און דו וועסט זיך אויסשפּרייטן קיין מערב און קיין מזרח, און קיין צפון, און קיין דרום. ווי מיר זעען, זענען עס די זעלבע רעיונות וואָס האָבן געברויזט אין באַוועלטיקט אַברהמען, אפילו מיט די זעלביקע ווערטער.

מיר וועלן פאַרבייגיין די שיינע ראָמאַנטישע אידיליע פון יעקבן מיט רחלען, אויך די סוחרישע קאָמבינאַציעס, וואָס זענען פאָרגע־קומען צווישן לבנען און יעקבן, און וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז יעקב איז דאָך זייער רייך געוואָרן און ער האָט געהאַט פיל שאָף און דינסטן, און קנעכט, און קעמלען, און אייזלען — ויפרץ האיש מאד מאד, ויהי לו צאן רבות ושפחות ועבדים, וגמלים, וחמורים.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דעם מאָמענט — עשו, וואָס פון דאַן אָן און ביז היינטיקן טאָג דריקט די יידישע אומה און פאַר־שאַפט איר גרויסע צרות און ליידן.

אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן איז באַוווסט, אַז די גרעסטע

פון אלטן קוואל

שנאה אנטוויקלט זיך צווישן ברידער, ווען זיי צוקריגן זיך, א סך גרעסער, ווי א שאנה, וואס ברעכט אוים צווישן פרעמדע מענטשן.

עשו איז געווען א מאן, וואס האט „געלעבט אויף זיין שווערד", ווי זיין פאטער יצחק האט אים געבענטשט — ועל חרבך תחית. ער האט נאך אבער אין זיין ברכה צוגעגעבן: ואת אחיך תעבד — זאלסט דיין ברודער דינען, און דאס האט עשו, דער וואלד־מענטש, דער איש ציד, נים געקענט פארטראגן. און הגם לפנים האט ער זיך מיט יעקבן איבערגעבעטן, און האט אים אפילו געקושט ביי דער באגעגעניש, ווען יעקב איז אוועק פון לבנען, אבער טיף אין הארצן האט ער פאר־באהאלטן די שנאה און איבערגעגעבן זי צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער עד היום הזה. קיינמאל, אין דעם משך פון טויזנטער יארן, האט נים געטראפן, אז יעקב מיט עשון זאלן לעבן זייט ביי זייט ווי ברידער; שטענדיק געריסן זיך, שטענדיק געהאסט איינע די אנדערע. און אזוי ווי עשו איז געווען דער מאן מיטן שווערד, און יעקב איז געווען דער יושב אוהל — א בוך־מענטש, וואס זיצט על התורה ועל העבודה, פארשטייט זיך, אז דער געליטענער איז שטענדיק גע־ווען יעקב.

און ענדיקן וועט זיך די וועלט־טראגעדיע פון דעם יידישן פאלק נאר דאן, ווען עשו וועט ארויסלאזן דאס שווערד פון האנט, און ועל חרבך תחיה וועט ווערן א לעגענדע, וואס זיידעס וועלן דערציילן זיי־ערע אייניקלעך פון אמאליקע שרעקלעכע צייטן ווען מענטשן האבן געקוילעט איינע די צווייטע, געביסן און געריסן, ווי די ווילדסטע חיות אין וואלד.

איך צועפן דעם „בוך פון ביכער" און קוק אריין אין אים, און דאס ערשטע, וואס פארכאפט מיין געדאנק איז — די גרויסע פשטות פון דעם טיף־מענטשלעכן דאקומענט, וואס מאלט אין קורצע, ווי פון מארמאר אויסגעהאקטע זאצן, פרייד און ליידן, שרעק און גבורה, גרויסמוט און בייזוויליקייט, התרוממות הנפש און ליידנשאפטן. די בעסטע מענטשן זענען מענטשן, מיט אלע זייערע געפילן און תאוות, מיט זייערע מעלות און פעלערן.

פון אלטן קוואל

אין עטלעכע סדרות ווערט דערציילט די געשיכטע פון אברהם — דעם אב המון גוים, פון זיין זון יצחק און אייניקלעך יעקב און עשו — די פאטריארכן פון דער יידישער אומה, און פון עדום — עשום קינדער.

טאקע פאטריארכן, גרינדער פון פעלקער, אבער מענטשן מיט אלע זייערע שוואכקייטן.

אברהם געפינט זיך אונטער זיין פרוי שרהס איינפלוס, זי איז די עקרת הבית, און וואס שרה זאגט אים טוט ער. אפילו אזא דעליקאטער ענין, ווי נעמען א צווייטע פרוי, די מצרית הגר, קומט אויך פון שרהס איניציאטיוו, זי הייסט עס אים טאן און ער פאלגט. וישמע אברהם לקול שרי.

און דערנאך, ווען הגר ווערט טראגעדיק פון אברהמען און שרהן דאכט זיך אויס, אז הגר, איר דינסט, קוקט אויף איר פון אויבן אראפ, קלאגט זי זיך פאר אברהמען און דער גרויסער פאטריארך און גאט־זוכער ענטפערט איר אויף דעם: דיין דינסט איז אין דיין האנט, טו מיט איר וואס עס איז גוט אין דיינע אויגן.

אויך רבקה, יצחקס פרוי, האט געוועלטיקט אין הויז. צו פערציק יאר האט יצחק געהייראט. דאס איז פאר יענע ציימן אין די מזרח־לענדער געווען א זעלטנהייט. אפילו היינט, אין אונזערע טעג, איז א בחור פון פערציק יאר אן אלטער בחור.

און אז אן אלטער בחור האט חתונה מיט א יונג שיין מיידל, פירט זי די גרענדע אין שטוב, בפרט נאך אין דעם דאזיקן פאל פון יצחקן, לויט אלץ, וואס ווערט דערציילט וועגן אים אין חומש, איז דער מאן געווען א שוואכלינג און אלץ און אלעמען נאכגעגעבן; דאס זעען מיר קלאר אין דער געשיכטע מיט די ברונעמער, וואס ער האט געגראבן אין טאל פון גרר. די ברונעמער זענען נאך געגראבן געווארן אין די טעג פון זיין פאטער אברהם, און ווען אברהם איז געשטארבן, האבן זיי די פלישתים פארשאטן. איצט האט זיי יצחק ווידער אויסגעגראבן. און ווען די פאסטוכער פון גרר האבן געוואלט פארכאפן די ברונימער פאר זיך, לאזט ער זיי איבער איין מאל און דעם אנדער מאל און טראגט זיך אפ אין אן אנדער ארט.

און דאס, וואס ער לאזט זיך יינגלוויוז בינדן ווי א שעפס פון

טאטן, כדי געבראכט צו ווערן פאר־א קרבן אויפן מזבח, צייגט אויך אויף דעם צוקונפטיקן מאן אן ווילן און כאראקטער.

רבקה איז מיט ליב און זעל צוגעבונדן צו איר זון יעקב, וואס איז געווען א פארחלומטער, שטילער בחור, א יושב אוהל. דאקעגן, דעם הפקר־יונג עשו, וואס פארברענגט זיין צייט אויף געיעג, און וואס איז באדעקט מיט האר, ווי די חיות וואס ער פאנגט, האט רבקה ניט שטארק ליב.

דאס איז געווען רבקהס איניציאטיוו, אז יצחקס ברכות זאלן אנקומען יעקבן ניט עשון. אז ווי נאר יצחק וועט צומאכן מיט אן אויג, וועט ער יעקבן דערהרגענען דערפאר, וואס ער האט ביי אים אויסגענארט די בכורה און דעם טאטנס ברכה, איז דאס אויך רבקהס אויפטו אפצושיקן יעקבן צו איר ברודער קיין חרן. דעם שוואכן און האלב־בלינדן מאן אירן מאטיווירט זי איר פארלאנג מיט דעם, וואס עס איז איר שוין מיאוס געווארן דאס לעבן פון די בנות־חת, וואס עשו האט גענומען, און אויב יעקב וועט אויך טאן דאס זעלבע, דארף זי שוין גאר ניט לעבן אויף דער וועלט.

אין געציילטע ווערטער איז דא ארויסגעבראכט דער כאראקטער פון א שטארקער פרוי, איר צוגאנג צו ווירקן אויף איר שוואכן מאן און שטעלן אויף אירס. אונזערע היינטיקע שרייבער דארפן אנשרייבן בייגנס גאנצע, כדי ארויסצוברענגען דאס זעלבע.

יעקב פארלאזט דעם פאטערס הויז און וואנדערט אוועק קיין חרן, ווו לבן, זיין מאמעס ברודער וווינט. ער ווערט דארט אויפגענומען ווי אן אייגענער, און כמעט פון ערשטן קוק פארליבט ער זיך אין לבנס יינגערער טאכטער רחל.

דער ליבער אנקל לבן איז טאקע א גוטער פעטער, אבער גלאט אזוי אוועקגעבן יעקבן זיין טאכטער גייט עס ניט, ער דארף זי אויסקויפן ביים טאטן, לויט דעם מזרח־שטייגער.

יעקב, דער גרויסער קבצן, וואס — ווי ער זאגט אליין וועגן זיך — רק במקלי עברתי את הירדן — איז אריבער דעם ירדן אויפן וועג קיין חרן נאר מיטן שטעקן, לייגט־פאר לבנען „קאלים” פאר זיין טאכטער, זיינע פאר ארבעטזאמע הענט און זיין קלוגן קאפ. זיבן יאר פארפליכטעט ער זיך דינען פאר רחלען.

מ. דובאָוויטש

ער פּאַשעט לבנס שאָף, דאָס הויפּט־רייכטום פון יענע צייטן, און מיט פאַרשידענע קלוגע קאָמבינאַציעס געלינגט אים אָפּצושפּאָרן עפּעס פאַר זיך אַליין. אַנשטאָט זיבן יאָר דינט ער לבנען פערצן יאָר, ווייל יענער האָט אים אונטערגערוקט זיין עלטערע מיאוסע טאָכטער לאה, וואָס איז נאָך דערצו קראַנק געווען אויף די אויגן, אויפן פּלאַץ פון דער שיינער, געליבטער רחל, אין פינצטערן שלאָף־צימער באַמערקט עס יעקב ניט. און ווען ער כאַפּט זיך אינדערפרי, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט, און טענהט צום פעטער: סטייטש, פעטער־לעבן, היתכן? — איך האָב דאָך דיר ערלעך געדינט פאַר רחלען לאַנגע זיבן יאָר, איז ווי גאַרסטו מיך אַזוי מיאוס אָפּ? — ענטפערט דער האַרציקער פעטער: אָפּנאַרן — גאָט באַהיט. דאָס איז געטאָן געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס דאָ ביי אונז איז ניט אָנגענומען התונה־מאַכן די יינגערע פאַר דער עלטערער. מירן אָפּהוליען די שבעה ימי המשתה און מיר וועלן דיר אויך די יינגערע געבן פאַר — נו, דו ווייסט דאָך שוין, פּלימעניקל, דעם פּרייז — פאַר נייע זיבן יאָר דינסט.

פערצן יאָר אָפּגעפינצטערט ביי לבנן, ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט, און אַז יעקב וויל דערנאָך אומקערן זיך מיט זיינע ווייבער און קינדער אהיים צום טאַטן, לאָזט אים לבן ניט אָפּ פון זיך. מען ווערט מושוה, אַז יעקב וועט באַקומען באַצאָלט פאַר זיין ווייטערדיקער אַרבעט מיט געפלעקטע און געשפּריינקלטע שאָף, וואָס וועלן געבאָרן ווערן. דער דורכגעטריבענער לבן נעמט פאַרזיכטיק אַרויס פון זיינע טשערעדעס אַלע געפלעקטע און געשפּרינקלטע שאָף און גיט זיי איבער זיינע זין צו פּיטערן. צווישן זיי און די טשערעדעס, וואָס בלייבן פאַר יעקבן צו פּיטערן, מאַכט ער אַ שטרעקע פון דריי טאָג גאַנג, כדי, חלילה, די לעצטע זאָלן זיך ניט קענען פאַרקוקן און געבוירן געשפּרינקלטע אָדער געפלעקטע וואָס דאַרפן שוין, לויטן אָפּמאַך, געהערן צו יעקב.

יעקב, דער קומענדער ישראל, מאַכט די ערשטע שריט פון צו־פּאַסן זיך צו די אומשטענדן און כיטרעוועט איבער לבנען.

אים געלינגט אָפּצוטרייסלען זיך פון לבנס פאָטער־ און פעטער־ליבע און אַרויסראַטעווען בשלום זיין האָב און גוטס. ער האָט אָבער

פון אַלטן קוואַל

נאָך קיין צייט ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווי עס רוקט זיך אָן אויף אים דאָס באַגעגעניש מיט עשון. דאָס ערשטע באַגעגעניש פון די אומצייליקע פּגישות רעות, וואָס עס שטייען־פאָר זיינע קינדער מיט עשום קינדער.

יעקב האָט מורא, יעקב איז באַקלעמט. ער זוכט מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען דאָס שארית־הפליטה פון די הידים ידי עשו.

די באַגעגעניש איז דורך בשלום. דער ווילדער, צולאָזענער עשו איז עלטער געוואָרן, געוואָרן רייך און שטאַרק דורך די פיר הונדערט זייניקע, וואָס קומען מיט אים. די אַלטע אַבידע, וואָס ער האָט אויף זיין ברודער, קוקט ביי אים איצט אויס, ווי אַ קינדער־שטותעריי. באמת, וואָס פאַר אַ ווערט האָט פאַר עשון דעם שטאַרקן, דעם מעכ־טיקן, דעם בלינדן טאַטנס ברכה, אָדער גאָר די בכורה, וואָס איז ניט ווערט אַפילו דאָס טאָפּ לינדזן, פאַר וועלכן דער לעקישעוואַטער יעקב האָט זי ביי אים אָפּגעקויפט...

יעקב קושט זיך מיטן ברודער און וויינט. ער האָט זיכער געזען דאָן די אומצייליקע באַגעגענישן, וואָס שטייען פאָר זיינע מיט עשום קינדער, און וואָס ווייט ניט אַלע וועלן דורכגיין בשלום...

די שפּראַך, די געטאַקטע, קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן, אין וועל־כע דאָס וואָרט דערציילט, איז דער איינציקער מוסטער צווישן אַלע ליטעראַטורן פון דער וועלט. דאָס איז די ביבל מיינט פריינט, דער בוך פון ביכער, דער תנ"ך, וואָס דער יידישער גייסט האָט געשאַפן, און וואָס די גאַנצע מענטשהייט פאַרהייליקט. דאָס בעסערע טייל פון איר קוקט אָפּט אַריין אין דעם בוך. און נאָר מיר, זיינע שעפער, פאַרגעסן אַז זיין עקזיסטענץ. און לעבן אָפּטמאָל־אָפּ דאָס גאַנצע ביסל יאָרן ניט עפּענענדיק אים אַפילו...

אַ ביטערער פּאַראַדאָקס!...